STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06000

# TSVISHN BLITS UN DUNER

Hirsh Osherowitch

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-06000-3

D:\YIDDISH\TITLES\9780657060008T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Lief D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

הירש אָשעראָוויטש

☆

# צווישן בליץ און דונער

קאָמיטעט
פאַר
ייִדישער קולטור
אין ישראל

# ביכער-סעריע

שרײַבערס עולים פון
סאָוועטן-פאַרבאַנד

הירש אָשעראָוויטש

# צווישן בליץ און דונער

לידער און פּאָעמעס

פאַרלאַג י. ל. פּרץ ישראל
תשל״ג — 1973

HIRSH OSHEROWITCH

TZWISHN BLITZ UN DUNER

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby str., Tel-Aviv

הירש אָשעראָוויטש / צווישן בליץ און דונער
פאַרלאַג י. ל. פּרץ, רח׳ אלנבי 31, תל־אביב

פּאָרטרעט געצייכנט פון מיכאל מילבערגער

©

Printed in Israel 1973
נדפס בישראל תשל״ג

דפוס „אור״ בע״מ ת״א, שד׳ הר־ציון 104, טל. 822481



אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון

ליטעראַטור־פאַנד ביים פאַראיין פון יידישע שרייבערס און
זשורנאַליסטן אין ישראל

קרן תל־אביב לספרות ולאמנות און

פאַנד אויפן נאָמען פון אַברהם דב אַבראַהאַמס

# צווישן די מילשטיינער פון קידער־ווידער

## שפּערעלעך פון פייער...

שפּערעלעך פון פײַער כ׳האָב אַ מאָל געזען.
אָבער ווו, כ׳געדענק ניט, כ׳קען ניט זאָגן, ווען.

איצט, ווו כ׳זאָל ניט קומען, פליִען זיי מיר נאָך —
פּיצעלעך פון שׂרפה, ברעקעלעך פון בראָך.

זע איך, אַז ס׳איז ליכטיק, שרעק איך זיך פאַר דעם:
אפשר איז די העלקייט גאָר פון זייער ברען?!

און אַז כ׳זע אַ שפּערל — נאָך אַ גרויער — פליט,
קוק איך אָן אים חשדיק און געטרוי אים ניט.

ווילנע, מאַרץ 1968

# ט ע נ ה

אָ, מלאך מיכאל,
געאַכפּערטער שרף,
דו, שר פונעם ייִדישן פאָלק,

שפּאַנסט אום זיך אין הימל
מיט גלאַנציקע פליגל
און מאָנסט ניט ס׳גערעכטע געצאָלט,

וואָס קומט פאַר די טרערן,
באַליידיקונג, שענדונג,
פאַר שיפלות, פאַר רישעות, פאַר מאָרד.

גערעכטער שליח,
ישראלס באַשיצער,
ווי קומט עס, דו האָלטסט ניט געטס וואָרט?...

ווילנע, יוני 1969

# חורבן־קאַראַהאָד

נעם איך זיך אַליין אָן פאַר די הענט
און איך גיי אַ קאַראַהאָד מיט זיך.
מײַנע יונגע יאָרן — אויסגעברענט,
אַן ארומגעסמאַליעטער — מײַן איך.

ערגעץ איז פאַרבליבן אַזוי פיל,
און פאַראַן איז דאָרטן גאָרנישט מער!
שפּיל איך זיך מיט זיך אַליין אַ שפּיל
און צולהכעיסדיק אַליין זיך שטער...

איינער גיי איך אין מײַן קאַראַהאָד,
איינער כ'שפּיל אין „קאַמער־קאַמער־הויז",
פרעג בײַ זיך און ענטפער אום צי גראָד,
יאָג אַליין זיך אין אַ „קאַץ־און־מויז"...

ערגעץ איז פאַרבליבן אַזוי פיל,
און פאַראַן איז דאָרטן גאָרנישט מער!
שפּיל איך זיך מיט זיך אַליין אַ שפּיל
און צולהכעיסדיק אַליין זיך שטער...

נעם איך פעסטער נאָך זיך פאַר די הענט,
מיט אַ פּרצוף אַ צעקרימטן כ׳לאַך.
הינטער חורבנס לעכערדיקע ווענט
שפּיל מיט זיך אַליין איך אין באַהעלטערלעך...

ווילנע, יאַנואַר 1968

# בײַ נאַכט

איך ווייס, אַז די שטערן
זיי זענען גאָר אויגן.

די לעבנס פֿאַרפֿלויגן,
די אויגן געבליבן —
מיט אַרבעסלעך שײַן
הימלען חושך באַשריבן...

איך ווייס, אַז די שטערן
זיי זענען גאָר טרערן
פֿון ייִדישע אויגן.

די זיפֿצן פֿאַרפֿלויגן,
די טרערן פֿאַרבליבן —
מיט טראָפּנדלעך פֿײַן
הימלען אומרעכט באַשריבן...

ווילנע, מאַרץ 1968

# אַ בלאַט געשיכטע

וואַלגערט זיך אין הויף אַ בלאַט, אַרויסגעפליקטער פון דובנאָווס
געשיכטע.
דאָ — ווו ס'איז שוין העכער פינף און צוואַנציק יאָר ניטאָ קיין ייִד,
און דער אויגנבליאַסק פון בלייכע שוואַרץ־באַרעמלטע געזיכטער
האָט נאָר אויף די קריסטלעכע איקאָנעס זיך פאַרהיט...

וואַלגערט זיך אַ בלאַט מיט שריפט, וואָס קיינער, קיינער
קען שוין דאָ ניט איבערלייענען אים און פאַרשטיין..
שוואַרצע צייכנס — קאַנטיקע, ווי די טרעבלינקע־שטיינער,
לייגן זיך אין ווערטער, וואָס פון זיי קען פלאַצן שטיין...

ווו זענען די אַלע שמות, ספרים און יריעות,
אַז געבליבן איז איין יתום־בלאַט פונעם געשעענישן־בוך?
רוקן זיך גערדאַנקען — קאַלטע, ווי אין שבט די קרָיִעס,
פאַלן שנייעלעך — פון פאַגראַמירטע פערענעס דער פוך.

פלאַטערט אויפן ווינט דער אויסגעפליקטער בלאַט פאַרגעלטער,
טרייסלט זיך אויף אים דאָס מאָגערע געשטאַלט פון אַ
לובלינער רב.
וויפל מאָל אַנטווישט האָט די געשיכטע דעם גערודפטן
פאַרשעלטער,
דאָס האָסטו ניט אויסגעפאָרשט, דובנאָוו?!

אַלצדינג, וואָס ממשותדיק איז דאָ געווען, זעט אוים איצט, ווי
ניט ריכטיק,
גלייַך די גוט באַקאַנטע וואָר וואָלט דאָ גאָר קיין מאָל ניט קיין
נעסט געהאַט.
ניין! — ניט דער בלאַט געוואָרן איז אַרויסגעפּליקט פון דער
געשיכטע,
די געשיכטע איז געוואָרן אָפּגעריסן פונעם בלאַט...

ווילנע, יאַנואַר 1969

## אַ ווילדער וועטער הײַנט...

אַ ווילדער וועטער הײַנט.
עס דוכט, דער גאַנצער אומרעכט פון דער וועלט האָט זיך צעוויעט.
די וואָלקנס וואַרפן זיך — צעקאָדערטע פאַרשוועכטע פאָנען,
און דער, וואָס האָט צעריסן זיי, — אָן אינו־ניראה קײַכט...

אַ ווילדער וועטער הײַנט.
דאָרט, אויפן ברעג פון טײַך,
אַ פישפאַנגער איז אומגעפאַלן פון אַ האַרצשלאַק,
און נאָך זײַן פאַלן איז אַרויף אַ פיש אויף זײַן ווענטקע.
וואָס מאַכט דער חלום מיט דער וואָר —
קרימט ער זי איבער, צי פאַרקריפּלט?

אַ ווילדער וועטער הײַנט.
איז דען אַ טרייסט, וואָס אויך דער גזלן וויינט
מיט פונקט די זעלבע טרערן?
און איז דען דאָס געווייַן דער לויג,
וואָס האָט כאָטש ווען ניט איז
איין טראָפּן בלוט אָפּגעוואַשן?
ווער דאַרף אַ פרייד, וואָס צאַפּלט אויף דער ווענטקע דעמאָלט ערשט,
ווען ס'איז דער פאַנגער טויט שוין?
ווי וועפּט עס זיך די שימחה אויס,
אויב זי אויך לכתחילה ניט פאַרמאָגט האָט שטאַרקייט?

אַ ווילדער וועטער הײַנט.
אָ, גרויזאַמער נשמה־חשבון — פּאָטער פון חרטה,
אויך איך האָב טעמפּ געפּרעפּלט „עקצע האָמאָ",
און קנײַענדיק פאַר יענעם, ז י ך פאַרקלײנלעכט.
די קייט פון פרעסן איינס דאָס צווייטע האָט קיין סוף ניט,
און דעם חד־גדיא־מאָרד ניט שטענדיק גאָט פאַרענדיקט!...

אַ ווילדער וועטער הײַנט.
אַ ניט־געוויינלעכער, אַ בייזער, אָבער רײַפער;
און רײַפקייט איז די צײַט פון ערב־זיקנה —
דער עלטער, וואָס אַנשטאָט צו ברענען, טשאַדעט.
ניט וויינען און ניט לאַכן, נאָר פאַרשטיין
איז דאָס געבאָט פון פּיקחות.
דאָך פּיקחות, פּענטענדיק די בענקשאַפט,
גיט איר מער נאָך פרײַהייט
און רעגט אונדז אָן צו בעטלען גליק —
דאָס סאַמע אומפּינקטלעכסטע וואָרט אין מענטשנס לשון
און סאַמע גרעסטער שונא פונעם אמת...

אַ ווילדער וועטער הײַנט.
דער פישער, וואָס געפאַלן איז פון האַרצשלאַק, ליגט אַ טויטער,
זײַן זשעדנעקייט אין ווענטקע לעבט
און טוט דאָס איריקע זיך ווײַטער:
עס צאַפּלט אומנייטיק שוין אויפן האָק אַ פישל —
אַ פאַנג, געפאַנגען נאָכן פאַנגערס טויט...

אַ ווילדער וועטער היַינט,
אַ מאָדנער וועטער!

**ווילנע, יוני 1968**

## פיר זענען אַרײַן אין פּרדס...

פיר זענען אַרײַן אין פּרדס
פון די פרוכט זײַנע געניסן.
ס׳איז דער טאָג געווען אַ העלער,
די כּוונה — הייליק־לויטער;
נײַגער האָט געשוועבט אויף פליגל,
אומרו האָט דאָס בלוט גערודערט.
אָ, דער פּרדס, אָ, דער פּרדס —
סודי־סודותדיקער פּרדס.

לאַנגע גרויע באָרד בן־עזאי,
מיטן פעלדזיק האַרטן פּנים,
שאַרפן דאָרשטגלאַנץ אין די אויגן,
ס׳האָט דײַן האַרץ ניט אויסגעהאַלטן —
אויף אַן אָרט ביסט טויט געפאַלן,
ווען עס האָט דײַן גאַנג דערפירט דיך
צו דער רוי־אַנטפּלעקטער וואָרהייט.
אָ, בן־עזאי! יאָ, בן־עזאי,
אַלע זענען מיר, ווי דו.

בלייכער, ערלעכער בן־זומא,
ווייכע, וואַקסענע נשמה,
וואָס איר שעדיקט יעדע שטרויכלונג,
ס׳מינדסטע ווינטעלע אַפילו,

ס'איז דײַן קלאָרער זין געוואָרן
פון שיגעון אויפגעריסן,
ווען דײַן בליק אַדורכגעקראָגן
האָט זיך דורכן סודות-פּאַרהאַנג.
אָ, בן-זומא! יאָ, בן-זומא,
אַלע זענען מיר, ווי דו...

אָפּגעשטויסענער אלישע —
אָפּטריניקער בן-אבויה
מיטן חרפּה-נאָמען „אחר",
ווי דאָס זאַלץ צעגייט אין וואַסער,
איז צעגאַנגען דײַן אמונה
אין די כוואַליעס פון אַנטפּלעקונג.
אָ, אלישע! יאָ, אלישע,
אַלע זענען מיר, ווי דו...

גרויסער תּנא רב עקיבא —
פּאַסטעך, לערנער, צדיק, מנהיג,
מיט דײַן בליצנדיקן מוח
און די פאַרשנדיקע בליקן,
ביסט אין סאָד אַרײַנגעדרונגען,
און צוריק אַרויס בשלום,
ווי וואָלסט ניט געווען גאָר דאָרטן.
אָ, ווי זעלטן, רב עקיבא,
עס גיט אײַן זיך זײַן, ווי דו!

אַלע מיר, פּונקט ווי בן־עזאי,
פּונקט אַזעלכע, ווי בן־זומא,
ווי אלישע בן־אַבויה,
ס׳טרעפט אויך, אַז ווי רב־עקיבא,
דאָך אין פּרדס בלײַבט ניט קיינער.
ווי געווען, ער שטייט פֿאַרצווימט...

ווילנע, יוני 1969

# קין, נעבעך...

— — — — — — — — — —

שטיי איך, אין מײַן האַנט — אַ שטיין,
טראַכט און קען זיך ניט פאַרשטיין...

אָ, ווי שיין עס וואַקסט דאָס גראָז,
אָ, ווי שיין!
אָ, ווי שיין סע שפּרינגט דער האָז,
אָ, ווי שיין!
איך זשע האַלט אַ האַרטן שטיין,
קוועל זיך מיט פאַרדראָס...

יאָ, עס האָט מיך גאָט געוואָרנט:
„היט זיך פאַר דער זינד!"
און די שלאַנג האָט צוגעצישעט,
צוגעפּײַפט האָט ווינט;
און די קינאה איז געפלויגן,
ווי אַ פלעדערמויז,
און די זון איז פון די וואָלקנס
רייצן מיך אַרויס...

האַלט איך אין מײַן האַנט דעם שטיין,
וויל אי זיך, אי אים פאַרשטיין...

הבל, ביסט געווען, ווי איך,
פלייש און בלוט, און אָטעם.
האָסט אַ פּאַל געטאָן אויף דר'ערד,
צוגעקוועטשט דײַן שאָטן;
און צום סוף גאָר דריקסט אויף מיר...
אויב דו ליגסט, ווי ליים אַ בערגל,
ווי זשע קומט עס, גייסט מיר נאָך,
הערסט ניט אויף מײַן רו צו ווערגן?

גלעט איך אין מײַן האַנט דעם שטיין.
אים פֿאַרשטיין — הייסט זיך פֿאַרשטיין.

ס'פּלאָגט נאָך איצטער מיך די קינאה:
הבל שאָפּבלוט האָט געגאָסן,
איך געשניטן האָב נאָר תּבואה,
און בין רשע, און בין יתום...
ווי, כ'געפֿין זיך ניט קיין אָרט,
ס'לויפֿט מיר נאָך אַ שווידערוואָרט:
„ברודערמאָרד!", „ברודערמאָרד!"...

ניין, ווי הבל כ'בין ניט שולדיק!
מענטשן (אויך אַפֿילו ברידער),
אויב עס ווילט זיך זיי דאָס זעלבע,
זענען גרויזאַם קידער-ווידער...
דאַרף איך מער ניט האָבן קיינעם.
אומוואַגלען כ'וועל איינער, איינער
מיט מײַן צייכן, מיט מײַן עלנט,
מיט מײַן שאַנדפֿלעק זיך פֿאַרשטעלן...

כ׳זוך פאַרשטיין דעם גלײַכן שכל
פון דער שטאַרקייט פונעם שטיין,
און כ׳געפין דעם קרומען שכל
פון דער שוואַכקייט פונעם קאָפּ...

ווילנע, אַפּריל 1970

## מענטשלעכער נוסח

עמעץ אַ בראָק פון זײַן צער האָט פאַרגעסן
אויף אַ באַשאָטנטער באַנק אינעם סקווער.
כ׳בין אויף דער באַנק נאָר איין רגע געזעסן,
און צו אַ וויִיטיק אַ פרעמדן כ׳געהער.

שאָקלען די קעפּ די באַיאָרטע פּלאַטאַנען:
„ברודערקע, לעבסט מיט אַ צווייטנס געפיל.
ליב האָסט מיט קלעמעניש פרעמדן זיך סמען.
גלייב אונדז, עס איז נאָר אַ סנאָבישע שפּיל!"...

קאַטעוועז, שינדן די בײַטשן פון מוסר,
בלוטיקט צעשמיסן ס׳געבאָרגטע געמיט.
אָ, דער דערהויבענער מענטשלעכער נוסח:
שלעכט — ווען דיך אַרט ניט, און שווער — ווען פילסט מיט!

ווילנע, יולי 1969

# אַ נאַכט

איך האָב היַינט פאַרחלומט מיַין חלום.
איז ער פאַרביַיגעשוווּמען מיר,
ווי מען גייט אַ מאָל, ווען מען פאַרטראַכט איז,
פאַרביַי דער אייגענער טיר.

די נאַכט איז געווען אַזאַ געדיכטע,
אַז די זינגפייגל האָבן זיך געשטיקט,
און דאָס בייז האָט מיט זיַין בליַיענעם שנאָבל
אַלע שטערן אויפגעפּיקט.

היַינט זענען געשלאָפן רויִק
און קאָטערס האָבן געקלאָגט
מיט אַ קלאָג, וואָס האָט צולהכעיס די כּלבים
ניַיע קעצעלעך צוגעזאָגט.

איז אַזוי שווער אָנגעקומען צו גלויבן,
אַז ערגעץ אַ זון איז נאָך דאָ
און זי וועט זיך אַ מאָל נאָך באַוויַיזן,
פאַרהילט אין אַ ראָזן טריקאָ.

מילא, די פייגל, ווי די פייגל,
פאַר וואָס אָבער שטומען די פרעש —
אָט די פּראַלניקעס, וועלכע, דוכט, שטענדיק
קאַלויטשען דער פינצטערקייטס וועש?

און ווו איז מיַין חלום — מיַין חלום,
וואָס איז מיר אָט ליב, אָט פאַרהאַסט
(איין נאַכט איז ער מיר אַ פּאָר פליגל,
אַ צווייטע — פון בליַי אַ באַלאַסט)?

איך האָב הײַנט פאַרחלומט מיַין חלום.
טאָ זאָל כאָטש מיר וואָר זיַין מיַין וואָר —
איך קענען זאָל דײַטלעך אנטשיידן,
ווו תּליה איז, ווו סעמאַפאָר...

ווילנע, יאַנואַר 1970

# לבנה־שווינדל

אויף די הערנער פון לבנה
הענגט אַ וואָלקן — אַ האַמאַק,
און אין אים, די הענט צעוואָרפן,
שלאָפט אַ קאַרליקל געשמאַק.

חלומט זיך אים, ער אַ ריז איז,
אַלץ אַרום איז פליגיש קליין,
אַלע מענטשן — פיצע־מאַנצלעך
(אַלע, אויסער אים אַליין!).

קוקט ער מיט אַ מיטלייד־ביטול
אויף די שרעטלעך אַרום אים,
און זײַן שווינגענדיק געלעגער
הוידעט זיך אַהער, אַהין —

הייבט זיך, נידערט, הייבט זיך, נידערט,
און זײַן שאָטן שווינדלט אום
איבער מענטשעלעך, געפּלאָגטע
מיטן וויסטן גרויסקייט־מום...

ווילנע, מײַ 1969

# די אַלטע מיל

געווים קומט אוים דעם האַרץ, אַז ס׳איז ניט, ווי עס וויל,
און ס׳טראָגט דער ווינט די וואָלקנס ניט אַהין גאָר, ניט אַהין גאָר.
עס דרייען זיך געדאַנקען, ווי די פליגל פון אַ מיל.
דער זעלבער קרײַז, צי ער געצייכנט לאַנגזאַם ווערט, צי פלינקער.

די מילן ווייסן נאָר איין זעלביקן געמיינעם קונץ:
נאָר קרישלען, נאָר צערײַבן, נאָר צעפליקן!
אָט טרעפט עס אַנדערע, אָט טרעפט עס אונדז.
ס׳איז אָן אַ מאָס די רוגזה פון ניט־פליִענדיקע פליגל...

געווים איז אָפטלעך אַלצדינג אַנדערש, ווי מען וויל,
און ס׳איז צו מאָל דער **פולער**, ווי דער **פוסטער**, פליגלדריי דערווידער.
ניט־זעלטן טרעפט, ס׳גיט קלײַען, אַנשטאָט מעל, די מיל.
עס ווייסן קיין רחמנות ניט די מילשטיינער פון קידער־ווידער!

ווילנע, מאַרץ 1967

☆ ☆ ☆

ווִיפֿל מאָל פֿאַרשטיי איך,
אַז איך האָב געטאָן ניט ריכטיק,
און דערנאָך איך טו דאָס זעלבע
פֿון געוווינטשאַפֿט שוין...

ווִיפֿל מאָל באַטראַכט איך
דאָס, וואָס לויטער איז און ציכטיק,
ווי אַ צײַטווײַליקן,
צופֿעליקן שוים ? ...

און די זון ?
די זון, זי טוט דען ניט דאָס זעלבע,
ווען מיט איר באַלויכטן
שאָטנס זי באַשאַפֿט ?

אָ, ווי אָפֿט עס וויקלען זיך
געדאַנקען יעסיענדיק פֿאַרגעלטע
אין אַ ליכטיק וואָלקנדל
פֿון ווײַסן טאַפֿט !

ווילנע, יאַנואַר 1968

## האַרבסטשטימונג

אויף דער דורכגעווייקטער באַנק
ליגט אַ געלער בלאַט.
דאַרף עס דען באַטײַטן:
עמעץ האָט דאָס אָרט פאַרנומען
און ער קומען וועט אַהער זיך זעצן,
ווען עס וועט די וויוגע אָנהייבן איר שפּיל?...

אָ, וועט זײַן דאָ וואָס צו זען!
אין דער לופט וועט ווײַסקייט טאַנצן,
און אַנשטאָט דעם כאָר פון פייגל,
וועט דיך עקבערן א י י ן סאָלאָ —
לאַנגווײַליקער „קראַ!"... און „קראַ!"...

זע, אויך ד י באַנק איז פאַרנומען,
און פאַר גאַנצע זיבן מאָן אַזש!
סאַראַ ענגשאַפט וועט עס זײַן דאָ,
ווען די ווײַסע שפּיל וועט קומען.
ס'איז, אַ פּנים, דאָ די ערשטע ריי...

פלוצעם טוט דער ווינט אַ ריס זיך
און אַ שאַר אַראָפּ די בלעטער:

„אוים!... ניטאָ פֿאַרנעמען פּלעצער!
ווער ס׳וועט וועלן, וועט זיך זעצן,
שטורעם פֿײַנט האָט מיוחסים,
י ע ד ע ר ע ר האָט פֿרירן רעכט״...

ווילנע, מאַרץ 1964

# וואַלד

די גרינע טונקלקייט איז פול מיט סודות,
דאָס פלאַפּלען פונעם ווינט זאָגט גאָרנישט אויס.
אָט איז אַלץ שוואַרץ, אָט לײַכט זיך דורך, אָט ווידער גרויט עס;
ס'איז יעדע היים דאָ בײַ דעם הפקר אינעם שויס...

דאָס לעבן איז געדיכטער דאָ — פאַרשלאָפענער און וואַכער.
די פלאַטערדיקע פרייד ווערט פּלוצעם דריקנדיקע שרעק.
ס'איז יעדער שטאַרקער קעגן עמעצן אַ שוואַכער,
סע שטייט דאָ יעדערער אַן אַנדערן אין וועג...

און ס'קלאַפּט דאָס ווילדע האַרץ — די הײמלאָזע קוקאַווקע.
זי אַלע חײַשקייטן איבערציילן זיך פאַרמעסט:
„אין וואַלד איז אַלץ צולהכעיס, אַלצדינג דווקא, דווקא,
דווקא, דווקא!
מען לייגט די אייער אין אַ פרעמדער נעסט...״

ווילנע, יולי 1963

## ד אַ ר וו י נ י ש

איך, די מאַלפּע אָן אַן עק,
קלעטער מער שוין ניט אויף ביימער,
דאָך די שווערע דזשונגלשרעק
זיצט נאָך אַלץ אין מײַנע ביינער.

וויפל כ׳זאָל ניט מִיען זיך
פון מײַן אורשפּרונג צו אַנטרינען,
טוט עס תּמיד ציִען מיך
פון דאָס נײַ אים צו געפינען.

כאָטש כ׳בין פון דער שלאַנג אַוועק
און אַנטלאָפן פונעם טיגער,
כאָטש איך, מאַלפּע אָן אַן עק,
בין ניט מער אין וואַלד אַ היגער,

שפּינט אין מיר דער וואַלד און שפּינט
הפקר, גרויל און גזלעוויע,
און עס פלײַסט זיך אַלץ זײַן ווינט
אין מײַן האַרצן טאָן אַ וויע.

איך אַראָפּ בין אויף דער ערד,
איך זאָל קענען העכער שטײַגן —
מערער ווי עס איז באַשערט,
זיצנדיק אויף העכסטע צווײַגן.

איך, די מאַלפּע אָן אַן עק,
ציר זיך מיט דעם גרויסן נאָמען,
וואָס קען אויפהייבן אויף בערג
און פאַרשלינגען אין תהומען...

ווילנע, אַפּריל 1968

* * *

מעגלעך, אַז דער הימל איז
נאָר אַ שטאָק אַ צווייטער,
מעגלעך, אַז מען בלויז באַדאַרף
צושטעלן אַ לייטער

און אַרויפשטײַגן אַהין,
און זיך איבערצײַגן,
אַז מען האָט דערצויגן אונדז
אין פאַרנאַרישט לײַגן.

אומעטום — דער זעלבער מענטש,
שוואַכקייטן די זעלבע.
הײַזער, שענקען, טענדלמערק,
טעמפלען און געוועלבער.

מען זאָל אויסגיין טויזנט מײַל,
רחבותדיקסטע שטחים,
וועט מען ניט געפינען, וווּ
ס'ווינען די מלאכים,

וועט מען ניט דערזען קיין העל
און קיין שום גן־עדן.
„דאָ, אין הימל? ... ניט פאַראַן!”
זאָגט מען וועגן ביידן.

קענטיק, אומעטום — ווו נאָר
ס'טוט דער מענטש דערשײַנען,
דער גן־עדן מיט דער העל
דורכגעמישטע זײַנען...

ווילנע, אַפּריל 1970

## ב ר ו י ט

אויב דיר געזאָלצן איז דײַן ברויט,
טאָ טו אַ טראַכט: פון וועמענס טרער?
עס איז דאָך אויסגעבאַקן גוט,
פאַר וואָס זשע איז עס אַזוי שווער?

און אויב עס איז דיר זיס דײַן ברויט,
פאַרקלער זיך: ווער האָט עס פאַרזיסט?
ס'האָט עמעץ דאָך געוויס געמיינט,
אַ זיסן ביסן ווערט דו ביסט.

נאָר אויב דיר ביטער איז דײַן ברויט,
ווייס: דו האָסט עס באַשפּריצט מיט סם
דערמיט, וואָס דיך אין ברויט גייט אָן
מערניט זײַן זעטיקייט און טעם...

ווילנע, מאַרץ 1971

☆ ☆ ☆

הײַנט דער חלום לויפט פאַרויס,
מאָרגן ער שוין שלעפּט זיך נאָך.
קומט אויס, אַז בײַם טרוים אין שויס
וואַרעמט זיך די גרויע וואָך...

ווי זשע קען אַזעלכעס זײַן?
ווי איז מעגלעך, ס'זאָל די וואָר
זײַן אַן אָפּשײַן פון אַ שײַן,
וואָס איז אויך אַן אָפּשײַן נאָר?

פרעג איך אַלץ: „ווי קען עס זײַן?"
און באַמערק ניט, אַז עס איז...
שיכּור פונעם שטאַרקן ווײַן,
ווייס איך ניט, צי ער איז זיס.

ווילנע, יוני 1960

* * *

און ווען מײַן חלום זאָל זוכה זײַן ווערן אַ וויזיע,
און מײַנע רייד זאָלן האָבן די האַפט פון נביאות,
וואָלט איך נעמען אַ קאַנטשיק און שלאָגן זיך מלקות,
ווײַל אויך מיר איז צום האַרצן אַ לעסטערער זײַן.

אַליין דער באַשטראָפער, אַליין דער באַשטראָפטער,
דער פלאַמיקער אייפערער און דער פאַרשווערער.
אַזאַ שוין דאָך איז זי די מענטשלעכע טבע:
זיך טוליען צו גאָט און מחלל זײַן אים.

יאָ־יאָ, יעדער גאָט איז פון פאַך שוין אַן אַכזר
און יעטווידן גלייביקן ציט זײַן אַ קרבן...
פאַרשטיין עס, הייסט ווערן אַ נאַרישער כּופר,
וואָס געטער צעשמעטערט, פאַר אָפּגעטער קניט.

ווילנע, סעפּטעמבער 1970

☆ ☆ ☆

ווען דער גרויסער גלאָק ט׳געקלונגען,
איז שוין ניט געווען פאַר ווען, —
איין העלפט איז געווען אַ טויטע,
און די צווייטע העלפט — אַ טויבע...

קיינער פון די אַלע ווארטערס
ניט געווען איז מער אַ הערער, —
איין העלפט איז געווען אַ טויטע,
און די צווייטע העלפט — אַ טויבע...

דאָך דער גלאָק, ער האָט געשטורעמט —
הויך געשאַלט די העלע בשורה...

— — — — — — — — — — — — —

ווײ צו אַזאַ בשורה־טובה,
וואָס נאָר טויטע טרעפט און טויבע!

ווילנע, מארץ 1969

# דאָס קאַלב

אײַנגעאיבלט זיך אין קאַלב פון גינגאָלד
דינט מען צו אַ קאַלב פון אײַזן.
קריגט מען זשאַווער, אַנשטאָט גלאַנץ.

כאָטש זיי זענען ביידע קעלבער
(קעלבער און דערצו נאָך פאַלשע),
פלאַקערט אַרום זיי דער טאַנץ.

ווערט מען לאַנג נאָך זיך פאַרגינען
שטענדיק עמעצן צו דינען,
זען אין יעדן קאַלב אַ גאָט?

און נאָך לאַנג אַזוי טאָן תּפילה
צו בוהײַען אינפאַנטילע,
טעמפּ בײַ טעמפּקייט בעטלען גנאָד?...

ווילנע, נאָוועמבער 1969

# ל יי ד ע ר . . .

קיין קללות האָסטו ניט פאַרדינט,
און ס׳טוט מיר וויי, וואָס איך דיך שעלט.
נאָר לויטן כּלל, וואָס אונדז באַדינט,
ביסט שולדיק, וואָס דיר ווילן פעלט.

איך ווייס, אַז דו אַ קרבן ביסט.
נאָר זײַן געפאַלן איז אַ זינד.
ווען גיסט זיך אונטער, דו פאַרגיסט,
און ווער ס׳פאַרגיט זינד, זינד פאַרגינט...

ס׳איז האַרב דער כּלל פון אונדזער ערד,
ווּו אומזין פּראַוועט זײַנע שטיק.
רוצחם אויג, און אויג, וואָס טרערט,
אָפּט קוקן מיטן זעלבן בליק...

ווילנע, נאָוועמבער 1970

☆ ☆ ☆

זאָג, פון וואַנען שטאַמט דער ווייטיק
און פון וואַנען נעמט זיך אומעט?
קאַלטע ווינטערדיקע שנייטעג,
גינגאָלדענע טעג פון זומער
ווייסן ניט, ווי זיי צו מײַדן,
ווי פון זיי זיך צו באַפרײַען,
און דאָס האַרץ, געגאַרבט אין לײַדן,
וואַרפט זיך, צאַפּלט, ווי אַ שלײַען.

זאָג, פון וואַנען קוואַלט דער ווייטיק
און דער אומעט שפּאַרט פון וואַנען,
אַז די סאַמע העלסטע פריידטעג
זיי דערברענגען צו אַ וויאַנען?
זאָג! אויב ניט — וועל איך דיר זאָגן,
אומבאַהאָלפענער ניט-זאָגער:
ווי אַ לאָסטפערד שלעפּסט אַ וואָגן,
און דו הירזשעסט, ווי אַן אָגער...

ווילנע, יאַנואַר 1968

# אין וועג ביי נאַכט

אויף אומוועג, באַלייגטן מיט נאַכט,
אַ נעכטיקער וואַנדערער קריכט.
זײַן טרעטן פאַרקוואַקען די זשאַבעס.

ער ווייסט, אַז דער וועג איז נאָך לאַנג,
ער פילט, אַז ער וועט ניט דערגיין,
דאָך אומרו ניט שטענדיק אַ ציל דאַרף...

וואָס ווערט איז אַ וואַגלער אין וועג,
און נאָך מער : אין וועג בײַ דער נאַכט,
ווען פיס זענען פּיס און אויך אויגן.

ווען שײַן איז פאַריאָגט הינטער וועגט,
און אַלץ איז פאַרפּלייצט מיטן פּעך
פון פינצטערניש-איינזאַמקייט-עלנט ? ...

אויף אומוועג, באַלייגטן מיט נאַכט,
אַ נעכטיקער וואַנדערער קריכט
צום פלאָנטער פון אומוועג-וועג-אויסוועג...

ווילנע, יאַנואַר 1971

* * *

אָ, ווי כיטרע ס׳פירן זיך די שאָטנס.
אַלע מאָל זיי הינטער עפּעס זיך באַהאַלטן.
זוכט די זון זיי, זינט זי האָט גענומען שײַנען,
און זי קען ניט, קען ניט זיי געפינען...

שטיי איך פון דער זײַט און אַ צעקלעמטער
כ׳קוק זיך צו, ווי נישטן פינצטערע
די אַלמאַכטיקע שײַן גענאַרן.
שטופּט עס מיך אַרויסצוגעבן זיי
און אָנווײַזן, ווו יעדערער פון זיי באַהאַלט זיך.
שרעקט מיך אָבער, טאָמער זעט מען עס ווי אַ מסירה.
בלײַב איך ווײַטער לעבן צווישן טשאַטעס שאָטנס
און דעם פרעכסטן, דעם וואָס מיך מאַכט נאָך, באַהאַלט איך אויס...

ווילנע, מאַרץ 1970

# מ ע נ ט ש

וואָגלסטו אום צווישן חיה און גאָט,
שלעפּסט אָט אַהער, אָט אַהין דיך דײַן טראָט.
אָ, דער פֿאַרשאָלטענער מיטן!

ביסט ניט דער נאַכטס און געהערסט ניט דעם טאָג.
ס'ציִען אַראָפּ דיך דײַן לײַבישע וואָג,
דײַנע ניט-לײַטישע זײַטן...

פֿליט אָן צופֿרידנקייט, קרויזט דײַנע האָר.
שווימסט אָן אַן עצבות, צעבויטעט דײַן וואָר.
בלײַבסטו געפּלעפּט און צערודערט.

פֿירסטו צוזאַמען די חיה מיט גאָט,
טוסט זיך אַ דריי אוים מיט קינציקן טראָט —
ווערסט ניט! ... און זיי לאָזסט פֿאַרברודערט...

ווילנע, יאַנואַר 1970

# א י י נ ז אַ מ ק י י ט

קום זשע צו גיין צו מיר, גאַסט ניט-געזעענער.
קום און דערצייל וועגן צײַט ניט-געשעענער.
מיין ניט, ס׳גייט אָן מיך, ס׳זאָל דווקא טשיקאַווע זײַן.
כ׳וויל, זאָלסט מיט מיר בײַ אַ שאָלעכל קאַווע זײַן.

קום שוין צו גיין צו מיר, גאַסט ניט-פֿאַראַנענער
(פֿאַרן דיך אויסהערן שוין אַ פֿאַרשטאַנענער),
קום און מיר וועלן — פֿאַרעקשנטע סטאָיִקער —
זײַן איבערראַשט פֿון אַ וועלט אַ ניטאָיִקער...

קום זשע צו גיין שוין, דו גאַסט לאַנג-פֿאַרשוווּנדענער —
דו, מיט די שטריק פֿון מײַן זוכן געבונדענער,
קום, פֿון מײַן בענקשאַפֿט באַערטער, באַלאַסטיקטער,
כ׳זאָל אין מײַן דמיון כאָטש זײַן אַ באַגאַסטיקטער!

ווילנע, אָקטאָבער 1969

# שטאָך

שטעכט די נאָדל אין געוואַנט,
איז עס גוט.
שטעכט די נאָדל אײַן אין האַנט,
ווײַזט זיך בלוט.

נאָדל, נאָדל, נאָדעלע —
נייערין און שטעכערין,
וואָס באַטראַכסטו, נאָדעלע,
פאַר אַן אויפטו העכערן?

ענטפערט נאָדל מיט אַ שטאָך:
„נאַ, פאַרשטיי!
ווי נאָר דו באַנעמסט דעם תּוך,
טוט דיר וויי!"

נאָדל, נאָדל, נאָדעלע —
נייערין און שטעכערין,
מוז דען אַ באַהעפטערין
עפּעס־וואָס צעלעכערן?

ווילנע, דעצעמבער 1967

# ע ג אָ י ז ם

זיצט זיך אַ וואָראָנע קעגן קוימען;
שפּאַרט פון קוימען אַ געדיכטער רויך.
קוקט זי, ווערט ניט מיד צו שטוינען,
ווי איר שוואַרצקייט ציט זיך צו דער הויך...

„סאַ-זשע! סאַ-זשע! סאַ-זשע! סאַ-זשע!" —
שרײַט זי איר באַגער אַרום דער וועלט,
קוקנדיק מיט שאָדנפרייד און עזות,
ווי די פײַערדיקע זון זיך פעלט...

„שוואַרץ וועט ווערן אַלץ, ווי איך — וואָראָנע,
שקיעה-שטראַלן לעשן זיך אויס גיך" —
חלומט אויף אַ ווערבעבוים אַ לאַמען
אַ צופרידענער, אַ שוואַרצער א י ך ...

ווילנע, סעפטעמבער 1962

# געל קאַנאַריקל

געל קאַנאַריקל,
וואָס זינגסטו אין דײַן שטײַג?
ברויזט עס אַ געפיל אין דיר,
צי דו פאַרטרײַבסט אַזוי דײַן לאַנגווײַל?
מאַכסט עס היציק, ווי דער סאָלאָוויי.
צווישן דראָטן, רעדסט זיך אײַן, ביסט צווישן צווײַגן...

געל קאַנאַריקל,
זעסט אויס אַ פּיצל זון,
און דער סאָלאָוויי — אַ גרוי־גרוי כמאַרע־שטיקל.
הער זיך צו, ווי ער מיט זײַנע טרעלן־טרערן שלוכצט.
גרעסטער ווייטיק איז מיט פרײַהייט זיך צו שטיקן...

ווילנע, דעצעמבער 1969

# צו די אומזיסט־האַסערס

אײַער שקר־פולער אמת
טראָגט אַ מעסער אינעם בוזעם,
אויף דער טיר פון זײַן גיהנום
הענגט אַ פסולע מזוזה.
טאָר ער אַלץ, וואָס עס פאַרגלוסט זיך
זײַן פאַרקריפּלטער השגה.
פאַלט מאָראַל אויף פעלדער פוסטע,
וואַלגערט זיך ווי אַ פוסנאָגע,
וואָס עס האָבן וועלף צעגריזשעט
און פאַרסמט מיט זייער סלינע.
אָ, דו שוואַרצסטער מין פון רישעות:
שלאַנג פון שלאַנגען — שינאת־חינם!...

ווילנע, דעצעמבער 1970

## מעלאַנכאָלישע סערענאַדע

זיצסט — פון שטיין געטעסעט,
גרייט פאַר שטראָף און חסד,

און די קליינע ווײַזערס
אויף די גרויסע זייגערס
דרייען, דרייען זיך...

אַלע בליצפאַרלאַנגען —
ווי דער בליץ פאַרגאַנגען,

און די קליינע ווײַזערס
אויף די גרויסע זייגערס
דרייען, דרייען זיך...

דײַן פאַרשטאַרטער ווילן
קוקט דורך גרויע ברילן,

און די קליינע ווײַזערס
אויף די גרויסע זייגערס
דרייען, דרייען זיך...

טראַכסט: די טרייסט איז מאָגער,
קלערסט: ס'איז גליק ניטאָ גאָר,

און די קליינע ווײַזערס
אויף די גרויסע זייגערס
דרייען, דרייען זיך...

ווילנע, יוני 1968

# דער פּעסימיסט

וועז איך זאָג: „ס׳איז מיר גוט!",
האַלט איך אונטער דאָס שלעכטס.
יעדער זונג פונעם בלוט
איז פאַרשלייערטער קרעכץ.

כ׳האַלט דעם פויגל פון פרייד
אין צופרידענע הענט.
נאָר איך ווייס דעם באַשייד:
גליק, ווי מעקענע ברענט.

איך געהאַט האָב אַ פריינד,
האָט געשפּילט אין אים מוט.
און ווו איז ער דען היינט?
אויך זיין אומרו שוין רוט...

אויב די וועלט האָט אַ זין,
קען דען זיין איר זין זיס,
אַז דער פאָדעם איז דין,
שטענדיק גרייט פאַרן ריס? ...

ווילנע, סעפּטעמבער 1965

## דער שוואַרצזעער

און ווײַל דער דונערקנאַל
דער שטאַרקסטער איז פון אַלע קלאַנגען,
באַגערט אים נאָכמאַכן
אַפילו אויך די צערטלענדיקע שטים...

אַ האַלבע וועלט אין שאָטן שטעקט,
די צווייטע העלפט — הינטער אַ כמאַרע,
און מענטש שלעפּט אום זיך
ווי אַ צוגעקילטער פידל,
וואָס אָנגעוואָרן האָט זײַן קלאַנג
און איז בײַם אויסזען נאָר געבליבן.

„ווי איז געשען אזוינס?״ —
צעשאָקלט זיך — אַן אויסגעדייוועטע זאַנגעלע —
די פראַגע,
און ווי אַ טשאָטע ראָבן,
וואָס מען האָט צעשפּרושעט,
צעפליִען זיך
אויף ניט צוריקקומען די תשובות.

דער אמת איז אַפילו אויך קיין מאַלפּע ניט,
ער איז פיל ערגער!
ער איז אַן אומגעלומפּערטער פינגווין,

וואָס קאָמיש איז און לעבט אין קרירה —
אַ שוואַרצער צוגעוווּנסטער זאַק מיט פליגעלעך,
וואָס בלויז ווי עקלעך דינען...
און פראַקטיק איז, און ווייסט, און אַן אַ זינען!

ווילנע, מאַרץ 1967

# דער דערנידעריקטער

ווי אַ הונט, וואָס וויעט אויף דער קייט,
הויל איך אויף מײַן זשאַווערדיקער פרייד,
הייזעריק, צעבייזערט און באַעוולט...

מיט אַ וואָרטשען שעלט איך מײַנע טעג,
מיט אַ ציינקריצן מײַן רו איך זעג,
פּרעפּל קללות, ווי איך וואָלט געדאַוונט...

ערגעץ ווו פֿאַרמאָג איך נאָך אַ פֿרײַנד,
וואָס, חוץ אַלע אַנדערע, אויך זיך האָט פֿײַנט,
זאָגט ער מיר מיט ציניש־אויפֿריכטיקן חן:
„כ'ליב דיך, טײַערער, אַזוי ווי זיך אַליין!...”

ליג איך אַ צונויפֿגעדרייטער אין קאַנורע פֿון פֿאַרדראָס
(צוגעקייט, אָן אַ באַפֿרײַענדיקן בעל־הבית)
און איך לעק און סמאָטשקע מײַן דערנידעריקנדיקע ווונד.
ווייטיק מענטשלעכער אין בודע פֿון אַ הונט...

ווילנע, אויגוסט 1970

## ז׳ ע ר ז ק ן

וואָלקנדל צאַרטס, ווי דער ציכטיקסטער טוי,
וואָלקנדל ליכטיקס, ניט אײַל זיך אַזוי.
אויך איך האָב, ווי דו, רק אַן ערגעץ געגאַרט.
איז וואָס זשע? אָט זײַן איך צעקנייטשט און פאַרשטאַרט...

וואָלקנדל ווײַסינקס, כ׳בין אויך ווי דו ווײַס
(און כ׳צאָל פאַר מײַן ווײַסקייט דעם גוואַלדיקסטן פּרײַז!)
שטעל אָפּ זיך אַ רגע, צו מיר קוק זיך צו.
ניט רו פירט צו אומרו, נאָר אומרו — צו רו.

וואָלקנדל, וואָגלערל, חברל מײַנס;
חברל מײַנס און אויך שותּפל מײַנס,
מיר האָבן אַוודאי אַ פּסק זיך פאַרדינט.
צו פיל געלאָזן זיך פירן פון ווינט! ...

ווילנע, אויגוסט 1970

# צום איבערגעבליבענעם

פאַרטרייַב פון דייַן אויג די פאַרשאָלטענע טרער —
די טרער, וואָס איר ווייגלאַנץ נאָך מער דיך פאַרשעמט!
און פרעג זיך, ווי קומט זי גאָר איצטער אַהער,
ווען אַלץ, וואָס געווען איז אַ מאָל, איז דיר פרעמד.

פאַר וואָס איז דער ווייטיק מיט זיך אַזוי שטאָלץ?
ער איז דאָך אין בעסטן פאַל נאָר אַ וואַמפּיר.
ער נעמט, ווי צען שיילאָקס, דאָס בלוט-פליש-געצאָלטס,
און מאַכט עס נאָך העפלעך, מיט שטאַט און מאַניר...

ווי קומט עס, זאָלסט איצט נאָך דאָס אַלץ ניט פאַרשטיין,
זאָלסט זשמורען די אויגן אַקעגן דער וואָר,
ווען גליווערסט אַ סיוועך אויף אַשיקן שטיין —
דער וואָלוולסטער דענקמאָל נאָך טײַערסטן דור?...

ווילנע, אַפּריל 1969

# צום אויסגעשפּילטן

אויף שטעגן מיט בלאָטע, אויף שליאַכן מיט שטויב —
צעטרענצלט דײַן גאַנג און געוויסן,
קומסטו אָן, ווי אַ וואָלף, וואָס אַרום איז אויף רויב
און ס׳האָבן די הינט אים צעביסן...

דעם ציל צו פאַרפעלן איז אויך שוין אַ שאַנד,
הײַנט וואָס פאַר אַ שאַנד איז געשענדט זײַן?
ביסט ווײַט נאָך פון סוף, און שוין שטייסט אויפן ראַנד,
אַ מידער פון צו־לאַנג פאַרבלענדט זײַן.

דערמאָרדעט האָסטו דײַן דערהויבענעם טרוים,
און שיבעה דאַרפסט זיצן נאָך זיך גאָר.
אַ גרויזאַמער פסק איז פאַר דיר איצט דער לוין:
זײַן מערדער און קרבן, און ריכטער;

און קענסט ניט באַשליסן, דער קרבן ווער איז —
דערמאָרדעטער אָדער דער מערדער.
כאָטש נאָר דאָס פאַרענטפערן זיך איז דיר זיס,
דו שילטסט די פאַרטיידיקונגס־ווערטער...

ווילנע, מאַרץ 1971

## צו אַ פאַרייאַושטן

פון זייגער טריפט די צײַט אוים
טראָפּן נאָך אַ טראָפּן,
דער כמאַרעם גרויקייט
איז נאָך קיין מאָל ניט געווען
אַזוי־אָ גאַנץ...
געדאַנקען שוועבן ניט,
נאָר קלעטערן, ווי האָפּן,
אַנשטאָט געזונטער שײַן,
דער קראַנקער גלאַנץ...

ווי האָסטו עס גענומען אַזאַ האַרבסט,
וואָס ניט פאַרמאָגן זאָל אַפילו געלע פאַרבן?
ווי האָסטו עס געפונען לעבן,
וואָס זאָל אָפּגעזונדערט זײַן פון שפּיל?
ווי קענסטו עס דערלאָזן שימל צודעקן זאָל
אין דײַן מאַרך די קאַרבן?
ווי קענסטו זען אין זייגער
אַ געפּענקעניש, ווי ס'קלאָגט אַ גריל?...

ווילנע, פעברואַר 1962

# ניט־פאַראַנען־לאַנד

## מ ע נ ט ש

האָט זיך מיט אַ מאָל פאַרגלוסט מיר אָפּקויפן דעם בוים,
וואָס שטייט אין גאַס קעגן מײַן פענצטער.
איז ניטאָ אָבער בײַ וועמען אים צו קויפן.
פאַלט מיר אײַן: און אפשר גאָר אים גנבענען?!

גנבענען??

אָט דער בוים,
וואָס שטייט אַזוי פיל צײַט קעגן מײַן פענצטער,
אָט דער בוים,
וואָס כ׳האָב געזען נאָך, ווי מען האָט געפלאַנצט אים,
אָט דער בוים,
אין וועמענס צווײַגן
אַזוי אָפט מײַן בליק געזוכט האָט מײַנע טרוימען,
אָט דער בוים זאָל גאָר געגנבעט ווערן?

נ־יי־ן!!

זײַ איך און איך היט אים — היט פון זיך אַליין.

ווילנע, יאַנואַר 1970

## מיין באַלד שוין פאַרלאָשענער אומעט

מײַן באַלד שוין פאַרלאָשענער אומעט —
אַ קאַנעצל טשאַדעט און טשאַדעט,
און עפּעס אַ שאָטן געהיימער
אַרום מײַן געדולדיקייט פּאַדעט.

איך ווייס ניט, ער וועמענס געשטאַלט איז
און ווער ס׳האָט באַשטאַט אין מײַן זעל אים.
איך ווייס נאָר, אַז זינט ער אין מיר איז,
מיר דוכט זיך: אין אים איך ווער נעלם...

מײַן באַלד שוין פאַרלאָשענער אומעט,
זיך שטיקנדיק, — שטיקנדיק טשאַדעט,
זײַן לאַנגזאַם, צעצויגן זיך לעשן
נאָך מער, ווי זײַן פלאַקערן, יאַדעט.

איך ווייס ניט, פאַר וואָס איז זײַן אויסגיין
מיט ליידן אַזעלכע געבונדן.
צי דען איז אַ גוססער אומעט
נאָך שטאַרקער פון אומעט געזונטן?

מיַין באַלד שוין פאַרלאָשענער אומעט
נאָך מער און נאָך מער זיך צעטשאַדעט,
און עפּעס אַ גריל אַ לאַטוטניק
מיַין שטימונג צעקאָדערטע לאַטעט...

ווילנע, יולי 1969

# דער אַלטער באַרנבוים

דער אַלטער באַרנבוים
דאָרט אויפֿן הויף,
ווי דורכגעאײַלט עס האָט
מײַן קינדהייט,
וועט אייביק לעבן.

אַ העלפֿט פֿון אַ יאָרהונדערט
איז זינט יענער צײַט פֿאַרבײַ,
נאָר איך בין זיכער,
אַז ער וואַקסט.

קען זײַן, ער אײַנגעהויקערט איז,
קען זײַן, עס הענגען מידע
זײַנע צווײַגן,
איך ווייס אָבער,
אַז ער איז גרין, ווי דעמאָלט.

דער אַלטער באַרנבוים
ער קען ניט זײַן ניט גרין,
עס האָט אָן אים
זיך אָנגעשפּאַרט מײַן קינדהייט...

ווילנע, מאַרץ 1964

# אַנטקעגן גרויסן בער

וואָס קוקסטו, גרויסער בער, אויף מיר
מיט אַלע דײַנע בלינצלדיקע זיבן אויגן?
ווי קומט עס, האָסט ביז איצט מיך ניט באַמערקט,
און ערשט איבער מײַן עלטערבעט,
ווי ס׳וואָלט אַ וויג געווען, זיך אָנגעבויגן?

איך ווייס, מיר טאָרן ניט פאַרגלײַכן זיך,
מיר שיידן אונטער זיך איינס פונעם צווייטן.
דו ביסט אַלט־יונג און איך — יונג־אַלט;
ווען דו וואָלסט אויף דער ערד צו מיר אַראָפּ,
איך וואָלט אַוודאי ווי אַ בער אַן ערדישן דיך קייטן...

אָ בער, אָ בער, אָ גרויסער הימלבער
(פון ווײַטע עלטער־זיידעס אויסגעטראַכטער),
וואָס אויסער אויגן האָסטו גאָרנישט מער,
איך קוק אויף דיר, ווי איך וואָלט וועלט־סודות פאַרשטיין,
און בלײַב אַ גדלותדיקער נאַר פאַרגאַפטער.

אַ גרויסער בער, אַ טרוימבאַגער,
אַ נאַכט מיט אָנצאָליקע שטערן־ברואים.
די וועלט — פאַרשטאַרט, ווי זי אויף עפּעס וואָלט געוואַרט.
אַ מענטש אַ רויִקער, שטייט אַ באַרוטער
און ער שפּירט: ס׳פּעלט רו אים!

ווילנע, יאַנואַר 1968

## האָב איך געוואָגלט, געוואָגלט...

האָב איך געוואָגלט, געוואָגלט
און האָב באַגעגנט אין וועג
זיבן פאַרלאָרענע יאָרן,
זיבן געפונענע טעג.

כ'וויים, אַז זיי זענען ניטאָ מער,
כ'וויים, אַז זיי זענען אַוועק.
זיבן פאַרלאָרענע יאָרן,
זיבן געפונענע טעג.

קוק איך אויף זיי מיט פאַרבענקטקייט,
מיט פרייד, וואָס זיך שוועסטערט מיט שרעק.
זיבן פאַרלאָרענע יאָרן,
זיבן געפונענע טעג.

אַלץ איינס צי געפוצטע אין אַטלעס,
אַלץ איינס צי געהילטע אין זעק, —
די זעלבע פאַרלאָרענע יאָרן,
די זעלבע געפונענע טעג!

טויך איך אַראָפּ אין זכּרון
און איך לאָך אוים אויף זײַן דעק
זיך — דעם, וואָס האָט זיי פֿאַרלאָרן,
דעם, וואָס מיט זיי איז אַוועק...

ווילנע, אַפּריל 1969

# נאַטורמאָרט

אַ געלער טיש.
אויף אים — אַ ציבעלע, אַ בוריק און אַ פיש,
דערבײַ — אַ טעצעלע, אַ לײַכטער און אַ קרוג,
און הינטן — אַ צעקנייטשטער האַנטעך אויף אַ קרוק.

ניטאָ אָבער קיין מענטש.
ווער האָט עס אַלץ אַוועקגעלייגט ?

די פאַרב זי שפּילט :
אין איין עק — בלוטיק האַרב, אין צווייטן — בלווילעך מילד.
אַ יעדע זאַך איז אויסגעפורעמט — אמתדיקע וואָר ;
אויב ס׳פעלט אַ האָר !

ניטאָ אָבער דער מענטש.
ווער האָט עס אַלץ אַוועקגעלייגט ?

דער בליק, ניט אָפּצורײַסן אים, צום אַנגעמאָלטן צוגעקלעפּט.
זע, ווי אַלץ לעבט ! ...
אַלץ לעבט,
און דאָך עפּעס עס שמעקט דאָ, ווי מיט מאָרד —
דעם בײַגעשמאַק פון יעדן נאַטורמאָרט...

ניטאָ קיין מענטש,
ניטאָ קיין מענטש ! ...

ווילנע, מיי 1960

# ניגונדל — ליגנדל

ניגונדל — ליגנדל — אָוונטטרוים העלער,
ס׳וויגט זיך אין הימל דער נאַכטיקער טעלער.
ווויען די הינט ווי אַ זינדיק געוויסן,
אָט ווי געשלאָגן און אָט ווי צעביסן.

ניגונדל — ליגנדל — ציטער באַחנטער,
כ׳בין שוין פון לאַנג פון דער רו אָן אַנטוויינטער,
פון שטורעם און דונער באַהאַוונטסטער קענער.
ווי קומט עס, מיך רודערן אויף דײַנע טענער?

ניגונדל — ליגנדל — שקר קאָלירטער,
כאָטש כ׳לאָז זיך פאַרפירן, כ׳בין ניט קיין פאַרפירטער.
פשוט, מיר ליב איז דיך הערן און בענקען,
מיט זיסע חזיונות דעם מארך מײַנעם שווענקען.

ניגונדל — ליגנדל — אָוונטשוים העלער,
אייביקער אייגענער ווארעמער פעלער,
וויכערם פאַרשווינדן, טײַפונען פאַרגייען,
ווינטעלעך צארטע אויף זייערם באַשטייען.

ווילנע, יאַנואַר 1971

## שטערן אין ברונעם

כ׳האָב דערזען בײַ טאָג די שטערן
אויפֿן דנאָ פֿון טיפֿן ברונעם,
האָב איך דעמאָלט זיי פֿאַרלאָרן,
מיינענדיק אַז כ׳האָב געפֿונען...

שטערן דאַרפֿן זײַן אין הימל,
ניט אין וואַסערן זיך וויִקן,
פּונקט ווי גראָז דאַרף זײַן אויף לאָנקעס,
ניט אין שאַפֿעס פֿון אַפּטייקן...

כ׳האָב געזען אַ מאָל די שטערן
דעמאָלט, ווען מען זיי ניט זען קען,
איז דאָס בילד געווען אַ הערלעכס,
אָבער כ׳קען נאָך דעם ניט בענקען...

ווילנע, סעפּטעמבער 1965

# גערטער...

אין אַ טריבן מויער פון אַ פרעמדער שטאָט
עמעץ שטיל באַדויערט זײַן געפּעלשטן גאָט...

געטער זענען גוזמא'ס — מאָנסטערדיקע מענטשן;
אָפּטלעך זיי גאָר שעלטן, ווען, עס דוכט, זיי בענטשן.

געטער גרינג פאַרוועלקן, איבער גוואַלד דערלויבן,
ס'מאַכט זיי אייפערזיכטיק אויך אין זיי דאָס גלייבן.

געטער טאַטשעט גאווה, ס'פרעסט זיי דאָס גדלנות,
געטער זענען גרויזאַם, האָבנדיק רחמנות,

פלאַנצנדיק גן־עדנס, הייצן זיי אַ העל שווין...
די, וואָס שאַפן געטער, מוזן אין זיי פעלשן!

ווילנע, יאַנואַר 1968

# מויערן

אַלע אַלטע מויערן זענען פאַררעטערס.
אַמאָל — זיי זענען איינזאַמס היים געווען,
אַמאָל — שוין אַ צווייטנס.
און די נײַע הײַזער וועלן אויך פאַרראַטן.
אָ, דו וואַרעמע, דאָך צײַטווײַליקע היים!

קלאַפּסטו פול מיט ציטער און מיט צווייפל אין אַ טיר אָן:
— וווינט דאָ ניט, זײַט מוחל, דער און דער?
— ניין. דאָ וווינען מיר!
— און ער, וווּ וווינט איצט, קענט איר מיר ניט זאָגן?
כ'ווייס ניט. ס'האָט פאַר אונדז (נאָך אים)
געוווינט דאָ שוין אַ צווייטער.
יענער האָט געווים געוווּסט, וווּהין ער ט'זיך אַרויסגעצויגן.
ער געווים, געווים האָט עס געוווּסט.
ניט געוווּסט האָט ער נאָר, אַז ניט לאַנג מער וועט ער עס נאָך וויסן...
כ'ווייס ניט, טײַערער, וווּ ס'וווינט איצט אײַער דער און דער!

לאָזסטו זיך, ווי אַ געשמיסענער, אַראָפּ די טרעפּ,
גייסט אַרויס אין גאַס און זעסט, די מויערן מאַסיווערע נאָך שטייען.
שטענדיקייט פול צײַטווײַליקייט,
פעסטונג — פעלשונג!

ווילנע, נאָוועמבער 1968

## פ י ב ע ר

מאַלינעס, מאַלינעס,
מאַלינעס רויטינקע,
גאָרטנדיק דופטיקע,
שאַרשטיק גענדזהויטיקע.

מאַלינעס, מאַלינעס,
יאַגדעלעך זיסינקע,
איר, וואָס ווערט ווערעמדיק,
זייענדיק פרישינקע.

מאַלינעס, מאַלינעס —
זאַפט אין אַ טעצעלע :
רינעוודיק, ציִעוודיק
און ווי אַ פלעצעלע.

מאַלינעס, מאַלינעס
(זומער געשמאַלצענער),
ס'ווערט אייער טעם אַלץ מער
טערפקע און האַלצערנער.

מאַלינעס, מאַלינעס —
רויטינקע קעפעלעך,
פרישקייט פאַרסירעפטע
פלעפט און פאַרנעפּלט מיך...

ווילנע, אָקטאָבער 1967

# שיכרות

אַ שווערקייט שטראָמט אַרײַן אין ווײַן.
עס האַלט די נאַכט אַ בלויען מעסער...
פון כּוס אין קאָפּ זי דרינגט אַרײַן.
עס האַלט די נאַכט אַ בלויען מעסער...
כ׳שפּאַר אָן, כ׳שפּאַר אָן זיך אָן דער וואַנט.
עס האַלט די נאַכט אַ בלויען מעסער...
דערווײַדער ווערט מיר ווידערשטאַנד.
עס האַלט די נאַכט אַ בלויען מעסער...

ווער שיידט דען אונטער פרייד פון וויי,
ווען ס׳האַלט די נאַכט אַ בלויען מעסער?
כ׳בײַט אוים אויף פרעש דעם סאָלאָוויי.
עס האַלט די נאַכט אַ בלויען מעסער...
צעשראָקענע לבנה שרעקט:
„זע, ס׳האַלט די נאַכט אַ בלויען מעסער!״
אַ ווינטל הינטיש מיך באַלעקט,
דאָך ס׳האַלט די נאַכט אַ בלויען מעסער!...

איך כאַפּ און כאַפּ מיט הוילער האַנט
מײַן צער — דעם שאַרף פון בלויען מעסער.
מײַן כּוס איז פּוסט פון דנאָ ביז ראַנד,
און ערגעץ שטייען פּולע פּעסער...

ווילנע, נאָוועמבער 1967

# ניט־פֿאַראַנען־לאַנד

צו דעם ניט־פֿאַראַנען־לאַנד
פֿירן טויזנט וועגן,
אַלע אויסגעפּלאַסטערטע מיטן בעסטן מיין.

און דאָס ניט־פֿאַראַנען־לאַנד
קען מען ניט אַנטדעקן,
רק מען קומט צו אויפֿשריפֿטן: „ס׳איז פֿאַרבאָטן גיין!״

אָ, דאָס ניט־פֿאַראַנען־לאַנד
מיט די טרוימענבלומען,
וואָס אַ ניט־געזעענס נאָך, ווייסט מען, ווי ס׳איז שיין!

פֿונעם ניט־פֿאַראַנען־לאַנד
כ׳האָב אַ בריוו באַקומען.
שטאָט אַ טרוקן בלימעלע, ליגט אין אים אַ שטיין...

נעם איך ניט־פֿאַראַנען־לאַנדס
ערנסט און שטרענג בריוול,
לייען, לייען איבער עס מיט אַ שווער געמיט.

ס׳שרײַבט מיר ניט־פֿאַראַנען־לאַנד:
„וויפֿל קען מען, וויפֿל
אַכפּערן און רימען מיך? שבחים מאַכן מיד!

דאָך פֿדי באַצאָלן דיר
פֿאַר דײַן גרויסער ליבע,
שיקט דיר ניט־פֿאַראַנען־לאַנד איר געפֿלעגטסטע בלום.

זאָל זשע זי באַמאָלן דיר
דײַנע שעהען טריבע
מיט איר פֿאַרבן־ליכטיקייט, העלער פֿון דער זון!"

אָ, דו ניט־פֿאַראַנען־לאַנד —
אָרט פֿון גליק און װוּנדער,
ס'האָט דײַן בריוו געלערנט מיך — פּלוצעם כ'נעם פֿאַרשטיין:

וואָס אין ניט־פֿאַראַנען־לאַנד
איז אַ בלום אַ בונטע,
ווערט אינעם רעאַלן לאַנד גאָר אַ גרויער שטיין...

ווילנע, יאַנואַר 1969

# דאָס רעטונגשיפל

אַ שיפל אויף דער וואָך (ס'וועט טאָמער ווער זיך טרינקען).
סע שטייט פאַראַנקערט שטאַר און ס'וואַרט, דוכט, אויפן בייז.
דער וואַסער-שפּיגל גלאַט: קיין הייבן זיך, קיין זינקען,
די רו איז אָנגעגליט — די קילקייט איז אַזש הייס.

ס'איז אָנגעגליט פון וואַרטן, פון שווערער אומבאַוווּסטקייט,
וואָס קיינער קען ניט זאָגן, פאַר וועמען און פּונקט ווען
עס וועט אַרויף דער אַנקער און ס'וועט, ווי אין אַ פּוסטקייט,
אַ טראָג טאָן זיך דאָס שיפל, דערפרייט, וואָס ס'איז געשען...

דערווײַלע איז נאָך גליוּוער — געליימט דאָס רעטונגשיפל.
די רעטערין פון אומקום מיט סוף איז אָנגעזעטיקט.
דער ים איז שטײַף פון וואַרטן — אָ ווען, אָ ווען און וויפל?
צו וועמען ט'עס באַווײַזן, פאַר וועמען ט'זײַן פאַרשפּעטיקט?...

ריגע־דובולטי, סעפּטעמבער 1956

# שלאָפלאָזע נאַכט

דער שלייער פון שלאָף איז היינט לעכערדיק שיטער,
און ס׳זעען דורך אים זיך די ווילדסטע קאָשמאַרן.
אויך רויִקייט בושעווען קען ווי געוויטער,
און שטילקייט אַ האַרבעריק איז פאַר געפאַרן.

עס פינטלען פאַרחלשט די גרויע סעקונדעס,
און ס׳פיקן זיך אויס פון די פינטעלעך פיאַווקעס.
דער קישן אַ הייסע פאַרשוואָלענע וווּנד איז,
די וועלט איז אַ וואָר, וואָס איז פאָ׳ס און איז קאַפקאַ׳ס,

און ס׳בלאָנדזשען געדאַנקען, ווי פונקען אין זומפּן,
ווּ פונק איז קיין פונק ניט, דאָך בלאָטע איז בלאָטע.
זיי בלאָנדזשען און ווינקען, און ווערן פאַרזונקען,
און דאָך ווערט מען ניט פון דער גליפּעלשונג פּטור...

אוּ־וואַ, סאַראַ גזלן ס׳קען זיין אַ געלעגער,
ווען ס׳האָט ניט דאָס וואַך־זיין אויף זיך מער קיין שליטה,
ווען רו לויפט פון אומרו, ווי האָז לויפט פון יעגער,
און קלאָרקייט און ניכטערקייט ליגן צעשפּליטערט.

דער שלייער פון שלאָף היינט מיט גוואַלדריסן פול איז.
עס צערעוועט אים די מבולבלע וויִעס,
נאָר ס׳העלפן ניט מער אַלע איינשלעפער־סגולות.
ווער ווייסט, צי קאָשמאַרן זען איז ניט נביאות? ...

ווילנע, מאַרץ 1971

## צום טומאַן

מילכיקער טומאַן —
אָטעם פון אַ טאָג, וואָס זאָגט צו העל זייַן,
ס'קלעטערט מייַן ניט אויסגעשלאָפן שווער געמיט,
ווי דער אָדם-קדמון איבער בראשיתדיקע פעלדזן.
אָ, ווי איך בין עס מקנא דיר
דייַן צעפרייעט-שוימענדיקע לויכטנדיקע לייַכטקייט,
און מיט יעדער רגע דייַטלעכער איך שפּיר
אויף די וויִעס מייַנע דייַן אַנטלויפנדיקע פייַכטקייט.

טיולענער טומאַן —
נייַעם זומערטאָגס צעפלאָסענע פאַרשמייַעטע נשמה,
שיטער רעגנדל, וואָס פאַלט ניט, נאָר גאָר שטייַגט,
ווייַסע שוועבנדיקע ריזן-אַנעמאָנע,
ביסט די אומקלאָרקייט, וואָס העלפט, צי די, וואָס שאַט ?
סאַראַ חילוק ? ביידע, ביידע מוזן זיי פאַרשווינדן,
און אומזיסט מיר רוקן אונטער רק דאָס וואָרט „פאַראַט"
דעם, וואָס וויל ניט זיך מיט פאָראורטיילן בינדן.

וואָגלענדיקער גייַסטערטרוים טומאַן —
גילגול פונעם טייַך, ממשות-מישמאַש, —
טראָגסט זיך אום צעטראָגן, זוכנדיק אַ ציל,
שוועבסט ווי ס'שוועבן איבער קישנס פון חולאָים קריאת-שמע'ס,
כ'בעט דיך : מיט דייַן וואַרעמקייט דעם בראַנד פון שטערן
מייַנעם קיל,

ווײקל מיך אַרום מיט דײַנע ווײקלשנורן העלע,
אפשר וועל איך זיך צוריק דערפֿילן ווי אַ מאָל אַ קינד,
ווען כ׳האָב אַלץ אַרום געזען, ווי בלײכע אַקוואַרעלן,
און כ׳האָב מיט מײַן אומבאַהאָלפֿנקייט דער מאַמעס קוש פֿאַרדינט.

ווילנע. מײַ 1971

## חורבן

אַ ברוינע טויב
מיט אָנגעצונדענע טראַכאָמנע אויגן
שלעפּט אַ פאַרווונדיקט פּיסעלע און וויינט:
„ניטאָ דאָס הויז. ניטאָ דער דאַך.
ניטאָ דער טויבנשלאַק, ניטאָ!
דאָס ייִנגל,
וואָס האָט מיך געהאָדעוועט, — ניטאָ מער!"

און ס'קומט אַנטקעגן אָן אַ קאַץ
(די פעל אָן אויסגעקראַכענע, באַדעקט מיט קרעץ).
זי גייט אַ שווערמוטיקע און זי טראַכט:
„אפשר אַ שפּרונג טאָן קעציש פלינק
און זי צעפּליקן, פליִען זאָלן פעדערן
און בלוט זאָל שפּריצן?"
זי פילט אָבער, אַז ס'האַלט זי עפּעס צו.
זי קוקט זיך קעציש־לאַנגזאַם אום,
דערזעט, אַז עס פאַראייניקט זיי
אַ דינער גרויער שפּינוועבס־פאָדעם...

ווילנע, אָקטאָבער 1967

# דאָס גוטע שפּערעלע

ווינטיק, רעגנדיק און קאַלט.
מער ניטאָ די פלינקע שוואַלב.
אַ פאַרשפּאַרטע זיצט די טויב.
נאָר די קראָ איז דאָ געבליבן...

גרוי דער טאָג — אַזוי ווי איך,
היים איז נאָר דאָס מיסט פון פערד.
וואַרעם איך זיך אָן אין דעם
און פאַרפלי אונטער אַן אָפּדאַך...

בלאָז איך אָן זיך, זיץ און קוק.
זע איך: אויפן הויף די קראָ
פּיקט אַן אויג ביים טויטן הונט.
ווי, מיט וועמען כ'בין פאַרבליבן...

ביידע מיר — באַפליגלטע,
ביידע מיר — באַשנאָבלטע,
אַזוי שרעקלעך ענלעכע...
זאָל זשע כאָטש מיין גאַנג זיין אַנדערש:

שפּרונג, שפּרונג אויף האַרטער ערד,
שפּרונג אויף געל, פאַרוויאַנעט גראָז,
שפּרונג אין עלנט און אין ווינט,
שפּרונג מיט ביידע פיס אין איינעם! ...

ווילנע, יולי 1963

☆ ☆ ☆

גרינג איז דיר צו ציילן טרערן
אויף אַ פֿרעמדער באַק,
און נתפּעל נאָך צו ווערן:
„פּינקטלעך! אַקוראַט!"...

און כּדי דו זאָלסט נאָך ווערן
מער דערפֿון גערירט,
אײַנגעפֿינען, אַז די טרערן
זענען גאָר צעשמירט...

ניין, מען טאָר ניט זיך דערוועגן
זען אין טרייסט אַ זייף.
ווייטיק איז ניט אַ פֿאַרמעגן,
וואָס מען האַלט אין סייף.

מיטגעפֿיל — הייסט: זיך באַפֿרײַען
פֿון אַ יענעמס וויי,
מיט אַ נאָכגעמאַכטן שרײַען
פֿעלשן עכט געשריי...

ווילנע, דעצעמבער 1968

☆ ☆ ☆

ביַי דער חרובער, דער שוין אָנפליגלדיקער ווינטמיל
זיצט אַ מאַטער, מער שוין גאָרנישט זוכנדיקער דאָן קיכאָט.
פונעם בערדעלע — קיין סימן.
קיווער, שילד און שפּיז — פאַרלאָרן.
אויפגעהאָדעוועט אַ ביַיכל,
זיצט ער גליַיכגילטיק — אַ זאַטער סרים,
שמייכלט נאַריש-גליקלעך, וואָס אים קיצלט שלאָף...

ווײ־אַ־ווײ, וואָס עס קען ווערן
פון אַזאַ, וואָס מיר פאַרשפּאָטן,
ווען ער האָט נעבעך פאַרלאָרן
דאָס, וואָס ס'איז ביַי אונדז צו שפּאָט...

ווילנע, יולי 1971

## ש אַ ג אַ ל

זיצט בײַם גרויען שטיבעלע
אַ פרעמדער גרינער ייִד.
דוכט זיך, עס פֿאַרשמעקט מיט ל״ג-בעומר.
קילער בלוי מיט הענגלעך הייסע טרוימען בליט
און חתנים, ווי קוקאַוועס, — אויף די ביימער...

ציגעלעך און הענער,
קאָזשעלקעס און שוועב.
זיצט דער גרינער ייִד — זײַן אייגענער בטחון...
אַ של-יד און אַ רצועה אויף זײַן האַנט.
דאַרף מען דאָך פֿאַרשטיין, ס'איז אין דער וואָכן.
טאָ פֿון וואַנען אַזאַ יום-טובדיק געמיט?

ווילנע, יאַנואַר 1970

## אַזאַ...

אַזאַ איז דער וועג פֿונעם זײַן צום ניט־זײַן:
אַ קוביקל נחת, אַ קובל מיט פּײַן,
אַ מאָרגן, וואָס כּל־זמן ער ווײַט איז, ער שײַנט,
אַ נעכטיקער טאָג, וואָס מאַכט קאַליע דעם הײַנט...

אַזאַ איז די טבֿע פֿון איינציקן וועג,
וואָס גייט אין איין ריכטונג, וואָס פֿירט נאָר אַוועק —
דער וועג פֿול מיט דערנער, מיט הרודעס און שטער,
וואָס, כאָטש ער אַראָפּ גייט, איז גיין אויף אים שווער.

אַזאַ איז די וואָר מיט איר קווייט און איר קויט,
אַזאַ איז די בענקשאַפֿט, אַזאַ איז דאָס ברויט,
אַזאַ איז די רו, און דער אומרו — אַזאַ.
מיליאָנען מאָל אַנדערש, און אייביק אַזאַ!

ווילנע, יאַנואַר 1968

# וואַלד־חלום

זעט דער כמורנער אַלטער וואַלד אַ חלום,
אָנגעפּראָפּט מיט חיות און גזלנים,
און די נאַכט גלעט זײַנע גרינע קרויזן,
און דער ווינט וויגט טיפער נאָך אים אײַן...

אויסגעראָטן זענען זײַנע ווילדע חיות,
אויסגעכאַפּט די ווילינגישע רויבערס.
איז ער אויף דער עלטער אָן זײַן תּוך געבליבן!
ס׳פעלט אַזוי אים, ס׳פעלט אַזוי דאָס בייז...

זעט ער איצט זײַן עבר כאָטש אין חלום:
אָנגעשטאָפּט איז ער מיט חיות און גזלנים —
בלוט, געשרייען, ציינערקריץ, געקנאַק פון ביינער,
און פון אויבן: שלווהדיקע פייגל־צווישערײַ.

ווילנע, מאַרץ 1968

# מיר, די וואַנדערערס די בלייכע...

מיר, די וואַנדערערס די בלייכע,
ווייסן ניט דעם וועג, און גייען
אײַנגעוויקלטע אין שטורעמס
און פֿאַרקוטעטע אין שנייען...

מיר, די וואַנדערערס די בלייכע,
וואָס אין אָנווערן זיך טונקען,
ציִען זיך צו האָגלאַײַזלעך,
מיינענדיק, זיי זענען פֿונקען.

מיר, די וואַנדערערס די בלייכע,
גיבן קיין מאָל זיך ניט אונטער,
כאָטש מיר, נעבעך, ניט פֿאַרשטייען,
ווי ס׳איז גרויס דער וואַנדער־וווּנדער...

ווילנע, יוני 1970

# גרויסקייט...

אָפט מיט קינאה קוקסטו : דער פויגל פליט...
און אין תּוך געגומען זענען עס די זעלבע טריט.
ווער — אין לופט, ווער — אויף דער ערד,
יעדערן — וואָס אים באַשערט !

טראַכט אַרײַן זיך, וועט דיר ווערן קלאָר :
ס׳איז דאָס אייגענע — דאָס זעלבע אויף אַ האָר,
און דער פויגל האָט געווים
צער פון פליגל, ווי דער מענטש האָט צער פון פיס...

וואָס זשע איז די גרויסקייט פונעם פליִען, וואָס ?
זייער מעגלעך, אַז נאָר דאָס,
וואָס דורך דעם ווערט ניט צעטראָטן גראָז...

ווילנע, מיי 1957

# יושר...

נאַכט אַרום. סע שלאָפֿן שוין די פֿייגל.

דרייט דער הונט צונויף זיך אין אַ בייגל
און נעמט חלומען פֿון זיי. דערהויפּט פֿון איינעם —
פֿון אַ שפּערעלע אַ גרויען און אַ קליינעם,
וואָס די קאַץ האָט אויפֿגעפרעסן,
זיך באַלעקט און עס פֿאַרגעסן,
קריכנדיק נאָך פֿונעם דאַך אַראָפּ.

שאָקלט צו דער הונט אין חלום מיט זײַן קאָפּ:
קאַץ ט׳פֿאַרגעסן, ער געדענקט...

אָ, ווי שינאה נאָכן יושר בענקט!

ווילנע, אויגוסט 1968

# דעטערמיניזם

אין אַ כמאַריקן באַגינען,
ווען עס פֿינקלען געאָרגינען
און דער גײַציקער זכּרון
ציילט, ווי געלט, די טעג און יאָרן,

מאַך איך זיך אַ קלאָרן חשבון,
אַז אַ גאָרנישטיקער יש כ׳בין,
אַז אויף אומנייטיקע וועגן
איך צעטרענצלט האָב פֿאַרמעגן...

איז אַ שאָד מיר און קיין שאָד ניט,
וואָס מײַן גאָט איז מער קיין גאָט ניט.
ברילן שוואַרצע, ברילן ראָזע
שלײַף איך סטאָיִש, ווי שפּינאָזע.

ווילנע, יוני 1967

# די אָנהייבערס

מיר האָבן, לײדער, ניט געװוּסט,
אַז ס׳קענען קרום זײַן גלײַכע װעגן.
מיר האָבן ענטפּערן געמוזט,
װען ס׳װאָלט געפּאַסט זיך ליבערשט פֿרעגן.

ס׳האָט אונדזער װילן אונדז געשפּײַזט,
ס׳האָט אונדזער װילן אונדז געפּײַניקט.
מיט אונדז די גרױסקײט האָט געשפּרײַזט,
האָט פּײַן פֿאַרביטן אונדז דעם תּענוג.

ס׳האָט אונדזער פֿױסט, װי אונדזער גײַסט,
געטרױמט די װעלט צו מאַכן העלער.
מיר האָבן גאָרנישט ניט פֿאַרגרײַזט,
איז דאָס געװאָרן אונדזער פֿעלער.

װילנע, מײַ 1967

# ד ע ר   פ י ד ל

סאַראַ ליכטיק, סאַראַ וווּנדערלעך געוויין!
מיט אַ זשעדנער דאַרשטיקייט די אויערן עס זופּן.
זאָג, פאַר וואָס איז ווייטיק אַזוי שיין?
וואָס שמאַרצט מער: דאָס גלעטן צי דאָס צופּן?

זינגענדיקן פאָדעם צערטלען שטומע האָר,
נעמט ער וויינען, ברומען, קרעכצן...
ווער איז נייטיקער: דער טרוים אָדער די וואָר?
וואָס איז ליבער דיר: באַפרידיקט זײַן צי לעכצן?

קורץ דער סמיק, און אַזוי לאַנג זײַן זיפץ.
יעדער עק זײַנער אי אָנהייב און אי סוף איז.
וואָס זשע שרעקט אַזוי דײַן האַרץ זיך פאַר אַ קניפּ?
גלעט און קניפּ, דאַכט זיך, דער זעלביקער קאַטאַוועס...

סאַראַ ליכטיק, סאַראַ וווּנדערלעך געוויין!
איז טאַקע דאָס וויינען אַזוי שיין?...

ווילנע, מאַרץ 1964

# דער פידל

מעגלעך, ווײַל עס גיט דער פידל
מער, ווי ס'איז אין אים פֿאַראַנען,
איז ער גרויס,

און דעם שויבער פֿון געפֿילן
קעמען צערטלענדיקע קאַמען,
וואָס פֿון האַלץ פֿליִען אַרויס.

זעט ווי שטיפֿערישע פֿינגער
פֿליושקען זיך אין שטראָמען לויב...

ווי קען זײַן אַזאַ־אַ זינגער
דער, וואָס איז אַליין גאַר טויב?

ווײַנט דאָס האַלץ — די דינע פֿעדעם
זענען פֿאַר זײַן ווײי צו שוואַך!

אָ, ווי האַרץ האָט ליב אַ רעד טאָן,
ניט געפֿענטעט פֿון אַ שפּראַך! ...

ווילנע, סעפּטעמבער 1965

## די פלייט

וווּנדערט זיך ניט, וואָס איך שרײַ.
ס'איז מײַן הילכן ניט געמאַכט.
ס'איז מײַן וויינען ניט פֿאַרזיסט,
ווי דאָס כליפּען פֿון דעם פֿידל...

וואָס איז דען דער שמיר פֿון סמיק?
איז דען טיף דער זעץ פֿון טאַץ?
מײַן קלאַנג אינעווייניק שאַלט,
אַלע מײַנע לעכלעך זינגען!

כ'בין אין גאַנצן אויסגעהוילט,
כ'בין די גאַנצע נאָר אַ שייד,
און מײַן אויסגעצויגן לײַב
פֿול איז מיט אַ הייסן אָטעם.

כ'בין אָבער ניט אָטעמס היים,
איך בין נאָר זײַן לאַנגער וועג.
אַלץ אין לעבן צוגווינט איז,
און דורך מיר דער צוגווינט ריזלט.

ווילנע, מאַרץ 1963

# די טאַצן

צוויי, וואָס זענען פונקט די זעלבע,
וואָלטן דאַרפן לעבן פרידלעך.
שטויסט מען אָבער רק צונויף אונדז,
מאַכן זאָלן מיר אַ גוואַלד.

מילא, אַז די פויק טוט אָכקען,
איז פאַר קיינעם ניט קיין חידוש.
ס׳איז אַ קריג פון צוויי ווילדפרעמדע —
אַ טוקאַטש האַקט אין אַ פּאַס...

אָבער צווילינגדיקע ברידער —
לײַבלעכע, אַזעלכע זעלבע,
אַז ס׳איז אוממעגלעך צו זאָגן
ווער פון ביידן עס איז ווער,

מיטן גאַנצן גוף זיך וואַרפן
זאָלן איינער אויפן צווייטן,
און אַרויסלאָזן אַ הילכיק
ווילד־צעהירזשעט מעשגעבראַזג?..

יאָ, מיר ווייסן עס, מיר ווייסן,
אַז אַ ניגון ליב האָט טומל,

אַז אַן פּויקן און אַן טאַצן
קלינגט דער פידל ווי אַן זאַלין...

אָבער סטײַטש! — די נאָ'נטסטע ברידער,
וואָס באַדאַרפט וואָלטן זיך גלעטן,
זעצן איינער אינעם צווייטן,
און מיר ווייסן ניט אַפילו,
ווער עס שלאָגט און ווער עס שרײַט...

ווילנע, יולי 1963

# די פויק

„בויך!
בויך!
בויך-בויך-בויך!

ברומט עס פּעל, וואָס ווערט געשלאָגן,
צי דער האַרטער קאָפּ, וואָס שלאָגט?
ווער דאָס זעלבע טוט רק זאָגן,
קלאָר, אַז ער דעם אמת זאָגט...

בויך!
בויך!
בויך-בויך-בויך!

הילכיק פליַיסן זיך טרומייטן,
ווי געקניפּן, קוויטשען פלייטן.

זייער טומלדיקער ניגון
איז אַן אויפגעשווימטער ליגן,
וועלכער רייַסט זיך צו דער הויך,
ווען דער אמת בליַיבט אין בויך...

בויך!
בויך!
בויך-בויך-בויך!

זעץ און זעץ! ניט רו, ניט רו נאַר!
לעבן זאָל דער טעמפּער דונער —
אַט דער בעסטער ניגון-מעסטער!
בויך — דער דופּק פון אָרקעסטער...

בויך!
בויך!
בויך-בויך-בויך!"

ווילנע, יוני 1963

# נשמה־יתירה

## כ׳וויל

כ׳וויל, דאָס צאַרטע ווינטעלע זאָל בלאָזן נאָר פאַר דיר.
איז עס דען אַ העזה?
כ׳וויל, עס זאָל פון שטוב דײַנער די טיר
טאָג און נאַכט פון זונשײַן זײַן אַ ראָזע.
איז עס דען אַ העזה?

טרוימען, זאָגסטו, מעג מען; וועלן איז אַ זינד —
אומפאַרשעמטע העזה!

גוואַלד, פאַר וואָס?
איך טראַכט דאָך, ווי אַ קינד.
פאַסט דען וועגן קינדישקייט צו זאָגן: העזה?...

ווילנע, אָקטאָבער 1957

# פ ר י י ד

אַ העלער פלעדערוויש
נעמט אויסווישן די ווינקעלעך פון האַרץ.
עס קיצלט, קיצלט זײַן באַריר,
אַז ס'ווילט זיך לאַכן...

דער טרויער איז אַן אַנוואַלגער,
דער אומעט — שטויב ;
און אַז דאָס האַרץ ווערט אויסגערייניקט,
ווילט זיך לאַכן...

דער נודניק — דער זכּרון גיט ניט נאָך :
ער ברײַט אַ מעשה,
אַז געווען עס איז אַ מאָל פאַרדראָס.
עס ווילט זיך ל אַ כ ן ! . . .

ווילנע, אויגוסט 1962

# ס׳האָט אַ שיין געטאָן די זון...

ס׳האָט אַ שײַן געטאָן די זון.
האָט דאָס זילבער־וואָלקנדל פֿאַרשעמט זיך
און עס איז געוואָרן ראָז.
האָבן פֿייגל זיך צעזונגען,
און גענומען מוטיק קנאַקן
האָבן שפּרינגערלעך אין גראָז.

האָט דער מענטש זיך אויסגעטשוכעט,
אויפֿגעשפּרונגען פֿון געלעגער,
עס דערזען און עס דערהערט ;
און אין ליכטיקן התפּעלות
פֿאַר דעם גרויסן הימל־װוּנדער
ליב באַקומען מער די ערד.

ווילנע, מאַרץ 1968

# י ו ג נ ט

דער העלער רײַטער פֿון מײַן יוגנט
אַרויף איז אויף אַ וואַנט און האָט זײַן קאָפּ צעשמעטערט,
נאָר נאָך ביז הײַנט עס טראָגן אום זיך און עס קלאַפּן
די טלאָען פֿון זײַן אומגעצוימט שווין רײַטערלאָזיק פֿערד...

איך ווייס ניט, צי עס איז אַ שאָד די בייטן,
וואָס ליגן פֿון גאַלאָפּ זײַנעם צעטראָטן,
און צי די אויסגעריסענע, אין קויט אַרײַנגעפּרעסטע בלומען,
זיי קענען זײַן באַשולדיקונגען קעגן אים...

מיר דוכט, אַז נאָר לשם דעם גוואַלדרים אין דער שיינקייט
געוואָרן איז די שיינקייט אויף דער ערד באַשאַפֿן,
און יעדער גלאַטער וועג איז גרייט, ער זאָל באַשטעמפּלט ווערן
מיט טריטשפּורן פֿון צעפֿלאַשעט-יאָגנדיקע פֿערד.

וויאָאָ !...

ווילנע, אַפּריל 1960

# נשמה־יתירה

נשמה־יתירה, נשמה־יתירה,
ביסט, אורח אויף יום־טוב, אַ שליח־עבירה.

אַ חטא איז די ניכטערע וואָר צו פאַרגעסן
און זײַן פּונעם טשאַד פון התלהבות באַזעסן.

נשמה־יתירה — צעבליטע נשמה,
וואָס ביטול־היש איז דײַן עצם כּוונה,

קומסט, פלאַמיקע זעל — עמוד־אש פון התפּעלות,
באַקריינען חסרונות מיט שײַנונג פון מעלות...

נשמה־יתירה, נשמה־יתירה,
אַ־ווײ, ווי געפּענטעט עס איז אונדזער ברירה:

אַט זוכן מיר יום־טוב — אַן אויפשטײַג דורך דבקות,
וואָס איבער די דאגות, פאַרדראָסן און ספקות,

און אַט שוין עס מאַרדעוועט אונדז דאָס געוויסן:
מיר האָבן זיך, ווײ, פון דער וואָך אָפּגעריסן...

נשמה־יתירה, נשמה־יתירה,
אַ, מענטשלעכע שכינה, האָסט ליב אַן עבירה.

ווילנע, אַפּריל 1971

## צום אָפטן גוטן חלום

אָ, מײַן אָפטער גוטער חלום,
וואָס איך זע דיך אַזוי גערן,
אפשר וואָלט געווען אַ סברא
זאָלסט אַ מאָל די וואָר שוין ווערן?

אפשר וואָלטן דײַנע בילדער
האָבן שוין אַ מאָל אַ תקומה,
און ניט אומגעריכט פאַרשווינדן,
ווי זיי אומגעריכטע קומען?

אפשר וואָלטן דײַנע פאַרבן,
וואָס ביז טרערן מיך אַנטציקן,
ניט אַ פלאַץ טאָן און ניט בלײַבן,
ווי די שוואַרצסטע שאָטנס ליגן?

אפשר וואָלטן דײַנע וועלטן,
וואָס אַט גליווערן, אַט שווינדלען,
מער ניט אויסן זײַן מײַן תמימות
מיט מיראַזשן צו באַשווינדלען?

אָ, מײַן אָפּטער גוטער חלום —
גרויסער טרייסטער און אָנטווישער,
בעסער שוין צו זײַן אַן אביון,
איידער ווערן רק אויס עושר! ...

ווילנע, סעפּטעמבער 1970

# פונקט אַזוי...

ווי דער פויגל זינגט,
אַליין ניט וויסנדיק פֿאַר וואָס,

ווי עס ווינקט דערקוויקנדיק
מיט טראָפּנדלעך באַגינען־טוי דאָס גראָז,

ווי די נאַכט
(כאָטש זי אַליין בלײַבט אומגעזען)
פּוצט זיך אין שטערנפּערל אויס,

ווי די זון
חזרט זיך איבער
אויך אין שויב פֿון נעבעכדיקסטן הויז,

פּונקט אַזוי
קומט פּלוצעם אינעם האַרץ אַרײַן
אַן אויסגעמיש פֿון גלעט און שניט —
עפּעס אומדערקלערלעכס,
וואָס מען רופֿט עס: ל י ד . . .

ווילנע, יאַנואַר 1959

# טרויעריקע טרוימערס

טרויעריקע טרוימערס —
טריבע טרובאַדורן,
קענט איר ניט פאַרהילכן
פונעם קרעכץ די שפורן?

איר זענט דאָך געבאָרן
צרות צו פאַרזינגען.
אונדז מעג ניט געראָטן,
אײַך עס מוז געלינגען!

טרויעריקע טרוימערס —
טרערנדיקע טרייסטערס,
אונטער אײַער ניגון
פילן מיר זיך דרייסטער.

שלעפן מיר זיך נאָך אײַך,
אויסגעבלייכטע שאָטנס,
שלינגען אײַער זינגען
מיט פאַרכאַפטע אָטעמס.

טרויעריקע טרוימערס —
טריבע טרובאַדורן

מיט די טרעלן־טראַלדן
און די טרערן־שנורן,

שרעקט זיך ניט צו זינגען,
טאָמער וועט עס נאָגן,
קרישלענדיק דעם ווייטיק
נײַעם ווײ צו טאָקן.

טרויעריקע טרוימערס —
טריבע טרובאַדורן,
ס׳אמתע געזאַנג איז
יום־טוב דורך יסורים...

ווילנע, סעפּטעמבער 1970

# אונטערן בוים

זע, ווי ס'וויגן זיך די שאָטנס,
ווען דער ווינט די צווײַגן טרייסלט.
עפּעס איז עס מיר אַ ווייטיק,
און פֿאַר וואָס אַ ווייטיק, כ'ווייס ניט.

מעגלעך, אַז מיר איז דערווידער,
וואָס בעת איינער ווערט געבראָכן,
קרימט דער אַנדערער אים איבער
מיט אַ נאָכמאַכעריש פּאָכען.

מעגלעך, מיר איז ניט צום האַרצן
אָט די ענלעכקייט די בלויזע,
ווען פֿאַרשיידן ס'איז דער תּמצית
און פֿאַרצווילינגט ס'איז דער אויסזען.

מעגלעך, אַז מיר סתּם ניט ליב איז
זען דאָס וואַרפֿן זיך געכפּלט
און אַ צווייִקייט פֿון צאַפּלען
מאַכט מיך צווייפֿאַכיק פֿאַרצווייפֿלט.

מעגלעך, אַז דער בוים גאָר שאָקלט
זײַנע צווײַגן מיט אַ פּיוון,
כ׳זאָל אין מינדסטן שאָטנס ציטער,
ווי אין „זוהר" זיך פֿאַרטיפֿן...

ווילנע, מאַרץ 1971

# ג ו ל ם

ליים איז היים,
איז אָנהייב און איז סוף,

„יאָ" און „ניין",
פאַרזונקענע אין שלאָף.

כאַפּ זיך אויף,
נאָך קיין מאָל ניט-דערוואַכטער מאַן!

פון ליים ביז גוף
איז קוים אַ האַלבער שפּאַן...

יאָ, ס'איז שווער
זיך אָפּרייסן פון זיך.

לײַב איז מער,
ווי פאַר אַן „איך" אַ ציך!...

שטאַרער חומר
פול איז מיט באַגער.

יעדן דומם
איז זײַן טויט-זײַן שווער...

פֿאַלט אַ שטערן,
זינקט אַרײַן אין ליים,

ווערט אַ ווערן
פֿון הימלישן פֿאַרגיין.

חלומט חומר,
גאַוהט זיך און שטוינט —

פֿוילער דומם
האָט דערפֿילט: ער טרוימט.

טוט אַ שפּרונג ער,
זײַן ביז־איצט צערײַסט.

װוּנדער, װוּנדער:
טרוים אין ליים ווערט גײַסט...

ווילנע, אויגוסט 1970

## ל״ו

למד-וואָווניק, ווער ביסטו ?
ווו איז דײַן פאַרהוילן הויז ?
אין דײַן זכות עס האַלט די וועלט זיך,
דו פון איר באַהאַלטסט זיך אויס.

למד-וואָווניק — רויער אויסזען,
למד-וואָווניק — גרוי געשטאַלט,
אינעם וואָכעדיקסטן חומר
ניצוץ לויטערסטן באַהאַלטסט.

למד-וואָווניק מיט מאַזאָליעס,
מיט דער זעג און מיטן שטריק,
ס׳איז דער העלער זון אַ שותּף
דײַן אַראָפּגעלאָזטער בליק.

למד-וואָווניק — קוואַל עניוות,
איינער פון בלויז צוויי מאָל „ח״י״,
גרעסטן אויפפלאַקער פון גאווה
דײַן באַשיידנקייט קומט ביי.

למד-וואָווניק, טראָג אָן וואַסער,
למד-וואָווניק, שפּאַלט אָן האָלץ.
ווייל איז דיר, וואָס ביסט ניט משיג
וואָס עס הייסט מיט זיך זײַן שטאָלץ.

למד-וואָווניק, למד-וואָווניק,
ו ו ע ר ביסטו און ו ו ו ביסטו?
אַנשטאָט דיר צו זאָגן שבחים,
בעסער וואָלט איך זײַן ווי דו!...

ווילנע, אָקטאָבער 1969

## חסידיש

צינד אָן טרוים, די וואָר פאַרלעש,
טו זיך אויס פון גרויען יש,
רײַס אַרויס זיך פון זאָרגס צוואַנגען
און באַהעפט זיך מיט דער פרייד;
ס'האַלט דער חומר דיך געפאַנגען
אין אַ תפיסה אויף אַ קייט.
ווי לאַנג וועט ער דיך נאָך קלעמען?
שעפ באַפרײַונג פונעם טרוים.
זאָל דעם יש דער רוח נעמען,
זאָל פאַרשווימען ער, ווי שוים,
זאָל דאָס בלײַענע ממשות
ניט דערוועגן זיך זײַן אַלץ.
אין אַ הייליקן חלשות
זינק אַרײַן איבערן האַלדז,
פון חלשות — אין אַ ציטער,
פונעם גליווער — אין עקסטאַז,
אין אַ שרויטיקן געוויטער
צאַפלען זאָלן היים און גאַס!
ווייל איז דעם, וואָס איז אַ טרוימער,
וואָס צעשמעלצט נשמהס אײַז.
איבער דײַן פאַרטעמפּטן חומר
זאָל דיך אומטראָגן דײַן גײַסט,
זאָל די בענקשאַפט זיך פאַרדבקהן,

שפּאַרן זאָל התלהבות־פֿלאַם
אַזוי שטאַרק, ווי נאָר דער ווײַ קען,
ווען ער שפּריצן נעמט זײַן סם.
גיי אַ טאַנץ, בשר־ודם,
פֿיל דײַן לײַב מיט שכינה אָן.
ווער פֿון דײַן געזאַנג נשתּומם,
אַ התפּעלותדיקער שרײַ:
„מענטש איז פֿלאַם, און ניט קיין דומם,
מענטש איז, ווי דער שטורעם פֿרײַ!"

צינד אָן פֿרייד, דעם צער פֿאַרלעש —
טאַנץ ביז ביטול פֿונעם יש!...

ווילנע, יאַנואַר 1968

## ניט־פויגלדיקער דיאַלאָג

אַזוי מאָדנע צווויטשערט היינט דער פויגל אויף מיין דאַך —
ניט ער זינגט אַרויס, ער שלינגט גאָר איין די טענער.
שלינג איך מיט מיט אים זיי און איך טראַכט:
כלעבן, אַז אַזוי איז טאָקע ריכטיקער און שענער.

אָנגעשלונגען זיך אַ פולן, פולן קראָפּ
מיט טשיריק־קערנדלעך — טרעלן,
איז ער פון מיין גרויען דאַך אַראָפּ,
איך זאָל, הייסט עס, אויף זיין אָרט זיך שטעלן...

קוק איך אָן אים אומבאַהאָלפן שטומפּ
מיטן גלי פון שטוינונג אין די אויגן.
אַז כ'בין אויף דער ערד צו זינגען שטום,
סאַראַ טעם קען האָבן מיינס אַ צווויטשען אויבן?

„קריך דאַך! קריך זשע גיכער אויפן דאַך!" —
שרייט ער טענצלענדיק שוין אויף אַן אַשפּה־בערגל,
און כ'דערפיל זיך מיט אַ מאָל פאַרלוירן שוואַך,
צוזעענדיק, ווי ער פּיקט נעבעך אַ שערבל.

— וואָס זשע טוסטו?, שריי איך, פּטרסט דאָך דיין קעל!
— קריך און צווויטשער, ענטפערט ער, די צייט זי שטייט ניט.
האָסט אַ בענקענדיקע זינגענדיקע זעל,
און דיך קימערט גאָר ניט, וואָס דיין קול דערגייט ניט?

— ס׳קימערט, ס׳קימערט, טײַערער, נאָר וואָס, זאָג, זאָל איך טאָן,
אַז איך סטאַרעווע זיך, און עס האָט קיין ווערט ניט ?
כ׳הייב אָן סאָלאָווייִש, און ס׳לאָזט אויס זיך ווי בײַם האָן,
כ׳וויל, מען קווועלן זאָל, און קיינער, קיינער הערט ניט.

זאָל איך אפשר האַלטן זיך בײַ דײַן געדאַנק —
ס׳הייסט פאַר זיך זינגען, פאַרגעסנדיק אין יענעם, —
פּשוט אײַנשלינגען דאָס אייגענע געזאַנג
און אין האַרץ דעם אייגענעם פאַרברענען ?

אָבער טאָמער, טאָמער שטעלט זיך דאָן אַרויס,
אַז אויך ווײַטער נאָכצוטאָן דיר ס׳וועט מיך ציִען
און נאָך דעם, ווי איך וועל שלינגען קלאַנגען אויפן דאַך פון הויז,
פּונקט ווי דו, כ׳וועל נעמען אינעם מיסט זיך ריִען ?...

דאָס פאַר זיך אַליין זינגען שטופּט פון דער הייך אַראָפּ
(און דער פאַלנדיקער רעדט דערבײַ נאָך אײַן זיך, עס איז גליק),
פויגל טײַערער, שענק מיר אַ צוויטש פון דײַן פאַרפולטן קראָפּ.
אַ, אַ דאַנק ! טשיריק... טשיריק...

ווילנע, יוני 1971

# ג ע ב ע ט

איצט — אין דער רגע, ווען עפּעס דאַרף קומען,
לערן מיך, גורל, איך זײַן זאָל, ווי דו —
ליב האָבן זאָל איך די דערנער, ווי בלומען,
זײַן זאָל מיר ניחא דער אומרו, ווי רו.

עפּעס דאַרף קומען און עפּעס פאַרשווינדן.
עפּעס, דוכט, איידער נאָך ס׳קומט, שוין ס׳אַנטרינט.
דרייען מיך, טראָגן מיך הונדערטער ווינטן,
און ס׳איז קיין איינער פון זיי ניט מײַן ווינט.

אָבער דערפאַר איך געהער ניט צו קיינעם;
און כאָטש אַ שטויבעלע כ׳בין און מיך דרייט,
בין איך באַלוינט מיט אַ לאַכן און וויינען,
בין איך באַפּאַנצערט מיט אומעט און פרייד.

עפּעס דאַרף קומען, מוז קומען, וועט קומען...
לערן מיך, גורל, ווי דו איך זאָל זײַן.
אויב ס׳זענען טאַקע די שטערנדלעך זונען,
מאַך איך זאָל זען זייער זוניקע שײַן!

ווילנע, אַפּריל 1968

# ע י ק ר

אויב עס האָט געביטן זיך
דײַן קוק אויף זאַכן,
איז עס ניט דער עיקר.

אויב פון אַלטע טרוימען
ווילט זיך דיר איצט לאַכן,
איז עס ניט דער עיקר.

אויב דערמאָנסט זיך גרײַזן,
אַז דו מוזסט זיך שעמען,
איז עס ניט דער עיקר.

אויב אפילו, טוענדיק דו ווייסט:
דײַן טאָגג וועט אַ מאָל דיך קלעמען,
איז עס אויכעט ניט דער עיקר.

היט זיך אָבער מיט אַ האַרץ אַ גרינגן
מאַכן אויספירן דערפון און וועלן דרינגען,
אַז נ י ט אַ ס׳איז גאָר קיין עיקר.

דאָס איז דאָך דער עיקר!

ווילנע, דעצעמבער 1957

# דערקענטעניש

שערבלעך גלאָז אין גאָרטן ליגן
און זיי שפּיגלען אָפּ די זון.
יינגלעך אויף אַ ברעט זיך וויגן —

בליצט אויף זון,
פֿאַרבליצט די זון,
בליצט אויף זון,
פֿאַרבליצט די זון...

דוכט, נאָר שפּיל און פֿאַרגעניגן,
דאָך פֿאַר איינעם אויך קלאָר עס ווערט:
האַלבער אמת איז אַ ליגן —
ערשטער שקר אויף דער ערד...

ווילנע, פעברואַר 1957

## יוגנט

...און דאָס פֿאַרגעסן איז געשען שוין אַזוי לאַנג,
אַז איך געדענק אַפֿילו ניט, אַז כ׳האָב פֿאַרגעסן...
נאָר פּלוצעם דאַכט זיך מיר, אַז ערגעץ אויף אַ באַנק
מיר זענען אין אַ טאָג אַ זוניקן געזעסן,

מיט אָטעם אויפֿגעהײַטערטן התלהבותדיק גערעדט,
די ווערטער — שטיקער פֿרילינג — אויסגעזונגען.
און איבער אונדז, אין קרוין פֿון בוים, אַ גרינער שד
איז אַזוי רירנדיק פֿון צווײַג אויף צווײַג געשפּרונגען...

אַרום איז קיינער ניט און גאָרנישט ניט געווען,
אין אונדז — דער יום־טובדיקער גאָרנישט, וואָס אַלצדינג איז.
און אַ נירוואַנאַ־האַנט האָט מיט אַ שטראַלנדיקער פֿען
געשריבן אין נשמות אונדזערע, ווי אין אַ פּינקס.

אויף הימלס בלוי דורך גרינקייט פֿון געצווײַג
געפֿלויגן איז די זון — אַ פֿײַערדיקע פּילקע.
געדאַוונט צו דער אייביקייט איך האָב דערמיט, וואָס כ׳שווײַג,
אַרויסגעפֿאַלן איז פֿון האַנט מײַנער „דאָס שטונדענבוך” פֿון רילקע.

געבליבן ליגן אויפגעעפנט אויף דער פײַכטער ערד
און ס׳האָבן איבער דעם גענומען אומשמײַען מוראַשקעס.
ווער ווייסט, פאַר וואָס? נאָר מיר האָבן דאַן תּמימותדיק געקלערט,
אַז ס׳זענען זונעלעך די געלינקע ראַמאַשקעס...

ווילנע, אַפּריל 1970

✡ ✡ ✡

וואָלט איך דיך געטראָפן הײַנט אין יענעם עלטער,
וואָלט איך ניט געפרעגט דיך שוין צי כ׳האָב געפעלט דיר.

כ׳וואָלט געזעצט זיך בײַ דער בייט מיט רויטע בלומען
און דײַן שמאָלע האַנט פּאַוואָליע אָנגענומען.

זאָג מיר, וואָלט איך דיר געזאָגט מיט מורמל שטילן,
מוז דען דאָס פאַרשפּילן זיך זײַן אַ פאַרשפּילן,

אָדער קען אַ מאָל עס זײַן אויך אַ געווינען
פאַר די איבערקלוגע טיפּשים — אַרלעקינען?

אָ, ניט רויטע, — בלויע זענען גאָר די בלומען!
ניט דײַן האַנט, דײַן בענקשאַפט כ׳האָב עס אָנגענומען...

ווילנע, נאָוועמבער 1968

* * *

דאָס אמתדיקע גליק איז בלײַבן קאַלט צו גליק,
דערזען די גרויסקייט פון דער וואָר דער ניט־דערשאַצטער
און מספּים זײַן דערמיט, וואָס דו ביסט בלויז אַ בריק —
אַ בריק, וואָס אונטער שווערסטער לאַדונג ניט געפּלאַצט האָט.

דו טאַדלסט און באַוויינסט דעם טאָג, וואָס איז פאַרבײַ
און שרעקסט זיך פאַרן טאָג, וואָס וועסט נאָך דאַרפן טאַדלען.
ס'באַליידיקט דײַן געמיט דער צײַטן־קײַ־און־שפּײַ,
דער קריוודענדיקער גאַנג פון גורל — שווינדלער־גדלן.

ניט שטענדיק עס געשעט, ווי ס'איז באַשערט ס'זאָל זײַן.
דער צופאַל ליב האָט אײַנריידן, אַז ער איז ניט קיין טעות...
אַ קווערטעלע מיט ווײַן, אַ שײַבעלע מיט שײַן, —
און מען פאַרגעסט גלײַך אַלע עוולות, אַלע רעות.

ווילנע, יוני 1971

# אַ דערוואַקסן קינדערליד

ערגעץ וווּט און סאַמע דאָ
איז פֿאַראַנען אַזאַ שעה,
וואָס האָט ליב זיך צו פֿאַרקלײַבן
אין זכּרון און דאָרט בלײַבן.

נעם איך אויף זי, אָט די שעה,
ווי אַ ליב צאַרט קעצעלע,
שטעל איר פֿרייד אַ טעצעלע:
„בלײַב אויף שטענדיק, שטענדיק, דאָ!"

זופּט דאָס קעצעלע געשמאַק,
דרייט דאָס עקעלע צום טאַקט,
שאָקלט ראָזע אויערלעך
אַזוי פֿרום־באַדויערלעך:

„ניין, איך קען בײַ דיר ניט בלײַבן,
כ׳מוז אין וועג אַרײַן זיך קלײַבן —
ס׳טרוימען זיך מיר מעשׂהלעך
וועגן גרויע מײַזעלעך!"

אַ, כ׳פאַרשטיי דיך, איך פאַרשטיי.
גיי, מײַן קעצעלע, גיי, גיי!
כאַפּ זיי אוים די מײַזעלעך —
מײַנע גרויע גרײַזעלעך...

ווילנע, יאַנואַר 1968

## אַ ניגונדל פון גינגאָלד...

אַ ניגונדל פון גינגאָלד,
אַ ניגונדל, וואָס פינקלט,
וואָס צערטלט און וואָס היילט —

אַ זמרל אַ ליכטיקס
האָט זיך אַ גלאַנציק-ציכטיקס
פון צער אַרויסגעשיילט.

דוכט, אין אַ טאָג אַ טריבן,
דוכט, פון אַ קרעכץ געטריבן,
און דאָך אַזוי-אַ העל!

אַ פּנים, אַז אויך ווייען
אין שטאַנד זענען דערפרייען,
ווען טרוים זיצט אין דער קעל.

ווילנע, יאַנואַר 1970

# האַרבסטנאַכט

קיין טעות ניט, דער רויך זינקט צו דער ערד...
דער וועטער וועט נאָך מער מכולה ווערן!
וואָס הירזשעט עס, דאָס אומרויִקע שפּירעוודיקע פערד?
וואָס גיט עס אונדז, אַזאַ דערשראָקנס, אָנצוהערן?

פאַרקראַמפּטע נאַכט. עס וואָגלען זוכנדיקע וועלף.
בהמה, מענטש און חיה זענען אַלץ פאַרשיידן,
און אַלע ווילן לעבן אויף דער ליבער רישעותדיקער וועלט,
און ס׳וועלן לעבן צווינגט, מען זאָל באַדאַרפן טייטן...

אַזוי באַריידעוודיק איז הײַנט דער סודות-האַלטנדיקער וואַלד.
די געלע בלעטער שושקען זיך, ווי זיי וואָלטן געווען נאָך גרינע.
וואָס איז דען דאָ צו ריידן אַזוי פיל אין שעהען, ווען מען פאַלט —
ווען ס׳האָט דאָס נידערן דעם נידעריקסטן זינען?

די וואָלקנס טראָגן זיך, ווי ווילדע זעונגען פון היץ,
און, ווי פאַרגולמטע געשפּענסטער, שטייען הוילע שטאַמען.
אָ גוואַלד! ווי נייטיק ס׳איז אַן אונטערצינדנדיקער בליץ,
ווען האַרבסט מיט חושך גיסן זיך צוזאַמען!

ווילנע, אַפּריל 1968

## די בייזע וועכטערס

אָפּגעריסן כ׳האָב אַ רויז
(אויך איר דאָרן מיטגענומען).
און ווי נאָר ס׳איז אין מײַן הויז
דופט מיט שטאָך אַרײַנגעקומען,

איז אַראָפּ צו מיר דער ווינט,
וואָס די בליטן האָט געצערטלט,
פאַר מײַן פלומרשטיקער זינד
ביטער זיך מיט מיר צעווערטלט...

כ׳האָב דאָך אָפּגעפליקט די רויז,
ניט דערפאַר, וואָס כ׳בין אַ שלעכטער,
נאָר געטאָן האָב איך עס בלויז,
ווײַל כ׳האָב ניט געטרויט די וועכטערס.

זייער שמייכעלע — אַ קאָלטס,
זייער יעדן וווּנק פאַרשטיי איך!
זיי פאַרקויפן קענען אַלץ —
אי די פאַרב און אי דעם ריח...

סאַראַ ווערדע האָט אַ רויז
ביַי אַזעלעכע פאַלשע היטערס?
אַלצדינג זעען זיי אַנטבלויזט,
צוויַיגן זעען זיי, ווי ריטער.

זאָל פאַרשאָלטן זיַין די שעה,
ווען ס'איז אַזאַ וואַך געשטאַנען!
רויזנדופט איז מער ניטאָ
און דער דאָרנשטאַך — פאַראַנען...

ווילנע, מיי 1964

# א י י ג נ ס

דו צוים אַרום דײַן גערטעלע
ניט מיט אַ וואַנט, וואָס זונדערט אָפּ,
נאָר מיט אַ פּלויט, וואָס בלויז פאַרהיט,
ס׳זאָל עמעץ ניט אַרויפטרעטן
אויף די פאַרזייטע בייטן.

זאָל פרײַנדלעך זײַן דײַן צוים,
זאָל דורכלאָזן ער יעדן שטוינענדיקן בליק,
און זאָל דײַן נאָענטקייט צום פלאַנץ
ניט זײַן אַן אָפּגעפרעמדטקייט פונעם מענטשן.

פאַרגין, פאַרגין!
זאָל גנבענען די שיינקייט
יעדערער, וואָס וויל.
זאָל דיר ניט באַנג טאָן,
טאָמער ציט עמעץ אַרויס
דורך די שפּאַרונעס
בלומען אָדער פרוכט.
דאָס טײַערסטע — די מי —
וועט ד ײַ נ ס פאַרבלײַבן...

ווילנע, יוני 1963

☆ ☆ ☆

כ׳טייל זיך דאָך מיט דיר מײַן לעצט ברעקעלע אמת,
און בײַ דיר איז עס ניט אָנגעלייגט.
אַט־אָ טענהסטו: „עס איז ניט מײַנס, נאָר יענעמס״,
אַט־אָ שפּײַסטו אויס: „טפו! — רוי ווי טייג!״...

שטיי איך גולמדיק — באַליידיקט און פאַרלאָרן.
ווײַ צום נדבן, וואָס זעט איַין, ער ט׳זיך גענאַרט,
און מען צאָלט אים אָפּ מיט גרינגשעצונג און צאָרן,
און ער שעמט זיך מיט זײַן לעקעשדיק ווייך האַרץ!

קענטיק, אַז דער אמת ניט געהערט צו די מטעמים,
וואָס מען טיילט פון זיי שיריַים ווי אַ גאָב.
ער איז ניט קיין שבת־קוילעטש, נאָר אַ האַמער,
וואָס מען זעצן דאַרף מיט אים איבערן קאָפּ.

ווילנע, אַפּריל 1971

☆ ☆ ☆

און ווען ס'קומט אָן אַ שעה,
ווען אַלע דײַנע גאַרונגען
פון דיר זענען אַוועק,
צי איז דען ניט אַוועק פון דיר
דאָן אויך דער מענטש?

וואָלסט טראַכטן, אַז דו געטלעך ביסט,
איז גלייבסטו ניט אין גאָט;
און זײַן אַ טײַוול קענסטו ניט,
כאָטש האָסט עס שוין אַזוי פיל מאָל געפּרוווט.

אַוועק עס איז פון דיר דײַן לעצט פאַרוועלעניש —
אַוועק די לעצטע מעגלעכקייט צו ווערן גרויס!

ווילנע, נאָוועמבער 1968

☆ ☆ ☆

כ׳וואָלט מײַן ווייטיק אויסגעלאַכט,
לאָזן ניט די טרערן.
לאַכן מיט אַ פּײַכטער באַק,
הייסט פאַרקינדישט ווערן,

און איך וויל ניט זײַן אַ קינד:
וויינען־לאַכן־וויינען —
צוויי געמיטן אין איין צײַט
אין מײַן זעל פאַרהיימען.

כ׳דאַרף אַ גרענעץ צווישן זיי.
ס׳איז ניט רעכט זיי מישן.
ווי אַ שטיין, איז הײַנט מיר האַרט
מײַן צו ווייכער קישן!...

ווילנע, סעפּטעמבער 1970

# צווישן מענטש און מענטש

לאָז מיר ניט זידלען דיך. זאָג, ס׳איז אַ ליגן,
טענה, דו ווילסט ניט, מיר זאָלן זיך קריגן.

זע נאָר, ווי אָפּט היינט עס פאַלן די שטערן.
מיינער ניטאָ. באַלד וועט דיינער ניט ווערן...

וואָלט דאָך אַ מיצווה געווען ניט צו גרייזן
און שאַצן אָן פּניות דעם אַנדערנס מעשים.

לעבט דאָך אין אונדז נאָך פון וויגליד דער ניגון;
עפּעם ניט רעכט איז, מיר זאָלן זיך קריגן.

ווילנע, אָקטאָבער 1968

# אויסקלאָרונג

וואָלסטו מיר געזאָגט, אַז גלייבסט מיר ניט,
וואָלט איך דיר ניט אויסדערציילט דעם גאַנצן אמת,
און ניט שטיין געבליבן, ווי אַ נאַקעטער,
וואָס עס פאַלן אויף אים בליקן פון אַ פרעמדן עמעץ...

זענען אָבער איינעמס צוטרוי
און דעם צווייטנס גלייבן ניט קיין פּאָר.
ווערן אויפריכטיקע ווערטער פּלאַפּלערס און פאַררעטערס...

נאַ אַ קאַם, פאַרקעם זיך גלײַכגילטיק די האָר.
לאָמיר זיך אַנידערזעצן ריידן וועגן וועטער.

ווילנע, פעברואַר 1969

☆ ☆ ☆

מעגלעך, אַז דער סאָלאָוויי גאָר זידלט,
ניבול־פּה שיט, גאַליק שעלט.
און מיר הערן מיט התפּעלות,
לויבן זײַנע קלאַנגען־מעלות:
„אַט אַ פֿייגעלע — אַ פֿידל!
זײַן געזאַנג די נאַכט באַהעלט".

און פּונקט דאַן די קראָ די שוואַרצע,
וואָס איר יורש־דור דערוואַרט זי,
מיט אַ האַרץ, פֿון גליק פֿאַרפּרעסט,
בענטשט די אייעלעך אין נעסט
(ברכות — ניט קיין ניבול־פּה!),
דאָך מיר ווײַכן פֿון איר שטימע,
שטאַרק מבֿינותדיק זיך קרימען
און מיר שפּײַען: „פּע און פּע!"

ווילנע, יאַנואַר 1971

# קץ

**שבתי־צבי**
**איז אום תשעה־באָב געבאָרן,**
**און געשטאָרבן אום יום־כיפור.**
**צווישן אונטערגאַנג און מורא**
**איז אַדורך דאָס ווילדע לעבן**
**פונעם ליגנערישן גואל.**

**און דאָס לעבן פונעם אמתן משיח**
**האָט אין תשעה־באָב זיַין אָנהייב,**
**און עס וועט קיין סוף ניט האָבן,**
**ווי די בענקשאַפט נאָך דער גאולה,**
**ווי דאָס שטאַרבן פאַרן אמת...**

**ווילנע, אַפּריל 1969**

# אינעם גאָרטן פון מיין בענקשאַפט

## פרילינגנאַכט

מיט אַ פליגל זײַדענעם
גלעט דער ווינט מײַן פּנים.
כאַטש מיר דוכט, כ'וויל מײַדן אים,
איז מיר שווער זײַן אָן אים.

אין אַ שוואַרצער סאַמעטטוך
הילט די נאַכט מײַן האַרץ אײַן,
אינעם חושך האַמעטנעם
כ'צווינג מײַן העלקייט האַרט זײַן.

ניט אומזיסט קנאַקט נאַכטיגאַל
אַזוי זעלבסטצופרידן.
ס'לוינט אין חושך שמאַכטיקן,
ווען מען מאַכט אַלץ זידן.

ווילנע, אַפּריל 1968

# מיין נאָמען

כ׳האָב געכאַפּט אַ הירש
און פאַרשפּאַרט אים אין מײַן נאָמען.
האָב איך אָנגעקוואָלן
פון זײַן זגראַבנעקייט און פלינקייט,
ניט געקענט אָבער פאַרלײַדן כ׳האָב
די שטעך פון זײַנע הערנער־צווײַגן.
האָב איך זיך געפּײַניקט און געפּײַניקט
ביז איך אויפגעעפנט האָב דעם טויער פון מײַן נאָמען
און געלאָזן אים, ער זאָל אַנטלויפן...

לאַנג שוין איז דער שטאַלטנער,
מיך באַלאַסטנדיקער הירש פאַרשוווּנדן.
דאָך ביז הײַנט נאָך, דאָך ביז הײַנט נאָך,
ווען איך הער, אַז מען דערמאָנט אים,
רוף איך אָפּ זיך, ווי מען וואָלט עס מיינען מיך...

**ווילנע, יוני 1970**

☆ ☆ ☆

עס איז ניט כּדאַי. ניין, עס איז ניט כּדאַי
צו בויען אויף זאַמד און זיך שפּיגלען אין שטראָמען.
דאָס זאַמד זיך צעלויפט און דער שטראָם לויפט פאַרביַי,
און בלײַבן מען בלײַבט מיט אַ כעלעמער נאָמען...

געווים ווילט זיך אויפטאָן פיל מער ווי מען קען.
דערגרייכן אַזעלכעס, אַרום זאָל מען גאַפן.
נאָר איז דען אַן אויפטו אַ וואַקס-מאַנעקען,
ווען דו האָסט געריכט זיך אַ גאָטהייט באַשאַפן?

אַוודאי קען זײַן, אַז עס איז ניט כּדאַי,
נאָר זײַן אין דעם זיכער, נאָך מער ניט כּדאַי איז.
דאָס זען אַלץ צו-ניכטער איז גיפטמישערײַ.
אָפּט אָפּסמען קען פון פאַרשטאַנד אַ כּזית.

ווילנע, דעצעמבער 1970

# מיט אַ מאָל...

מיט אַ מאָל —
ניט באַמערקט פֿאַר זיך אַליין —
קומט די צײַט אָן, ווען מען טראַכט,
אַז דאָס לעבן האָט אַ טבע: ס'גייט פֿאַרבײַ...
וויפֿל יאָרן זיך געשפּילט,
נאָר געוואַקסן און געלאַכט;
מיט אַ מאָל —
ס'טוט זיך אַ טראַכט:
ס'איז פֿאַרטראַכטן זיך כּדאַי...

מיט אַ מאָל —
און ס'ווערט דיר קלאָר,
אַזוי דײַטלעך דו פֿאַרשטייסט:
צווישן אַ שוין-פֿרעמדן דור
אַן אַמאָליקער דו גייסט,
שוין אַן איבעריקער גייסט...

מיט אַ מאָל —
און דו דערזעסט,
וואָס מען ווייסט און מען פֿאַרגעסט,
כאָטש מען זעט עס אַזוי קלאָר
שוין אין ערשטן גרויען האָר...

ווילנע, פעברואַר 1957

## קוק אַריין איך דורכן שייבל...

קוק אַרײַן איך דורכן שײַבל
פון פאַרשפּינוועבסטן זכּרון
און כ'באַטראַכט מיט שאַרפסטן נײַגער
ווײַטע אָפּגעוועלקטע יאָרן.

העי, דו מענטשעלע צופרידנס,
וואָס איך קוק אויף דיר מיט שטוינען,
קענסטו אפשר מיר באַווײַזן,
וווּ מײַן יוגנטס בושלען וווינען?

כ'זע, סע קײַקלט זיך אַ קאָוון —
טראָגט זיך, טראָגט זיך און בלײַבט שטעקן
דאָרט, וווּ לילית מיט אַ מלאך
זענען שיכּורע געלעגן...

העי, דו מאַרציפּאַנעס-זוכער,
אינעם אַש מיט נאַשבאַגערן,
גייסט און מיט דײַן האַנט דו פּאַכעסט,
ווי פאַרזייען וואָלסטו שטערן,

און דערבײַ קוקסט מיט אַ מינע,
וואָס איז ווײס־איך־וואָסיק זויער,
און דיך הייבט ניט אָן צו אַרן,
וואָס דו טרעפסט רק טאָן קאַפּויער...

שטיי איך בײַם זכּרונס שײַבל,
וויש און וויש, ס'זאָל ווערן קלערער,
און איך קוק אויף זיך מיט ביטול —
אַן אין זיך פֿאַרליבטער לערער,

און דער קאַוון פֿון מײַן קינדהייט,
מיט די טונקל־גרינע שטרײַפֿן,
קײַקלט זיך איבער די וועגן,
ווי אים יאָגן וואָלט אַ טײַוול...

ווילנע, מיי 1969

# עלעגיע

ס׳דוכט זיך מיר, כ׳האָב זיך געשעמט
רופן דיך בײַם נאָמען.
פיל איך איצט זיך, ווי פאַרברענט
איך וואָלט דײַן נשמה.

ס׳לעבן איז אַ בלאָנדזשעפונק,
וואָס באַווײַזט ניט צינדן,
העלער שנײַדנדיקער ווונק
ערב דעם פאַרשווינדן.

ווי ס׳איז ניט די בענקשאַפט גרויס,
ווײס איך: דאָס דערמאָנען
רײַסט פון מײַן זכּרון אויס
שטריכן פון דײַן פּנים;

פיל איך, ס׳פאַלט אַרויס פון מיר
דאָס, וואָס כ׳גאַר באַהאַלטן,
און דײַן אָנבליק איך פאַרשמיר
מיט מײַן גלײַכגילט קאַלטן.

אויפֿן וועג פֿון יונג צו אַלט
(וויגעלע - לוויה)
פֿירט אַ גרויער קאַטאַפֿאַלק
בונטע פֿאַפּוגײַען...

ווילנע, יוני 1969

# אינעם גאָרטן פון מיין בענקשאַפט...

אינעם גאָרטן פון מיַין בענקשאַפט
פליִען אום גן־עדן־פייגל,
מיט די פעדערן זיי פינקלען,
אייעלעך קאָלירטע לייגן.

אָבער ווי נאָר ס׳קומט צום בריִען,
ווערן תּיכף זיי פאַרשוווּנדן,
און פון האָפענונגען בונטע
בלײַבן גרוי־באַקרעצטע ווונדן...

אינעם גאָרטן פון מיַין בענקשאַפט
בליִען ליכטיקע נארציסן,
מיט אַ ווונדערלעכער וויַיסקייט
איטלעך זויבער הארץ באַגריסן.

אָבער ווי נאָר איך וויל רײַסן
אָט די העלע פּישוף־קרוינען,
זע איך, אַז זיי ווערן נעלם,
ווי דער ווײַסער רויך פון קוימען...

אינעם גאָרטן פון מײַן בענקשאַפט
אַ באַשאָטנט אָפּרו־בײַדל.
סײַ דעם בראַנד און סײַ דעם רעגן
קען מען דאָרטן גליקלעך מײַדן.

אָבער ווי נאָר איך פאַרקלײַב זיך
אין באַשירעמדיקן שאָטן,
קומט גלײַך אָן קאַנאָנען־שטורעם
און דאָס בײַדל ווערט צעשאָטן...

אינעם גאָרטן פון מײַן בענקשאַפט
ווערט רק עפּעס־וואָס פאַרשאָטן...

ווילנע, נאָוועמבער 1968

## אינטערמעצאָ

נאַכט צעמישט האָט אַלע וועגן...
כ׳ווייס ניט, ווי זאָל איך דיך פרעגן,
כ׳ווייס ניט, צי זאָל איך דיך פרעגן.

נאַכט צעמישט האָט אַלע וועגן.
קרומער שמײַסנדיקער רעגן
פלײַסט זיך וועלטן אײַנצושרעקן,
יעדן איבערבלײַב פון זומער
פלעט דער שמעטער־האַמער — דונער...
זאָג מיר איצט, ווען הערסט די קנאַלן,
וויפל נעכט און בלעטערפאַלן
קען אַ שוואַכער מענטש פאַרטראָגן
און בטחון נאָך פאַרמאָגן?

נאַכט צעמישט האָט אַלע וועגן.
בליצן — אָנגעגליטע זעגן —
הימלען שנײַדן זיך דערוועגן.
זאָג מיר, איז עס טאַקע אמת,
אַז דער טראַכטער מער אין קלעם איז
און אַז אויף דער שאלות־הוידע
וויגט זיך דער, וואָס איז אַ שוטה?...

שנײ מיט רעגן, װינט מיט רעגן.
לאָך ניט פון מײַן נאַריש פרעגן ! ...
נאַכט צעמישט האָט אַלע װעגן...

װילנע, נאָװעמבער 1970

# קריאת־שמע

רו אָפּ, מײַן נשמה, רו אָפּ.
איך גלעט דיך, אַזוי ווי מען גלעט
אַ קינד (אַ פאַריתומט שלאָף קינד)...

יאַ־יאַ, מײַן נשמה, יאַ־יאַ,
די צײַט קומט אָן ניט אויף אַ צײַט,
די פרייד איז נאָר שוים פון דער פרייד,
און אַלץ איז נאָך קיין מאָל ניט אַלץ...

פאַרשטיי, מײַן נשמה, פאַרשטיי :
געגרײַזט האָסטו — ריכטיק געגרײַזט,
נאָר רעכט געטאָן האָסטו ניט רעכט.
ס'קען זײַן, אַז אויך אַנדערש קען זײַן,
נאָר ס'איז, ווי נאַטירלעך עס איז...

רו אָפּ, מײַן נשמה, רו אָפּ,
פאַרגעם די אַנטוישונג, פאַרגעס.
געפין דאָס ניט קלאָרע געפינס —
דעם זין פון פאַרנעפּלטן זין,
די שײַן פונעם פילן : ס'פעלט שײַן.
שלאָף אײַן, מײַן נשמה, שלאָף אײַן !

ווילנע, נאָוועמבער 1970

# ס'האָט צו מיר דער ווינט געזאָגט...

ס'האָט צו מיר דער ווינט געזאָגט
אינעם פעלד פון קאָרן:
„מען האָט זיך אויף דיר געקלאָגט,
ביסט פאַרטעמפּט געוואָרן.

גייסט גאָר זעלטן ווען אַרויס
זען אַ קאָרנבלימל,
און אין דײַן באַשטאָטנט הויז
בלויז מיט שמאַכטעס ווימלט".

גלייב ניט, ווינט! כאָטש ס'איז אַזוי,
איז עס דאָך אַ טעות!
כ'שייד נאָך אונטער גרין פון גרוי,
כ'ווייס נאָך אויך וואָס ראָז איז.

אמת, כ'גיי ניט אָפט אין פעלד
פאַר זײַן פראַכט זיך בוקן,
כ'שטיי אָבער ניט צו דער וועלט
מיט אַ שטאַרן רוקן...

פרישער, פרייִער, בראַווער ווינט
מיטן אָטעם בלויען,
שמעקסט מיר צו אומזיסטע זינד,
פֿלומרשטע חטאָים.

דיר, וואָס שוועבסט טאָג־איין, טאָג־אויס
פּוסט־און־פּאַס, אָן דאגות,
שיינט, אַז דאָס געראַומסטע הויז
מערניט ווי אַ שטייג איז.

ווייל איז אומצופֿליִען פרייִ,
פֿאַלדעווען די טייכן.
אָבער, ניט ברוגז זייִ,
כ׳קען ניט זייִן דייַן גלייַכן!

ווי דו, ווינט, ניט זייִן זאָלסט קלוג,
קענסטו ניט באַנעמען,
אַז פֿאַר מיר איז ניט גענוג
ס׳רייִפֿע פֿעלד צו קעמען.

איך געהער צו יענעם מין,
וואָס ער זייט די תבואה,
וואָס אַט יאָגט ער, ווי דער ווינט,
און אַט מוז ער רוען...

ווילנע, אויגוסט 1968

# קונקל־מונקל

כ׳וואָלט פון ווײַסן וואָלקנדל דיר אויפנייען אַ סאַראַפאַן,
האָב איך ניט קיין נאָדל, וואָס קען נייען וואָלקנס.
קויף איך אַ בילעט מיר אויף דער שמאָלער באַן
און מיט אַ כאַליאַסטרע ווילדע יאָלדן

לאָז איך זיך אַוועק אין ברייטער וועלט אַרײַן
צו געפינען די געגאַרטע וואָלקן־נאָדל.
זינגען לידער מיר אין וועג, פאַרברענגען זיך גאַנץ פֿײַן,
קוקן צו זיך, ווי עס לויפט לעבן וואַגאָן זײַן שאָטן.

פעלט מיר אײַן: פאַר וואָס דווקא פון וואָלקנדל אַ סאַראַפאַן?
אפשר זאָל איך גאָר אים פונעם שאָטן נייען?
איז דאָך אָבער אויך קיין שאָטן־נאָדל ניט פאַראַן.
נעמען שוין די רעדער מיט אַ ציל אַ צווייַקן זיך דרייען:

ערגעץ איז געווים פאַראַן אַזאַ געוועלב,
ווו אַזעלכע נאָדלען ליגן קופּעס אָנגעשאָטן.
פלוצעם כ׳זע: דאָס ווײַסע וואָלקנדל די זון פאַרשטעלט,
און עס ווערט ניט דער בײַם פענצטער לויפנדיקער שאָטן.

טו איך מיט פאַרדראָס די פּיאה זיך אַ קראַץ,
טראַכט מיט עגמת-נפש וועגן גרויסן שאָדן.
מיט אַ מאָל: ס'איז ווידער שוין די זון אַ גינגאָלדענע טאַץ,
און ביים פענצטער, פּונקט ווי פריער, לויפט דער שאָטן.

ווידער יום-טובדיק איז מיר דער אויסטערלישער וועג,
פריידיק כ'טראַכט וועגן די ווונדערלעכע נאָדלען.
פאַר אַזאַ-אַ קניה, אויף מיין וואָרט, מען מעג
מיילן טוויזנטער אַן אָפּצורוען וואָגלען...

לאָז איך וווילגיין זיך מיט מיין צעשפּילטער פרייד —
כ'זינג און לאַך, פאַרגיי זיך אין קאַטאָוועס,
און איך הייב ניט אָן צו מערקן, אַז די זון פאַרגייט,
און עס איז צו פרייען זיך לחלוטין גאָר ניטאָ וואָס.

ס'זעט זיך ניט דאָס וואָלקנדל, דער שאָטן — ניט פאַראַן,
און דער חושך שטעכט מיט נאָדלען כּל-המינים.
ווידער כ'קען ניט נייען דיר דעם סאַראַפאַן
(נאָדל — דאָ, איז אוממעגלעך דעם שטאָף געפינען)...

זיץ איך אַ פריטשמעליעטער און טראַכט
וועגן די געשעענישן פון מיין וויסטער אַוואַנטורע.
לעבן מיר מען קערטלט און צערויטלטע מען לאַכט,
מערניט איך זיץ מיט אַן אָפּגעקאָלכטער צורה...

ווינט וואָגאָן איַין מיַין שלימזלדיקע וואָר.
אין מיַין מאַרך עס קוליען זיך פאַרדראָסן און פאַרוואָסן,
און דעם צוג פאַרהאַלט אַ קלוגער סעמאַפאָר:
„פאַר אַזעלכע יאָזדעס איז דער וועג געשלאָסן!"...

ווילנע, נאָוועמבער 1970

# תשובה

כ׳האָב געזינדיקט קעגן אײַך?
כ׳האָב געזינדיקט קעגן זיך!

מײַנע גוטע שווערע טעג
לויפן נאָך מיר, ווי די הינט,
לעקן מיר די מידע פיס
(ווי מײַן האַרישקייט פאַרדינט),
כאַפּן צאַרט מײַן לײַב אָרום
קוקן אָן מיך פּײַכט-געטרײַ.
מײַנע גוטע שווערע טעג,
וואָס אין זיי כ׳בין זיי פאַרבײַ...

כ׳האָב געזינדיקט קעגן אײַך?
כ׳האָב געזינדיקט קעגן זיך!

וויפל מאָל האָב איך געטראַכט,
אַז כ׳קען טראַכטן נאָר גערעכט,
אַז מײַן בײַסיקער געדאַנק
קיין מאָל קײנעם ניט פאַרשוועכט.
און געקוקט האָב איך אויף זיך,
ווי מיר פרעמד וואָלט זײַן אַ גרײַז,
און אַז כ׳טויג אַ מוסטער זײַן,
דאַרף מען גאָר ניט קיין באַווײַז...

כ'האָב געזינדיקט קעגן אײַך ?
כ'האָב געזינדיקט קעגן זיך !

אין גײַעג נאָך װער-װײסט-װאָס
כ'האָב צעטראָמפּלט װאָס איך גאַר.
און איך האָב נאָך פֿרעך געמאָנט :
„גורל, צאָל מיר אָפּ דערפֿאַר !".
פֿלױדערנדיק װעגן שײַן,
האָב איך, פּלאַפּלער, ניט באַמערקט,
אַז אַנשטאָט די זון צו זען,
כ'זע מײַן שאָטן אױף דער ערד...

כ'האָב געזינדיקט קעגן אײַך ?
כ'האָב געזינדיקט קעגן זיך !

כ'האָב מײַן אומרעכט טאָן באַטראַכט
װי אַ חנעװודיקן שפּאַס,
בײַ די בעסטע גוטע לײַט
איך געפֿונען האָב נאָר האַס.
צו פֿיל שװין פֿאַרטאָן אין זיך,
כ'האָב צו װײניק זיך דערקענט
און געקוקט כ'האָב אױף מײַן איך
פֿון מײַן איביקײט פֿאַרבלענדט.

כ'האָב געזינדיקט קעגן אײַך ?
כ'האָב געזינדיקט קעגן זיך ! ...

װילנע, אַפּריל 1971

☆ ☆ ☆

אמת, פינקלדיקער אמת —
הייליק, העל און שטאַרק,
וואָס דו קיין מאָל ביסט ניט יענעמס,
ווינסט אויף הויכן באַרג,

זאָג מיר: ווו איז יענער פויגל
מיטן שיינעם עק,
וואָס איז מיר פאַרבײַגעפלויגן,
ווי אַ זונענפלעק?

איז ער טאַקע שוין ניטאָ מער,
טויט — זײַן פליגלפאַך?
אָדער הינקט ער ווו אַ לאָמער
אויף אַ קופּע בראַך?

בלויז פאַרבײַפליִען געזען אים, —
שוין זיך אָפּגעבריט.
ניט באַוויזן זיך באַקענען, —
און אַ בענקשאַפט גליט...

אמת, עפּן מײַנע אויגן,
זען כ'זאָל און פֿאַרשטײן,
אַז אָט יענער װוּנדער-פֿויגל
ביסט גאָר דו אַלײן!

װילנע, אַפּריל 1966

# אמת און ליגן

ניט שײַער דעם ליגן
אויפן שלײַפשטיין פון אמת,
אַ בלאַנקער שקר איז דען בעסער?

לאָמיר זיך אַרויפכאַפּן
אויף דער הוידלקע פונעם זוכן:
דאָס וואַקלען זיך צוליבן געפינען
איז אַ גרויסע הנאה...

אינעם געדיכטן וואַלד,
וווּ עס וווינען די באַגערן,
קוליען זיך קונדסדיק
מענטשאַרטיקע מאַלפּעס.

אויפן גליטשיקן באַרג־אַרויף
פון דער צופעליקער הצלחה
גרייסן זיך האָפערדיק
מאַלפּעאַרטיקע מענטשן...

ווער מיינט, ס׳איז אים גוט,
וואָס ער האָט ליב דעם דעמער?
די זון איז דאָך פיל מער
ווי אַ לאָמפּ אויפן הימל!

אמת און ליגן
זענען ניט בלויז ווידעראַנאַנדן.
ווידעראַנאַנדן מוזן דאָך ניט
אייביק זיך האַסן...

ווילנע, אָקטאָבער 1963

## איך וויל ניט...

פון ערגעץ גייט אויף אַ פאַרלאָשענע שײַן.
ווי קען עס אַ שײַן, וואָס פאַרלאָשן איז, אויפגיין?
כ׳בין, ווי אין אַ הײַנט, אין מײַן נעכטן אַרײַן,
און כ׳ווייס ניט, עס איז אַ פאַרזען צי אַן אויפטו.

געפונען איך האָב דאָרטן אַלץ, ווי געווען,
נאָר כ׳ווייס ניט פאַר וואָס עס צווינגט אויף מיר אַ שמייכל...
איך האָב דאָרט אַ מער נאָך נאַיִווע דערזען
מײַן האָפענונג, וואָס איז מיט האַס פול צום צווייפל.

ס׳איז אַלץ דאָרטן זיבן מאָל נאָענט, און פרעמד,
ס׳איז אַלצדינג דערוויטערט אַזוי, און דאָך אייגן;
און בלאַנק איז דאָרט אַלץ, גלײַך עס וואָלט זיך געשעמט
דער שטויב אויף אַ קדושה אַזאַ זיך צו לייגן.

דאָס סאַמעטל פרייד און דער ריבאײַזן צער,
זיי ליגן צוזאַמענגעוואָרפן אין איינעם,
און יעדער פון זיי איז אי ווּנטש און אי גזר,
וואָס אַרן בלויז מיך, און ניט קימערן קיינעם.

פון ערגעץ גייט אויף אַ פֿאַרלאָשענע שײַן —
אַ שײַן, וועלכע שימערט פֿאַרגייִיק־לילאָווע.
אומזיסט בין איך הײַנט אין מײַן עבר אַרײַן,
איך וויל ניט אַ וואָר — דעם אַמאָלס אַ נדבה! ...

ווילנע, אַפּריל 1968

## ווינטיקע שקיעה

ווי מאָדנע ס'לאַכט פון מיר דער ווינט.
ניט שוין זשע האָב איך עס פאַרדינט?
כ'האָב דאָך ווי אַלע זיך געפירט.
ווי אַלע, אַלע, וואָס אַרום,
געווען כ'בין מענטשלעך פאַלש און פרום,
און כ'האָב טאָג-טעגלעך זיך געצירט
אין אָרעאָל פון כלומרשט-שײַן,
וואָס וויל און קען ניט שײַנונג זײַן...

ווי מאָדנע ס'לאַכט פון מיר דער ווינט.
אַזוי פיל טרוימפעדעם געשפינט,
אַזוי פיל וואָר-חלום געוועבט,
און איצט: אַליין גאָר צוגעקלעפּט
איך בין צו דעם, וואָס איך געשאַפן האָב
מיט מידע הענט און ספּריטנעם קאָפּ...

עס לאַכט און לאַכט פון מיר דער ווינט
(אַט — פרעך פאַרגרעבט, אַט — צאַרט פאַרדינט):
„זינט בראשית-טעג איך שוועב און שוועב;
ווו בין איך שוין ניט אויסגעווען,
נאָר כ'האָב אין ערגעץ ניט געזען
אַזאַ-אַ לעפּיש שפּינגעוועב!".

עס לאַכט צולהכעיסדיק דער ווינט,
אַפילו שקיעה ניט פאַרגינט...

ווילנע, מיי 1971

# פרייד

האָב גענומען איך מײַן פרייד
און אַ זון זיך אויסגעקנאָטן.
אַזאַ זון, וואָס ניט פאַרגייט
און געבוירט ניט שאָטן.

האָט זי נאָר פאַר מיר געשײַנט,
בלויז פאַר מיר אַליין נאָר,
ווי געווען כ׳וואָלט אויף דער ערד
מערניט איינער — איינער...

טראַכט איך שוין, אַז ס׳קענען זײַן
זונען אויך פּריוואַטע.
(קענטיק, אַז עס מאַכט די פרייד
היפּשלעך יאָלדעוואַטע).

ווילנע, יאַנואַר 1970

✡ ✡ ✡

כאַטש מײַן חלום איז אַ ליגנער,
האָב איך שטאַרק אים ליב,
און איך שטענדיק אים באַגעגן
מיט אַ העל געמיט.

וויפֿל מאָל האָט ער געמאָלט מיר
בילדער — הוילע זון,
און לסוף זענען געוואָרן
כמאַרעטעג דערפֿון.

וויפֿל מאָל האָט ער געבויט מיר
שלעסער פֿון קרישטאָל,
און צום סוף איך זע זיך לעבן
אין אַ טרערנטאָל.

שטוין איך: אַזאַ וויסטן ליגנער
אַזוי גרינג כ׳פֿאַרגיב.
דאָך וואָס גרעסער ס׳איז זײַן ליגן,
כ׳האָב אַלץ מער אים ליב.

ווילנע, סעפּטעמבער 1970

☆ ☆ ☆

גייט אַרום אַ רואה ואינו נראה,
פֿאַלט פֿון אים אַ שאָטן אויף דער ערד.
פֿייגל זעען אים אין זייער פֿליִען,
מענטשן אים דערזען זענען ניט ווערט...

גייט אַרום אַ זעער, וואָס מען זעט ניט,
דאָך מען הערט: ער מאַיעסטעטיש שפּאַנט.
עפּעס אַ פֿאַרטײַעטער כּל־יכול —
אויסלייזער און אָפּשפּאָטער באַנאַנד.

קוקט אויף אונדז פֿאַרהוילענער אַלצזעער.
פֿילן מיר זיך קעגן אים ווי בלינד,
און אויף שטחים אָפֿענע און קלאָרע
בלאָנדזשען מיר ווי אין אַ לאַבירינט...

ווילנע, סעפּטעמבער 1970

## בענקשאַפט

װאָס זאָל איך דיר זאָגן פון דער װײַט,<br>
װען איך װײס, דערהערסט ניט מײַנע װערטער,<br>
װען עס דאַכט זיך מיר, דער מרחק שרײַט<br>
אַ צעציטערטער מיט אַלע זײַנע ערטער?

האָט אַ װערדע דען, װאָס מיט מײַן שטומער שטים<br>
װערטער װאַרעמע אַ פּאָר כ'װעל זאָגן,<br>
און די העלע האַרציקײט פון זײער זין<br>
װעט אַ שטורעם אַ דערװאָרגענע פאַרטראָגן? ...

אָ, די שװערע האַקמעסערס — מהלך, צײַט —<br>
האַלטן אין אײן שנײַדן, פּיצלען, בראָקן,<br>
און אַ לעבן האָט בײַ זײ דעם זעלביקן באַטײַט,<br>
װאָס אַ פרײדיק פלײש אין יאַטקע אויפן האָקן.

װילנע, סעפטעמבער 1970

☆ ☆ ☆

אַוודאי מוז יעדער
אויף רגעם אַזעלכע זיך ריכטן,
ווען מער נאָך ווי זון,
מען קען דאַרפֿן די שײַן פֿון אַ גראָשענעם ליכטל.

און אויב דו, חלילה, באַשליסט שוין:
די וועלט איז אַ פֿינצטערער פּרוזדור,
אויך דעמאָלט, אויך דעמאָלט
ניט לאָז פֿאַרן הפקר זײַן אָפּן דײַן הויזטיר!

און ווײַכן זאָלסטו
פֿון דעם ערגסטן, דעם שפּלסטן פֿון חזירײַען —
דאָס זידלען די כּפּירה,
וואָס וויל דיך פֿון טמא־געוואָרענע געטער באַפֿרײַען!

ווילנע, נאָוועמבער 1970

☆ ☆ ☆

אָ, דו בלויער בענקשאַפט־שלייער,
שיטער ביסטו און געדיכט!

אויב איך וועל אַ מאָל נאָך טרעפן
ערגעץ ווו מײַן ראָזע יוגנט,
וועל איך וויסן, ס׳איז אַ נס.

כ׳פיל אָבער: עס ניט געשען וועט.
שפּילנדיק זיך, כ׳האָב פאַרשפּילט זי,
און הגם כ׳דערמאָן זי שטענדיק,
איך כּסדר זי פאַרגעס.

ווי צום נאַר,
געהילט אין בענקשאַפט!

ווילנע, אָקטאָבער 1968

☆ ☆ ☆

דער שוואַרצער מירמל-טורעם פֿון דײַן טרויער
איז אַזוי שווער,
אַז ער האַלט אין איין זינקען און זינקען.
וואָס וועסטו טאָן, ווען אויך ער וועט ניט ווערן?

געפּרוּווט האָסטו אים אַרומהילן
מיטן דינעם טרייסטונג-שלייער,
נאָר קען דען טיול
זײַן אַ באַשיצער פֿאַר מירמל?

זעסט? די שטערן קענען ניט אויסהאַלטן,
וואָס זייער פֿינקלען
איז ניט בכּוח צו מאַכן ליכטיק,
קײַקלען זיי זיך אַראָפּ, אויף זיך אַליין באַליידיקט...

טיול רײַסט זיך, מירמל זינקט
און געוויסנדיקע שטערן צום אָפּגרונט געהערן...

ווילנע, מאַרץ 1969

☆ ☆ ☆

מיר דוכט זיך, געזען כ׳האָב, ווי ס׳פלאַקערן שאָטנס —
די שוואַרצע, די קילע, צעוואָלגערטע נישטן.
געוווּסט כ׳האָב: איך זע עפּעס שרעקלעך פאַרבאָטנס,
אַנטפּלעקט אין מײַן זעל כ׳האָב אַן אומרו צעמישטן.

מיר דוכט זיך, געזען כ׳האָב, ווי ס׳ווערן שוואַרץ שטראַלן —
די דינינקע, היציקע, לויטערע שפּיזן.
געווען כ׳בין אַן עדות פון גרויליקסטן פאַלן —
די אייביקייט האָט מיר איר שיפלות באַוויזן...

מיר דוכט זיך, געזען כ׳האָב צו פיל און צו אָפן
(כאָטש דאָס, וואָס געזען כ׳האָב, מיר דוכט, אַז מיר דוכט זיך).
איך שטיי אויפן גבול פון געצאָלטן און שטראָפן,
און פיל זיך פאַרלאָרן, נאַכסאָל כ׳האָב געזוכט זיך.

ווילנע, יאַנואַר 1968

# לעבט אַ פֿאָלק...

לעבט אַ פֿאָלק מיט אויסגעהאַקטע שויבן,
זיצט אין סופות אונטער ברענענדיקן סכך,
איז געוווינט, מען זאָל טאָג-טעגלעך עס באַרויבן,
פּלאָגן מיט אַלץ נײַע „גזירות ת״ח״.

לעבט אַ פֿאָלק מיט לעכער אין נשמה
(אַ צעבײַלטס פֿון פֿרײַנד, ווי פֿון די פֿײַנד).
צוררים — אָרום, ווי סקאָרפּיאָנען,
און די זון רק אויף אַ קוילער-מעסער שײַנט.

לעבט אַ פֿאָלק מיט אַ געשענדטן ייִחוס,
און משיח, קענטיק, ווייסט גאָר ניט פֿון זײַן שליחות...

ווילנע, נאָוועמבער 1968

# פרילינג 1945

יידן זינגען אין די בונקערס אַני מאמין

ה. לייוויק

ייִדן מאַכן שהחיינו
אויף אַ קרישעלע לבנה.
נאָך דער נאַכט פון בערגען־בעלזען
גאַרט דאָס האַרץ אַ העלע וועלט זען.

ייִדן פּרעפּלען הללויה,
ייִדן שפּאַנען קרוע־בלוע —
אין געשטרייַפּטע לאַגער־בגדים
קומט צוריק דער צלם־אָדם.

ייִדן־מענטשן בענטשן גומל,
ס'פּאַלן לעצטע שטעכדראַטצוימען,
און הגם ס'איז אַלץ פאַרטיליקט,
שמעקט מיט פרילינג, שמעקט מיט פרילינג...

ייִדן טרינקען אַ לחיים,
ס'זאָל דאָס בייז זיך ניט באַנייַען.
ווי דאָס אַש, דער יי"ש איז ביטער.
ווער שוין, מענטש, אַליין דייַן היטער!

ווילנע, פעברואַר 1967

# דערמאָנונג

סע שמעקט מיט ראָשטשינע און ברויט.
בײַם עק פון שטעטל קרעכצן פרעש.
וואָס מער די נאַכט ווערט אויסגעבלויט,
אַלץ מער — די שטערנדלעך פון מעש.

אַ סאָווע פאָכעט אום אין לופט
מיט פליגל, וואָס איז ניט צו זען.
הינטערן טײַך אַ שטימע רופט,
און ס'רופן אָפּ זיך עכאָס צען...
. . . . . . . . . . . . . .

אַוועק עס זענען דרײַסיק יאָר.
סע שמעקט מיט ראָשטשינע און ברויט.
די צײַט איז עלטער אויף איין דור,
דאָך דורות דרײַ עס ליגן טויט.

ווי קען אַזוינס גאָר זײַן געמאָלט?
סע שטימט דער שווערער חשבון ניט!
פון מעש די שטערן, צי פון גאָלד;
מיט שיינקייט ווייטיק לעשט מען ניט!

ווילנע, דעצעמבער 1956

# אין קלעם

גערענקען ווילט זיך ניט,
פאַרגעסן טאָר מען ניט,
און אַלץ בלײַבט, ווי געווען, געווען.

קיין אויסוועג זעט זיך ניט,
קיין פּשרה דאַרף איך ניט
(קיין ווען־ניט־איז, קיין ווען־ניט־ווען)

נאָך אַלע עברן,
נאָך אַלע אָנווערן
עס האַלט מיך ווידער גזר אין קלעם,

און דורות ראָטן מיר
און שטרענג פאַרבאָטן מיר
די תּרופה גרויליקע קידוש־השם...

ווילנע, יאַנואַר 1970

☆ ☆ ☆

ווען דאָס בלײַ פון ניט-צופרידנקייט
האָט זיך געלייגט אויף מײַן געמיט,
האָב איך פאַראַכט איטלעך וואָרט,
וואָס אַרײַן קען אין ליד,
ניט דערשאַצט יעדן קלאַנג,
וואָס רעגט אויף און רעגט אָן.
איז דער דאָרן געוואָרן
מײַן האַרצס קאַמערטאָן
און דער שטאָך זיך באַזעצט האָט
אין זעל אויבנאָן...
ווי אַ יתומדיק שוועלבל
וואַרפט אין נעסט זיך מײַן ליד...
. . . . . . . . . . . . . . .

ווי אַ קינד שרײַט אַרײַן אין אַ ברונעם,
כ׳שרײַ אַרײַן אין מײַן סומנעם געמיט...

ווילנע, אַפּריל 1970

# ר ע מ י נ י ס צ ע נ ץ

עס לערנט דער ווינט זיך הײַנט וויינען —
הייבט אָן, הייבט אָן ווידער און ווידער.
אַ וועלט מיט צעריסענע היימען,
פֿאַרקוילט פֿון קאַנאָנען־געוויטער...

עס לערנט דער ווינט זיך הײַנט וויינען
מיט קאַלטע גזלנישע טרערן ;
אין הערצער ער זעצט, ווי אין שטיינער,
און ברומט, ווי דערשראָקענע בערן...

עס לערנט דער ווינט זיך הײַנט וויינען
(אָט־אָט ער דערגרייכט צו אַ שלמות).
עס פֿליסן פֿון דושן געהיימע,
טרעבלינקעס ציקלאָנישע אימה'ס...

ווילנע, מײַ 1967

# פאַרלעשונג

ברענט אַ ליכט אין מײַן זכּרון,
און איך, אָפּגעצנאַרטער, ווייס ניט:
איז עס יום־טוב אָדער יאָרצײַט...

לאַנג שוין אויסגעטריפט דאָס חלב
און פאַרקוילט דאָס דאַרע קנייטל.
קוק איך שטומפּיק און פאַרשטיי ניט,
ווי דאָס פלעמעלע זיך האַלט...

קומט אַ שטורעמווינט צו פליִען,
כאַפּט דאָס יום־טוב־יאָרצײַט־ליכטל,
רײַסט אַרויס עס פון זכּרון,
און ער שטעקט אַרײַן — דערשטיקט עס
אינעם אַש, וואָס אין מײַן האַרץ...

ווילנע, דעצעמבער 1970

# אין זאַמאָשטש אויפן אַלטן מאַרק

(געשריבן צום 50־טן יאָרצייט נאָך י. ל. פּרץ)

איך בין בײַ נאַכט אין זאַמאָשטש אויפן אַלטן מאַרק,
איך הער דאָס אויסטערלישע בראַזגען פון צוויי קייטן
(די פּאָליש-קייט און שלמהס קייט).
און ס׳טוט אַ ניסתּרס האַנט דאָס אײַזן מיטן גאָלד צוזאַמענלייטן.

די חרפּה און דער יִחוס ווערן עס צונויפגעפּאָרט,
ווי ס׳פּאַסט זיך פּאַרן קאַרנאַוואַל פון עלנט, גרויל און גלות.
אָט קערן זיך מלווים אום פון „ריינעם אָרט"
און אָט פּאַרשאַרצט דער „שלום-בית"־טרעגער זײַנע פּאָלעס,

און באָנציע שטייט, די בולקע מיט דער פּוטער אין דער האַנט,
דאָס אַכטע צענדליק יאָר פּאַרזונקען אין זײַן שווײַגן.
אין אַלטער פעסטונגשטאָט פונעם וועלמאָזשנעם לאַנד
עס טראָגן זיך די גײַסטער אום, ווי וועווערקעס אויף צווײַגן...

און פּלוצעם: באַץ! —
אַ ווייכער טשמאָקעדיקער קלאַפּ האָט אָפּגעקלונגען.
דאָס איז די אויסגעוואַשענע און זאַטע פרומע קאַץ
פון דאַך פון פּאָליש אויף דער ערד אַראָפּגעשפּרונגען.

אויך זי געהערט שוין לאַנג דער גײַסטערוועלט.
זי לאַשטשעט זיך און פון איר פּעל סע שפּריצן פונקען.
אַזוי פיל יאָרן זענען שוין פאַרבײַ זינט זי האָט זיך געפּעלט,
דאָך האָט זי ווידער איצט אַ לעבעדיק קאַנאַריקל פאַרשלונגען.

גיט פּנחס איר אַ שטראָפנדיקן רוגזהדיקן בריק
און לעכערט דורך זי מיט זײַן קוק דעם בייזן:
„אַוועק זאָלסטו פון דאַנען, חצופה, — פּסיק!
פון דיר מוז מען אַוודאי דאָך די וועלט אויסלייזן!"

לויפט משה צו צו אים: „אָ, טאַטע, לאָז!
צי דען איז עס אַ קאַץ? איך צווייפל, כ'צווייפל, כ'צווייפל...
מיר דוכט, ס'איז גאָר דעם אַלטן שליאַכטשיצס האָז,
וואָס וואַשן פלעגט ער אים מיט בעסטע שמעקעדיקע זייפן...

ניט הייב זיך, טאַטע, אָן מיט אים! דו הערסט?
למאַי זאָלסטו זײַנס אַ באַשעפעניש שלאָגן?
עס איז באַקאַנט אַרום אויף גאַנצע הונדערט ווערסט:
דער פּריץ קען קיין יִדן ניט פאַרטראָגן..."

„אַלץ איינס — שרײַט פּנחס, — מוז איך אויסלייזן די וועלט!
איך וועל ביגוואַלד דאָס נידערטרעכטיקע און טרייפענע אויסרײַסן!
איך דאַרף אַ מענטש, ווי ס'האָט זיך דער בעל־שם אים פאָרגעשטעלט,
וועל איך די מעשים־רעים אויסברענען מיט אָנגעגליטע אײַזנס!

ווּ זאָל איך נעמען, זאָג מיר, משה, דאָס וואָס כ׳זוך?
אַרויסשלעפּן עס בײַ דעם גוסס פֿון צוקאָפּנס?
געפֿינען עס אין קונצנמאַכערס שווינדלשפּרוך,
צי מיט די פֿלומרשטיקע „זיבן גוטע יאָר״ דעם בלויז פֿאַרשטאָפּן?

מיט צוואַנג, מיט קראַפֿט, מיט שווערסטן האַרבן גזר
כ׳וועל לײַטערן די וועלט פֿון נידערטרעכטיקייט און טומאה.
כ׳פֿאַרמאָג אַפֿילו ניט קיין שמצל פֿון צער,
ווען כ׳שלאָג און בריקעווע די פֿאַלשע קאַץ די פֿרומע״...

„כי־כי! כי־כי!״ — צעלאַכט זיך גרילציק דין און ווילד
דער בטלן דער משוגענער — בער כאַנטשעס:
„איר הערט? איר הערט, וואָס אַ בעל־מופֿת זיך פֿאַרגינט? —
ער פּאַכעט, פּאַטעוועט אַן עדה מיט זײַן קאַנטשיק!״

„פֿאַרשטומט ווער, וויסטער בטלן, ביסט געווירט!״ —
קומט שלמה אָן — אַ שוועבנדיקער ווײַסער וואָלקן.
„און, פּנחס, דיך עס האָט דײַן אייגנוויליקייט פֿאַרפֿירט.
בײַ מיר האָט קיין מאָל ניט קיין איבער גוואַלד געגאָלטן!

פֿון פּײַן און שרעק מוז אויסגעלייזט ווערן די וועלט.
איז פֿאָדערט ניט, איך וועל ניט מאַכן קיין הבדלה!
זינט איך פֿאַר שבתדיקייט האָב זיך אײַנגעשטעלט,
איז פֿאַר מײַן אויער יעדער „גוט־וואָך!״ נאָר אַ קללה...

ווי קען מען יוצא זײַן מיט וואָכעדיקייט נאָר,
וואָס איז אַן אומווערדיקער עורבא-פּרח,
ווען ס'איז פֿאַראַן אַ העכערע, אַ יום-טובדיקע וואָר,
וואָס איז די אייביקע און עולם-הבאדיקע וואָר אויך? ...

מיר בעטן נישט, מיר בעטלען נישט,
מיר זענען זינגענדיקע, טאַנצנדיקע ייִדן!
פֿון שבת אייביקן באַגײַסטערט און דערפֿרישט,
דעם ניצוץ הייליקן אין אונדזער זעל מיר היטן.

ניין, ניט פֿאַר אונדז איז זי, די נידעריקע וואָך,
יתירהדיקע זענען אונדזערע נשמות!
אַ גילגול פֿון אַ ניגון פֿליט אונדז נאָך,
מיר שוועבן גליקלעכע, כאָטש אונטער אונדז אַ תּהום איז"...

איך בין בײַ נאַכט אין זאַמאָשטש אויפֿן אַלטן מאַרק.
אַרום — די גרויע מויערלעך, געהויקערט און געעלטערט,
נאָר כ'זע, ווי פֿונעם גײַסטערישן שאָטנס-אַנגעלאָף
אַ שבת-יום-טובדיקע פּרצישע וועלט ווערט...

ווילנע, מאַרץ 1965

# א י י ב י ק י י ט

שנעלט די אײביקײט מיר אין מײַן האַרץ,
און איך מײן, אַז שטיקלעך צײַטװײַליקײט פֿאַלן.
ס'איז שױן לאַנג באַװוּסט, אַז זײער, זײער אָפֿט
מאַכט די גרױסקײט קלײנלעכע סקאַנדאַלן.

װענד איך זיך צו דעם פֿאַרבײַפֿליִער, דעם װינט,
מיט אַ קול, װאָס האָט זײַן זיכערקײט פֿאַרלאָרן:
זאָג מיר װאַנדערער (דיר דאַרף עס זײַן דאָך קלאָר),
צוליב װאָס װערט די פֿאַרגײיִקײט געבאָרן?

טוט אַ פֿײַף דער װינט און פֿײַפֿנדיק פֿאַרשװינדט,
װי עס װאָלט אַ שניט געטאָן דער אײביקײטס געלעכטער:
„נאַריש ביסטו, מענטש, װען סתּם פֿאַר מיר זיך קלאָגסט,
מער נאָך נאַריש — מיט דײַן טענה דער גערעכטער".

װילנע, יאַנואַר 1970

☆ ☆ ☆

וואָס איז דער פּעלדז?
איז ער דורכויס ניט מער ווי לײַב?
איז דען ניטאָ אין אים קיין פּיצל גײַסט?
ווי קען עס זײַן, אַזאַ שטיק אייביקייט זאָל זײַן אָן לעבן?

איך שטיי בײַ אים,
זײַן האַרטן גליוועער איך באַטאַפּ,
און מיט אַ מאָל ווערט מײַנע פינגער קלאָר אַזוינס,
וואָס קיין מאָל ניט באַגריפן האָט מײַן מוח:

וואָס לײַב? ווען גײַסט?
ס'קען רויק זײַן גוף,
און שטיין קען זײַן נשמה...

ווילנע, יולי 1963

# אין אַ וועלט פון אומזין

עמעץ ט'מיך פאַרטריבן.
עמעץ ט'מיך פאַרלאָרן.
דוכט מיר, כ'בין פאַרבליבן
נאָר אין מײַן זכּרון.

בײַ דער שפּינוועבס־קאַנווע,
וואָס מיט בלוט באַהאַפטן,
שטיי איך און איך גנבע
רעשטעלעך פון האַפטן.

און אויף וואָס איך דאַרף זיי,
ווייס איך אויך אַליין ניט.
כ'וויין און כ'טרייסט דעם אַכזר:
„טײַערינקער, וויין ניט!".

ווילנע, יאַנואַר 1970

# כ פ ר ו ת

מענטשן פינצטערע, אין טויטשאָטן פאַרקלעמטע,
יאָגן זיך נאָך לעבן.
אין דער שרעק־שעה לעשט זיך די חרטה
און געבעטן שוועבן.
ווייל דער ווייַסער האָן געבונדענער
אַ פּאָכע טאָן מיט זייַן פאַרשמאַכטן פליגל,
דרייט אָבער אַ נייטנדיקע האַנט אים
אין אַן אומזיניקן ווערגנדיקן עיגול...

מענטשנקינדער נעבעכדיקע,
וואָס געפּענטעט זיי עם האָבן זינד און גרייַזן,
גאַרן אין שטאָק־פינצטערניש
די קייטן זייערע צערייַסן.
טויט האָט נייטיק אָנשפּאַר,
ער ווערט זאַט נאָר דאָרט, ווו ס'איז פאַראַנען לעבן.
מוז דער יאָרן־בעטלער,
אַנשטאָט זיך, אים אַ פאַרצוקונג געבן.
אויסקויף! אויסקויף!
(זינד פון צוואַרפּן די זינד די אייגענע אַ צווייטן,
רו פון אָנטאָן אויף דער ווייַסער אומשולד
פרעמדע קייטן)...

אַ כּפּרה !
אַ כּפּרה פֿאַרן לײַב,
ווּ ס'טליִען נאָך די זינד פֿאַרברענטע !

מענטשנקינדער פֿינצטערע,
אין שווערן טויטשאָטן פֿאַרקלעמטע...

ווילנע, יאַנואַר 1968

# אָ, וועכטער!

וועכטער, זיכער אונדז דעם שלאָף!
כ׳דאַרף ניט פאַרן רשע שטראָף
דעמאָלט, ווען ס׳איז שוין דערוויזן,
און ער בייז טאָן האָט באַוויזן.

קראָ און שפּאַרבער, נאַכט און גרויל...

וועכטער, ס׳איז די נאַכט געדיכט,
שווידער איבער שווידער קריכט,
חושך ווערט פון רגע טריבער,
פינצטערניש אין שרעק גייט איבער.

קראָ און שפּאַרבער, נאַכט און גרויל...

וועכטערל, דו דרימלסט אײַן?!
וואָס וועט, וועכטער, מיט אונדז זײַן?
אויב מיר זיך אויף דיר פאַרלאָזן,
זײַ ניט, שיצער, אָפּגעלאָזן!

קראָ און שפּאַרבער, נאַכט און גרויל...

וועכטער, נאָר מען רעדט און רעדט,
און דערווײַל ווערט שוין צו שפּעט —

ס׳בייז האָט אונדז אַרומגערינגלט,
האָפֿענונג שוין קוים־קוים פֿינקלט...

קראָ און שפּאַרבער, נאַכט און גרויל...

וועכטער, הערסטו ניט די טריט?
וועכטער, זאָג, וועֶר וועמען היט,
אויב ס׳איז נייטיק שטיין דערנעבן
און אויף דיר נאָך אַכטונג געבן?

קראָ און שפּאַרבער, נאַכט און גרויל...

וועכטער, ווײ, וואָס איז מיט דיר?
אויפֿגעפּראַלט סע שטייט די טיר,
אַלע פֿענצטער — אויפֿגעריסן,
און דו ווילסט פֿון דעם ניט וויסן...

קראָ און שפּאַרבער, נאַכט און גרויל...

וועכטער, ווײ אונדז! היטער, גוואַלד!
ס׳ווערט אַלץ שוואַרצער דײַן געשטאַלט...
וועכטער, וועכטער — פֿוילער וועכטער,
כּלומרשט־שומר — בּוגד עכטער!

ווילנע, יולי 1969

☆ ☆ ☆

הוליעט דער ווינט
און ער טרייסלט די קווייטן.
דונערס און בליצן
זײַן רוגזה באַגלייטן.

פאַלן די בלעטלעך,
די פּעסטלען, די בליטן —
שיינקייט און דופטיקייט
ווערן פאַרשניטן.

ווייטיקט מײַן האַרץ,
וואָס אַזוינס קען געשען.
פרייט זיך, וואָס כ׳האָב ניט
קיין חלק אין דעם.

ווילנע, יוני 1970

# י ו ג נ ט

פרעג ניט. פרעג ניט. זאָג!
ס'איז שוין באַלד פאַר טאָג.
שטערן שוואַכער גלימצערן,
שטורעם צוימט זײַן גרימצאָרן.
פרעג ניט. פרעג ניט. זאָג!

שפּירסט? ס'קומט עפּעס אָן —
ס'קרייט דער קליגסטער האָן,
און די שטאָט פאַרשלאָפענע
שטייט אַ מאָדנע אָפענע...
שפּירסט? ס'קומט עפּעס אָן.

שווײַג ניט. שווײַג ניט. רייד!
טאָג האָט האַלט באַשייד.
מאָרגן־פייגל טרילערן.
זײַ זשע זייער שילערין —
שווײַג ניט. שווײַג ניט. רייד!

ווילנע, יאַנואַר 1968

# המוציא לחם...

ברודער ברויט,
דו, וואָס ביסט געוואָרן אי געשניטן, אי געמאָלן, אי געבאַקן,
דו, וואָס ווייסט דעם סוד פֿון דרײַ מאָל טויט,
און דיך שעצן די פֿאַרשיידנסטע געשמאַקן,

כ׳ווייס, דו ווייסט,
וואָס אַזוינס זינט דײַן געבורט עס איז באַשערט דיר:
פֿאַר אינעם כּאָוועץ־דיך אַרײַנגעלייגטע מי און שוויים
קומט אַ חשבון אײַנמאָנען דײַן טויט דער פֿערטער.

ברודער ברויט,
ווײ, עס רוקט אַ האַנט זיך שוין צום מעסער.
דו דעם אָפּגעשוואַכטן האָסט אומזיסט געטרויט.
שוואַכנס גיריקייט איז פֿונעם שטאַרקסטנס גרעסער.

זײַ זשע גרייט
אומצוקומען, עס זאָל עמעצן אַן אַנדערן באַקומען.
דוכט זיך, אין די העכסטע הימלען שוועבט די לעבנספֿרייד
און צום סוף — זי איז גאָר אויפֿן גומען...

ווילנע, יוני 1971

# אויפן ברעג ים

ווי נאָר כ׳ווייס עפּעס, גלײַך ווייס איך שוין ניט עפּעס
(ס׳קלאַפּט מײַן דופק — אַ מין ציילערל פון גרײַזן)
און כאָטש שטאַרק אַזוי איך שטענדיק איבערלעב עס,
קען איך ניט פאַרזיסן עס און ניט פאַרווײַסן...

פרייד, ווי יעדער באַלזאַם, אויף דער זון ווערט קאַליע.
האַלט איך זי אין זיך, זי זאָל ניט קאַליע ווערן.
און די דאגות פּאַטשן — כוואַליע נאָך אַ כוואַליע,
מיִען זיך מײַן רו־שיפעלע איבערקערן.

אַזוי זיכער, אַזוי אײַנגעגלייבט אין זיך סע שוועבט די מעווע,
און זי טוט אַ זעץ אַראָפּ זיך אויף אַ נײַנטן וואַל זיך וויגן.
מעג דען שפּײַזזוכונג און זאָרגלאָזיקייט הייסן: טבע?
אויב אַזוי, איז יעדע גײַסטיקייט דאָך נאָר אַ ליגן...

ווי נאָר ס׳ווערט מיר קלאָר עפּעס, גלײַך איז מיר אומקלאָר עפּעס.
פוסטריט גייט מיר נאָך דאָס גרויזאַמע ניט־וויסן.
גוט כאָטש, וואָס עס פליִען אום די מעוועס —
שוועבנדיק פאַרצירעווען מיר די נשמה־ריסן!

ווילנע, מאַרץ 1967

# מענטשביים באַרג

ערד, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן העכער פון מײַן טראָט;
וואַנט — אַן טיר, אַן פענצטער און אַן טויער;
בולטע אנטפּלעקטקייט,אַנגעפּראָפּט מיט סוד;
זאַמד־און־שטויב, וואָס איז געוואָרן דויער;

ווער בין איך, זאָג מיר, און ווער ביסטו?
ווער פון אונדז זיך אָפּרוקן מוז פאַרן צווייטן?
אויף דײַן רוקן פּאַשעט זיך אַ פוילע קו,
און דו ווילסט, מײַן בליק איר פוילקייט זאָל באַגלייטן?...

באַרג, וואָס האָסטו מיר די זון פאַרשטעלט,
און דו שטייסט אַ האָפערדיקער מעשה רעטער?...
דו — אַ וועלט, און איך — אַ וועלט.
איך אָבער — אַ וועלט, וואָס קלעטערט!

ווילנע, אָקטאָבער 1963

# צווייפל

אויפן צווייפל איך זיך הוידע —
לייקן אָפּ און בין זיך מודה:
אומגערעכט! גערעכט!
אומגערעכט! גערעכט!

סאַראַ זין האָט זיך צו וויגן
צווישן אמת און דעם ליגן —
צווייִיק זײַן אַ קנעכט,
צווייִיק זײַן אַ קנעכט?

די אַהערן און אַהינען
אויף איין בויגן זיך געפינען.
שטײַגט און פאַלט די הייך,
פאַלט און שטײַגט די הייך.

אַן דעם הין־און־הער זיך וויגן,
אַן געראַנגל מיטן ליגן
איז דער אמת בלייך,
איז דער אמת בלייך...

ווילנע, מאַרץ 1964

## וואָלט איך זיך פאַרגעבן קענען מיינע זינד...

וואָלט איך זיך פאַרגעבן קענען מײַנע זינד,
וואָלט געווים איך ווידער אַ מאָל ווערן יונג.
ניט, חלילה, זײַן כ׳זאָל פון דאָס נײַ אַ קינד,
דאָך אין רירנדיקסטער תּמימות אָפּגעטונקט...

ערגעץ ווו אויף אונדזער רחבותדיקער ערד
שטייט אַ שטיבעלע, וואָס איז שוין גאָר ניטאָ.
אין דעם שטיבעלע געווען איז מיר באַשערט
צו באַגעגענען מײַן וווּנדערלעכסטע שעה.

פונעם קוימען זיך געקרײַזלט האָט אַ רויך,
אין די שויבן האָט געשפּיגלט זיך די זון,
און מען ט׳אָנגעזאָגט זיך קליינשטעטלדיק הויך:
„לאה שלומען געבאָרן האָט אַ זון".

קיינער ניט געוווּסט האָט, ווער אַזאַ איך בין,
קיינער ניט געטראַכט האָט ווער אַ מאָל כ׳וועל זײַן.
קלאָר איז בלויז געווען, אַז איך פאַרדין,
מען זאָל נעמען צוליב מיר אַ ביסל ווײַן.

אָפּגעפּײַערט האָט מען ייִדישלעך דעם ברית —
קאַרפּן, פלוימענצימעס, לעקעך, סאַטקעס יי״ש,
און געפּליעסקעט, צוגעטאָפּעט מיט די פּיס
מיט מתנגדישן קמצנישן קוראַזש.

אָנגעהויבן האָט זיך אומוועגיקער וועג,
שטויב און קויט פאַרליאַפּעט האָבן יונגע טריט.
ראַנגלענדיק זיך פאַר פאַרשווינדנדיקע טעג,
כ׳האָב דאָס רוב זיי — שוין פאַרשוווּנדענע — פאַרהיט...

זאָל עס זײַן דערפאַר, וואָס כ׳האָב צו קנאַפּ געוואָגט?
אָדער, ווײַל צו ענג כ׳האָב אָפּגעצוימט פאַר זיך אַ היים?
דאָך מײַן גאַנג געוואָרן איז אויף טראָטועלעך צעהאַקט
און מײַן פאַרזיכטיקייט — פאַרזיכיק־געמיין.

ערגעץ ווו אויף אונדזער רחבותדיקער ערד —
לעבן שטיבעלע, נאָך וועלכן איך אַלץ בענק —
שאָקלען טרויער־ווערבעס שווערע גרינע בערד
און די קראָען הוליען פרעך, ווי אין אַ שענק...

אַלע וועגן, וואָס געמאָסטן האָט מײַן גאַנג,
זייער ענדקניפּל — בײַם הויז, וואָס מער ניטאָ.
דאָרטן ווערט מיר קלאָר, ווי אומגעהײַער לאַנג
עס קען זײַן אַ גרויע וואָכעדיקע שעה,

דאָרטן ווערט אויף שטענדיק מיר אַנטפּלעקט
דאָס, וואָס אומעטום אין סודות בלײַבט פֿאַרהילט,
דאָרט די אייביקייט מיך הינטיש־טרײַ באַלעקט
און די בענקשאַפֿט מכשפֿהדיק פֿאַרשילט.

וואָלט איך זיך פֿאַרגעבן קענען מײַנע זינד,
וואָלט געווים איך יונג געוואָרן פֿון דאָס נײַ —
אַ געדאַנק, וואָס אַנרחמנותדיק מיך בינדט,
באַרעמהאַרציק־גרויסמוטיק מאַכט פֿרײַ...

ווילנע, אויגוסט 1968

## צו זיך

טרעטסט מיט שלווהדיקן טראָט
איבער טויטע גאַסן...
אויב דו טראַגסט אין האַרץ אַ שניט,
ווי קענסטו נאָך שפּאַסן?

ווי קענסטו נאָך עסן ברויט,
פּרעסן דײַנע הויזן,
טאָן אַ טראַכט אַ מאָל פון גליק,
וויסן וואָס ביסט אויסן?

זאָגסט, מען ווערט געוווינט צו בראָך,
אָפּגעטעמפּט דער ווײ ווערט?
אָבער לעבן אין אַ שטאָט,
וווּ אַלצדינג איז קבר,

טרעטן אויפן זעלבן ברוק,
וווּ ס׳האָבן געטראָטן
קדושים, וואָס דער טרײַפּסטער קאַט
האָט זיי אויסגעראָטן?...

אויב דאָס לעבן גייט דיר איַין
אין אַזעלכע ערטער,
קוק זיך שטאַרקער צו צו זיך,
זע זיך ווי אַ מערדער!

ווילנע, אויגוסט 1970

# אַטאַוויזם

און מיט אַ מאָל
כאַפּסט אויף זיך בײַ דער נאַכט
אַ גרייטער זיך צו שרעקן —

דאָס האָבן עלטער־זיידעס,
אויף די ביימער שלאָפנדיק,
דערהערט, עס קריכט אַ שלאַנג.

דאָס האָט אַברהם אויפגעוועקט דיך
גיין מיט אים צום באַרג מוריה.

דאָס האָבן אינקוויזיטאָרס
זיך אַרײַנגעריסן זען,
צי דו — דער נײַער קריסט —
ניט אויפגעשטאַנען ביסט אָקאָרשט צו חצות.

דאָס הערסטו די פּעטליוראָווצעס
אַרומטאַנצן אונטערן שניי פון פעדערן
אין בלוט־קאַלוזשעס.

דאָס רוישט די געטאָ אויפן אומשלאַג־פּלאַץ
ערב אַן „אַקציע".

דאָס איז בײַם פענצטער דײַנעם
שטיין געבליבן בערױאָס אַן אויטאָ...

ביסט וואַך בײַ נאַכט —

דאָס זענען אַלע פריערדיקע דורות
וואַך אין דיר.
טאָ זײַ שוין וואַך
אויך פאַר די קומענדיקע דורות!

ווילנע, מאַרץ 1964

☆ ☆ ☆

שטעלסט אַרויס דער וועלט דײַן ווונד
און באַקלאָגסט זיך אויפֿן הונט.

ביסט אַ פּרעמדער, האָסט פֿאַרדינט,
ס׳זאָלן דיך צעבײַסן הינט...

אויב דיר פֿעלן ווענט און דאַך,
אויב דײַן שטעקן איז צו שוואַך,

וואָס זשע וווּנדערט דיך די ווונד
און די הינטישקייט פֿון הונט?

ביסט אַ פּרעמדער, האָסט פֿאַרדינט,
ס׳זאָלן בײַסן דיך די הינט...

ווילנע, יאַנואַר 1971

# באַגעגעניש

צווישן די קערנדלעך פרייד,
וואָס דאָס באַרעמהאַרציקע לעבן האָט פאַרטרייסלט
אין די פאַלדן פון מײַן צעבויטעטער נשמה,
דערזע איך איין גרײַפּעלע,
וואָס פאַרמאָגט דעם קאַלטן שימער
פונעם אויג פון אַ טויטן העכט,
וואָס האָט זיך אָנגעשלונגען מיט פּלאָטקעלעך,
און איז, מחמת זײַן שווערער זאַטקייט,
אַרײַן אין דער נעץ און געוואָרן געפאַנגען...

אָט גיי איך אום אין שטאָט.
אויף די גאַסן — פרילינגדיק געלעכטער,
פינקלענדיקע הענגלעך בעז,
און אַנטקעגן דער יונגער מײַ־יִקער זון —
אַ בײַטאָגיקע אַליומינעווע לבנה
מיטן קאַלטן שימער פונעם אויג פון אַ טויטן העכט,
וואָס האָט זיך אָנגעשלונגען מיט פּלאָטקעלעך,
און איז, מחמת זײַן שווערער זאַטקייט,
אַרײַן אין דער נעץ און געוואָרן געפאַנגען...

איך זיץ בײַם שערער אין דער ריי.
די לײַלעכער בליצן, דאָס גאָלמעסער זינגט.
די צײַט פונעם וואַרטן איז נאָגנדיק לאַנג.

כאַפּן אויף זיך דערמאָנונגען פון גרויל —
די סאָסנעס און גריבער פון פּאָנאַר...
און פאַרביי דעם פענצטער גייט לאַנגזאַם פאַרביי
אַ באַיאָרטער מאַן, וואָס קוקט אַריין אין שויב
מיטן קאַלטן שימער פונעם אויג פון אַ טויטן העכט,
וואָס האָט זיך אָנגעשלונגען מיט פּלאָטקעלעך,
און איז,
גוואַ-אַ-אַלד !!!

ווילנע, פעברואַר 1968

# ה י צ ע ל

היצעל, היצעל,
פֿאַלט דיר קיין מאָל גאָר ניט אײַן צו קלערן,
ווי וואָלט דיר געווען, ווען דו אַ הונט ביסט?

אפשר, ווען דו טוסט אַ טראַכט עס,
וואָלסטו פון דײַן בודע־וואָגן
אַלע הינט אַרויסגעלאָזן
און אַליין גענומען וויען, ווי אַ הונט,
וואָס דו קענסט ניט זײַן קיין מענטש מער,
ווען דו ביסט אַ מענטש געוואָרן...

היצעל, היצעל,
וואָגסט ניט טראַכטן,
היטסט דײַן ברויט.

ווילנע, סעפּטעמבער 1970

☆ ☆ ☆

און געוויס, און געוויס קומט דאָס בייז, פּונקט ווי קראָפּעווע אויף,
און דאָס גוטס דאַרף מען זייען און כאָוועז.
טאָ פאַר וואָס, טאָ פאַר וואָס איז אונדז, זינדיקע, פרעמד
די התמדה פון פלײַסיקן גערטנער ?

יאָ, אויך איך, יאָ, אויך איך האָב באַקומען אַ בייט
און געזאָלט זי באַארבעטן טיכטיק.
האָב געאַקערט איך פלאַך, קוים באַשפּריצט, ניט געיעט,
און איצט וואַרט אַן אַנטוישטער דער שפּײַכלער...

קוק איך אָן, קוק איך אָן מײַן געלעסטערטע ערד
און איך שווער בײַ דעם קופער פון יעסיען :
„איך פאַרריכטן עס מוז : אין די פּראָסטיקע טעג
אונטער גלאָז וועל איך אויסכאָוועז גרינסן !".

אָבער גאָט ! אָ, מײַן גאָט, עס זאָל נאָר ניט געשען
אויך אין פרילינג דעם נײַעם דאָס זעלבע !
כ'זאָל ניט ווידער באַדאַרפן ס'נאַטירלעכע פעלד
אויף די קינסטלעכע ספּעקטן פאַרבײַטן !

יאָ, איך ווייס שוין, איך ווייס (כאָטש איך אָפט עס פֿאַרגעס
און נאָך עפּטער איך וויל ניט געדענקען),
אַז דאָס בייז, אַז דאָס בייז קומט ווי קראָפּעווע אויף,
און דאָס גוטס דאַרף מען זייען און כאָווען...

װילנע, אָקטאָבער 1968

☆ ☆ ☆

װען כ׳קוק זיך אום מיט אויגן פול מיט צער,
למאַי איך בין ניט דער, װאָס זײַן כ׳װאָלט װעלן,
און כ׳זע, װי שטענדיק ס׳לויערט די געפאַר,
כ׳זאָל װידער שוין אַ טראָט אַ פאַלשן שטעלן;

װען כ׳טו עפּעס און כ׳װײס ניט, צי ס׳געראָט,
װען כ׳װײס שוין אויף געװיס: ס׳איז ניט געלונגען,
װען זלידנע צװײפלען טוען אַ פאַרשאָט
און סמען אָפּ דעם אָטעם אין די לונגען;

אין צײַט, װען איך מײַן לעבן מערער שפּיר
(װײַל דאָס, װאָס װייטיקט, שפּירט מען תמיד מערער),
װען אַלץ אין מיר — װען יעדער גליד אין מיר
באַדאַרף אַ װעג, אַ ציל, אַ זין, אַ לערער;

אין יענער שעה, װען ס׳ברענט מײַן רו,
מיך ראַטעװעט דער גרויסער װונדער — דו.

ריגע־דובולטי, סעפּטעמבער 1956

# פ ע נ ט ע

געפּענטעט מיט דער קייט פון שוואַכקייטן,
מיר טוען יעדע ווײַלע זי אַ ריס
און נעמען רימען זיך:
„אַ רינג צעפּליקט.
גיבורים זענען מיר, גיבורים!"

דער גאַנג פון רימען זיך איז אָבער קרום.
פאַרדרייט ער זיך, פאַרקײַלעכט זיך
און ווערט דער רינג,
וואָס שליסט צונויף די עקן פונעם ריס.
און ווידער אַ מאָל זענען מיר געקייט.
און ס'איז דער נײַער רינג אַזאַ,
וואָס אים, זעט אויס,
וועט מען שוין קיין מאָל ניט צערײַסן קענען.

אַזוי געשעט טאָג־אײַן, טאָג־אויס.
כּסדר פּלאַצט אָן אַנדער רינג.
כּסדר ווערט צונויפגעלייט.
ביז סוף־כּל־סוף די גאַנצע קייט
איז אויספאַרריכט — ניט צו צערײַסן...

ווילנע, דעצעמבער 1970

# בײַם כלומרשטן גאָט

און אָט כ׳בין געקומען דיר דינען,
זיך בוקן און אויסבעטלען גנאָד.
דו מעגסט מיר מײַן קניִען פאַרגינען,
אויב ביסט נאָך אַ גלייביקער גאָט —

אַ גאָט, וועלכער גלייבט זײַנע גלייבערס,
אַז ס׳איז בײַ זיי ערנסט געמיינט;
און כאָטש אַפיקורסות זיי טרייבערט,
זיי האָבן אים נאָך ניט פאַרניינט...

געקומען צו דיר כ׳בין זיך בוקן,
ווען ס׳האָט זיך געעקט מײַן געבעט.
אויף קני, וואָס זיי פחדימדיק צוקן,
עס וויגט זיך מײַן נאַרישסטער חטא —

דער חטא פונעם אַלע מאָל גרייט זײַן
צו קושן די פיס פון אַ געץ,
און טרייסטנדיק זיך, זיך צו רייצן
מיט גאולות, וואָס מײַדן דעם קץ...

געקומען צו דיר איך בין קניִען,
זיך איַינרייידן, דו ביסט אַ גאָט.
האָסטו ביַי מיר גלויבן אַנטליִען,
עס אומגעקערט מיר — אַ געבאָט.

איז וואַלגערן מיר זיך איצט ביידע
אין פינצטערניש, טעמפּקייט און קויט.
ס׳איז יעדנס געפינס אַן אבדה,
אמונה — אַ שיכּורע מויד...

ווילנע, מיי 1970

## צום שטייענדיקן פֿאַרן צלם

נו נעם אַראָפּ דײַן היטל פֿאַרן צלם,
קני פֿאַר אים מיט פֿלאַטערדיקער זעל,
ווען דו קענען שפּעטער קאָלט דערציילן:
„איך האָב גאָט אַן אויפֿגעהאַנגענעם געזען
און געווען איך בין צו אים נאָך טאַקטיש:
זיך געמאַכט, איך זע ניט, ער פֿאַרחלשט איז
און מיט זשאַווערדיקע טשוועקעס צוגעהאַקט איז
דורך די אָפּהענטיקע הענט, פֿאַרדרייטע פֿיס".
מענטש און גאָט, און תּלין, און מאַרטירער
זענען אַזוי ענג געבונדן צווישן זיך,
און דער גלייביקער (דער אייביקער פֿאַרלירער),
וויפֿל מאָל ער גאָט געפֿינט, ווערט אָן זײַן איך.
פֿרייסטו טאַקע זיך, וואָס ס'האָט דײַן גאָט קיין האָפּט ניט,
און דײַן שוואַכקייט צו זײַן אָנמאַכט טוליעסט צו.
אָ, ווי ליב דיר איז אַ גאָט, וועלכער באַשאַפֿט ניט.
גוט איז דיר, וואָס ער איז נעבעכדיק ווי דו.

ווילנע, יוני 1970

# מײן שאָטן

גײט מיר נאָך אַ שטיקל נאַכט,
וואָס פאַרמאָגט מײַן אויסזען —
אין מײַן הײם שטײט אויף דער וואַך,
שלעפּט זיך נאָך אין דרויסן.

ווי איך זאָל ניט ווענדן זיך,
פאָלגט עס נאָך מיר פּוסטריט;
וואָגט אַפילו שענדן מיך —
זאָגן: „כ'בין דײַן מוסטער"...

איך, וואָס ציִ זיך צו דער שײַן
און מיט ליכט בלויז הויז איך,
זאָל גאָר אַ באַהעפטער זײַן
צו אַ שטיקל חושך?

און דער חושך נאָך דערצו
מײַן געשטאַלט זאָל האָבן?...
ניין, כ'וועל ניט פאַרמאָגן רו,
ביז כ'וועל אים פאַריאָגן!

טויזנט מאָל אַזוי כ׳באַשליס,
און מײַן שוואַרצער שאָטן
קלאַמערט זיך צו מײַנע פּיס,
פּונקט ווי צוגעזאָטן...

ווילנע, פעברואַר 1962

# ד ע ר  ט י י ך

ווִיפל מאָל כ׳דערמאָן דײַן נאָמען,
ביסטו איטלעך מאָל נ י ט  ד ע ר  שוין.
ס׳בלײַבן נאָר די זעלבע ברעגעס
און די בריק, וואָס איבער דיר...

ביסטו ניט מײַן זילבער-דמיון,
וואָס איז שוין פון לאַנג פאַרפלאָסן ?
ביסטו ניט מײַן בלויער חלום,
וועלכער שווימט אַליין מיר פאַרבײַ ?

אונטער גלאַטקייט דײַנער ווימלט
מיט אַזוי פיל קרבן-לעבנס,
אויפן וועגטקעהאָק עס צאַפּלט
דײַן געפאַנגען קיל געמיט.

מיט אַזאַ-אַ גרויסן ערנסט
טראָגסט אַ שפּענדל אויף דײַן רוקן —
אַ געשאַנק פון דערפער שטילע
פאַרן אומרויִקן ים...

ביסטו דאָס, וואָס איז פֿאַרפֿלאָסן?
ביסטו דאָס, וואָס אײַלט פֿאַרבײַ מיר?
ביסטו דאָס, וואָס דאַרף נאָך קומען?
ניין, ביסט דאָס, וואָס הערט ניט אויף...

ווילנע, יולי 1962

☆ ☆ ☆

כאַפּ אַרײַן די זון אין שפּיגל,
שלײַדער זי אַהין־אַהער.
װערט אַ שטראַלנדיקער ליגן.
װאָס זשע דאַרפסטו מער? ...

שפּיל מיט אים זיך, שפּיל זיך, שפּיל זיך!
זע, װי פלינק ער פליט.
ס'איז דאָס בלינצלען אַ געפילזאַך —
אָפּשײַן פון געמיט.

דאָ — אַ שײַנפלעק, דאָרט — אַ שײַנפלעק
(ראָפּטעם, אומפאַרהאָפט).
פלוצעמדיק, װי ס'קומט אַן אײַנפאַל,
װי ס'פליט אַן דער סוף...

קוים געקומען, שוין פאַרפלויגן —
אויפגעבליצט, אַװעק!
און עס יאָגן זיך די אויגן
נאָך אַ שטויבנעק...

װילנע, אויגוסט 1968

# משיח בן יוסף

משיח בן יוסף ניט זײַן װעט דער גואל.
זײַן גורל איז פֿאַלן אין שלאַכט פֿאַר דער גאולה.
און קומען נאָך אים װעט אַ צװײטער דערלײזער,
װאָס רױבן בײַ אים װעט זײַן אױפֿטועז־קרױן.

משיח בן יוסף ניט זײַן װעט דער גואל.
די אױסלײזונג ליב האָט, מען זאָל פֿאַר איר שטאַרבן.
„באַפֿרײַער — אין בלוט,און באַפֿרײַטע — אין טרערן"
אַזאַ איז דער חשבון, װאָס ס'שטעלט צו די פֿרײַהײט,
אױך װען זי פֿון בלוט און פֿון טרערן באַפֿרײַט.

משיח בן יוסף ניט זײַן װעט דער גואל.
די בלוטיקע שװאַרצאַרבעט פּאַסט ניט דעם רעטער.
דער אמתער גואל (דער קעמפֿער — דער קרבן)
לאָזט איבער זײַן שם דעם משיח בן דוד.
משיח בן יוסף — אַ, אױסלײזער־קדוש! ...

װילנע, מײַ 1969

# צום אויסגעלאַכטן נביא

נביא, נביא, דײַן נביאות
איז דער גרויער וואָך דערווידער.
דײַן ישעיה׳שע השגה
איז פֿאַרהאַסט בײַ דײַנע ברידער.

מעגסטו אומגיין ווילד באַוואַקסן,
באָרוועס, אין דער האַנט אַ שטעקן;
ס׳וועט דײַן מאָנענדיקער אויסזען
זיי ניט שרעקן און ניט וועקן.

נביא, זוך ניט קיין בעל־תשובה!
זיי פֿאַרדינען נאָר אַ מבול.
אַלע דײַנע העלע טרוימען
מיט אַ בלוטשטורץ זענען מפיל.

נביא, נביא, האָב רחמנות
אויף דײַן ליכטיקער נבואה:
שפּײַ זיי אָן אין טרייפֿן פּנים,
ברענג זיי בראָך, אַנשטאָט ישועה...

ווילנע, מיי 1969

# דער באַפרייער

אין אַ וואַלד פון טויזנט דורות צעדערס,
ווו עס נעכטיקן די שוואַרצסטע נעכט,
שלאָפט אַ שווער־פאַרמאַטערטער דער רעטער,
אויסגעלאַכט פון די באַפרייטע קנעכט.

ס׳מאַטערן אין חלום אים געדאַנקען
וועגן די, וואָס זענען ניט זיין פיינוועג ווערט,
וועגן די ניט־אָפּגעצאָלטע דאַנקען,
וואָס צו ווערן לעסטערונג איז זיי באַשערט.

הוידען וועוועריקעס זיך אויף די צעדערס,
קנאַקן נים און שטיפעריש געשיקט
וואַרפן שאָלעכץ אויפן קאָפּ פון רעטער,
ניט באַמערקן גאָר, אַז עמעצער דאָרט ליגט...

ווילנע, מאַרץ 1968

# די שפין

רויִקער פֿאַרנאַכט.
ליגט די שפּין, איר גרוי געוועב באַטראַכט:
„קינצלעך! ממש גרויסאַרטיק געמאַכט!...
ניין, איך ניט דערשאַץ גאָר, ווער אַזאַ איך בין!
קען דען זײַן נאָך פֿעיִקער און גוטהאַרציקער פֿון אַ שפּין?
אַלע גאָטס באַשעפֿענישן ווייסן נאָר אַכזריותדיק צו זײַן.
איך פֿאַרצוק ניט, שלינג ניט אײַן,
און ווען ס'פֿאַלט אַ פֿליג, וואָס איז באַשערט מיר, אין מײַן
נעץ אַרײַן,
פֿרעס איך זי ניט אויף, חלילה, און איר לײַב
גאַנץ — מיט אַלע גלידער זײַנע — אינעם שפּינוועבס בלײַבט!
אָ, צו גוטהאַרציק בין איך — צו גוט! צו גוט! —
איך באַגנוגן זיך דאָך מיט אַ בלויזן אויסזויגן דאָס בלוט".

רויִקער פֿאַרנאַכט.
שפּין די וועלט און זיך באַטראַכט.
נידערטרעכטיקייט איז נאָך ניט ביזן סוף דערטראַכט...

ווילנע, אַפּריל 1970

# לעבנס־חכמה...

**אָדער „די קלוגע סאָווע"...**

זיצט אַקעגן זון אַ סאָווע און זי טראַכט:
ווען עס וואָלטן אַלע פייגל פון דער וועלט
מיט אַ מאָל אַ הייב טאָן זיך און נעמען פליִען,
וואָלטן בלײַבן ליידיק נעסטן,
וואָלטן אייער בלײַבן ניט־דערבריטע —
אומקומען עס וואָלט דער פייגל־מין...

גוט דעריבער איז,
וואָס אַלע פליִען ניט אין איינעם,
גוט, וואָס ס'זענען נאַכטפייגל
און טאָגפייגל פאַראַנען,
גוט, וואָס די באַפליגלטע
אַפּט פוילן זיך צו פליִען,
גוט, וואָס מען פון צײַט־צו־צײַט איז בלינד...

ווילנע, פעברואַר 1964

# זאָל, קורץ ליד, זיין לאַנג דיין אָטעם !

## בן־אָדם

לייג אַרויף אויפן שאָטן אַ שטיין,
ער פון אָרט זאָל ניט קענען זיך רירן,
דו דערמיט אויף דײַן זכות זאָלסט באַשטיין:
מענטש האָט רעכט מעשה הערשער זיך פירן.

זאָגסט, מען קען ניט פאַרהאַלטן די זון,
און ווען זי גייט, מוז גיין אויך דער שאָטן?
אויב עס קוואַלט אין דיר ווייטיק דערפון,
האָסטו רעכט אויך דער זון צו פאַרבאָטן.

ווילנע, אַפּריל 1969

## אויפגאַנג

לאָמיר גיין דעם טאָג באַגעגענען
און ניט טראַכטן, ווי ער זײַן וועט —
וועט עס לויטער זײַן צי רעגענען,
רײַך צי אָרעם זײַן זײַן שײַן וועט.

ס׳מעג דער פלאַם פון דער אומענדלעכקייט
זײַן פאַרצוויגן צי זײַן אָפן.
אויב ס׳וועט אויפגיין אונדזער מענטשלעכקייט,
מעג די זון אַפילו שלאָפן!

ווילנע, יאַנואַר 1969

## חשבון־הנפש

וויפל טירן האָב איך אויפגעעפנט
אַלץ צו איינער און דער זעלבער וועלט?
וויפל מאָל בין איך אַרײַנגעקומען
דאָרט, ווו כ׳האָב לחלוטין ניט געפעלט?

וויפל מאָל האָבן אין אויער מיר געקלונגען
אומנייטיקע, איבעריקע מײַנע טריט?
וויפל מאָל האָב איך אַזוינס, וואָס מיר געפעלט ניט,
ווי דאָס טײַערסטע אין לעבן אָפּגעהיט?...

ווילנע, פעברואר 1964

## חרטה

איבער צופעליקע וועלטן אומגעגאַנגען,
און די וועלט די אייגענע פאַרלאָזט.
אויף די פרעמדע ווערבעס פידלען אויפגעהאַנגען,
שטאָט בײַם פײַער, זיך געוואַרעמט אויפן פראָסט.

אויף די כוואַליעס פון דער צײַט סע שווימט אַ לעבן,
ווי אַ שפענדל, וואַרפט עס אום דעם הין־און־הער.
„אייביק זיך באַשולדיקן, זיך קיין מאָל ניט פאַרגעבן!“
בײַ מײַן אַנגעשוואָלן שווער געמיט איך שווער.

ווילנע, מאַרץ 1968

☆ ☆ ☆

שוועבט אַרויף אַ פֿויגל
איבער העכסטע פֿעלדזן,
אַז ניט זײַן קיין שטער זאָל
פֿאַר זײַן פֿליגלפֿאָך.

צילט פֿון רעכטס אַ יעגער,
אײַלט פֿון לינקס אַן אָדלער.
איבער אַלע **איבערס**
גייט דער גורל נאָך...

**ווילנע,** מיי 1964

## בידנע שפּערעלעך...

בידנע שפּערעלעך — איר, שפּליטערלעך פֿון גרויען אינדערוואָכן,
זײַט ניט די קאָלירטע זינגפֿייגל מקנא!
יום־טוב האָט נאָך קיין מאָל ניט קיין שטײַג צעבראָכן,
יעדע צירונג איז די ערלעכקייט מטמא.

**ווילנע,** יוני 1969

# ז כ ר ו ן

דאָס דערמאָנען זיך איז שפּיל.
דאָס פאַרגעסן — דוכט, אַ ציל.
ווײַל זיי זענען ביידע דיר געגעבן,
קענסטו לעבן.

ווילנע, אָקטאָבער 1957

☆ ☆ ☆

האָב איך נאַרישלעך צעלאַכט זיך,
דרייענדיק אין האַנט מײַן כּוס:
מסכּים, אומעט, זײַ מײַן חבר,
זײַ נאָר ניט מײַן בעל־הבית!

ווילנע, יולי 1970

☆ ☆ ☆

כ׳ווייס, די נאַכט איז פול מיט גרייַזן.
אפשר זענען דאָס די שטערן,
נאָר מען וויל עס מיר ניט זאָגן?
(און איך וויל עס אויך ניט הערן).

אָבער ס׳קען דאָך ניט ניט ווי טאָן
אָט דאָס נאָדלשטעך־געפינקל.
שייַן מוז שייַנען און זי טאָר ניט
יוצא זייַן מיט אונטערווינקען.

ווילנע, סעפטעמבער 1970

☆ ☆ ☆

זאָג מיר דעם ליגן, וואָס רעכט איז צו זאָגן, —
דעם, וואָס פאַרלאָטעט די ריסן פון אמת.
שווער איז רק לויטערע גאַנצקייט פאַרטראָגן,
אָפט די געפעלערטקייט מערער באַקוועם איז...

וויפל מאָל פילסטו, ס׳איז ענג דיר דאָס שלמות,
צו שטאַרק שווין שפּירט זיך אין דעם ברעג און גרענעץ.
וויפל מאָל טרעפט, אַז אונדז זענען די שמות
הייליקער נאָך, ווי דער ספר געווען איז...

ווילנע, מאַרץ 1967

# פ ע נ צ ט ע ר

דער בלויז אין היים דײַנער,
ער גיט גאָר שײַן.
עס הייסט: דאָס אויספעלן
קען גיביק זײַן.

דער רים אין גאַנצקייט ווײַזט,
אַז שלמות גאָר פאַרשטעלט.
עס קומט די ליכטיקייט
דורך דעם דווקא, וואָס ס׳פעלט...

ווילנע, יולי 1966

☆ ☆ ☆

ליכטיקע וועלט,
דורכגעשטרײַפטע מיט פינצטערע שאָטנס.
כ׳זע, דיר געפעלט
אָט די קאַץ-און-מויז-שפּיל פון דערלויבט און פאַרבאָטן.

מיין ניט, אַז איך
דערוועג זיך צו זײַן פון דײַן שפּיל אַ פאַרדאַרבער.
כ׳טרינק זיסע מילך
און פאַרזשליאָקע מיט ביטערן שוואַרצביר...

ווילנע, סעפטעמבער 1970

## צוריק...

וויפל מאָל האָט מיך געראַטעוועט די פראַגע,
כאָטש איך האָב זיך אויף אַן ענטפער ניט דערוואַרט.
כ'זאָג איצט אויס — איך בין זיך מודה ומתוודה:
מיך די שאלה, ניט די תשובה, האָט געאַרט...

פייגל, פייגל — לײַכטזיניקע פליִערס —
איר, וואָס רודערט אום אין פילדײַטיקן סתם,
אפשר קענט איר פליִען פונעם שפּעטער צו דעם פריִער,
ווערן זאָל פון שקיעה־פלאַקער אויפגאַנגפלאַם? !

ווילנע, מיי 1966

## געוויסן

זיבן הויטן כ'האָב געשונדן פונעם לעבן
(און דאָס לעבן האָט זיך רק און רק באַנײַט),
זיבן הויטן לעבעדיקע אָפּגעגעבן
כ'האָב דער זשעדנער אַלץ־פאַרצוקנדיקער צײַט.

און נאָך אַלעם דורכגעלעבטן, ווען אַצינדער
איך פאַר זיך אַליין דעם חשבון מאַכן דאַרף,
זע איך אײַן, אַז איך געווען בין גאָר אַ שינדער
מיט אַ מעסער, וואָס פאַרברודיקט איז זײַן שאַרף.

ווילנע, סעפּטעמבער 1968

☆ ☆ ☆

דאַכט זיך, דאָך די נאַכט פאַראייניקט,
און דער טאָג שיידט אַלץ פונאַנדער —
גרענעצט אָפּ, טיילט אויס באַזונדער
יעדע זאַך און יעדן מענטש.

טאָ פאַר וואָס זשע טראַכטן מיר ניט,
אַז די נאַכט דעם טאָג שטײַגט איבער?
זאָל עס טאַקע מחמת דעם זײַן,
וואָס אין חושך שפּירסט נאָר זיך?

ווילנע, מאַרץ 1959

## צום שפּיגל

אין דײַן קאַלטן זילבער־גלײַכגילט
האָט קיין קיום ניט דער דויער —
אויפקום, אומקום קרייצן זיך.

ס'איז די וואָר אין דיר נאָר בײַשפּיל,
ביסט אַ וועלט, וואָס איז **בלויז טויער**.
כ'גיי דורך דיר צו זיך אַן זיך...

ווילנע, יאַנואַר 1957

# ליכט

דו נעמסט אַוועק מײַן אָפּגעזונדערטקייט,
גיסט אַ העל רחבות מיר, אַנשטאָט דער שוואַרצער ענגשאַפֿט.
דאָס עפֿענען פֿאַר מיר די ברייט און ווײַט
געבווירט אין מיר צו גרויסקייטן אַ בענקשאַפֿט.

ווילנע, יאַנואַר 1957

☆ ☆ ☆

ווער דאַרף דעם שאָטן,
וואָס ניט וואַרעמט און ניט שײַנט?

ווער דאַרף אים —
דעם, וואָס נאָר פֿאַרשוואַרצט?

די זון, די זון באַדאַרף אים!

ווילנע, סעפּטעמבער 1968

☆ ☆ ☆

כ׳באַדויער ניט,
וואָס פאַר מײַן וואָרט
דו האָסט קיין אויער ניט.

מיר טוט בלויז וויי,
וואָס דו מסוגל ביסט
דערהערן נאָר געשריי.

ווילנע, יאַנואַר 1968

☆ ☆ ☆

ווער מיר ניט אַ שותּף צו מײַן ווייטיק.
שותּפות פּירט צו קריגערײַען על־פּי רוב.
און זיך קריגן צוליב דעם, וואָס ס׳איז ניט נייטיק,
איז אַ פֿרײַוויליק אויף זיך אַרויפֿגעלייגטע שטראָף.

מיטגעפֿיל גלעט מיט פֿאַרגרעבטע פֿינגער,
שאַרשטיק איז די לעקנדיקע צונג פֿון טרייסט.
היילן יענעמס ווונד, ווײַל דיר דורך דעם ווערט גרינגער,
איז פֿאַרזיסטער ווידערוווּקס פֿון בייז.

ווילנע, סעפּטעמבער 1970

☆ ☆ ☆

קענסט אַרומנעמען דעם פלי פון פויגל?
(און אַ יושר זײַן װאָלט, אַז מען זאָל עס קענען).
עס געלינגט אַזױנס ניט שטענדיק אויך די אויגן
און זײ בלײַבן גלאָצן אונטערן געװעלב פון ברעמען...

דאַרף מען צוליב דעם דען זײַן בײַ זיך געפאַלן,
װאָס עס לאָזט זיך ניט דאָס ניט־דערגרײכלעכע דערגרײכן?
אויב ניט מעגלעך טרינקען ס'איז פון אַלע קװאַלן,
איז עס נאָך ניט פון ניט־דאַרשטיקײט אַ צײכן.

װילנע, מאַרץ 1958

☆ ☆ ☆

אַ בוים, אַ קוסט, אַ גרעזעלע אַ קלײנס —
זײ קומען אַלע פון דער ערד,
נאָר זײער שטײַגן זען איז ניט באַשערט.
דו זעסט נאָר, אַז זײ זענען גרעסער הײַנט װי נעכטן.

און אָט פון קרעניצע דאָס װאַסער שלאָגט —
אויף דײַנע אויגן טוט עס קװעלן,
נאָר שטאָם און צװײַג דעם װאַסער פעלן.
דו זעסט זײַן װאַקסן, און — ניטאָ קײן װוּקס...

װילנע, דעצעמבער 1957

☆ ☆ ☆

רגע, וואָס דו ציסט זיך אַזש אַן אייביקייט,
רגע, וואָס געדויערסט קוים איין אויגנבליק,
ביידע, ביידע איר נאַרט אָפּ.

דאַכט זיך, מיר באַוווּסט איז אײַער לענג די אמתע,
יעדע פעלשונג אײַערע איך קען דערקענען זי,
און פון דעסטוועגן פאַרדרייט איר מיר דעם קאָפּ.

ווילנע, פעברואַר 1971

☆ ☆ ☆

בענקעניש, דו ביסט ווי יי״ש:
נעמט מען דיך אַ ביסל, גיסטו מוט,
טוט מען איבעריקס אַ נאַש,
ווערט דול דאָס בלוט.

אָ, מײַן טאָג אַמאָליקער,
וויל ניט, איך זאָל זײַן אַן אַלקאָהאָליקער!...

ווילנע, דעצעמבער 1970

## ש ו ל ד ג ע פ י ל

Nach Auschwitz kann man nicht dichten.
Theodor Adornos

נאָך אױשװיץ קען מען מער ניט דיכטן.
נאָך אױשװיץ קען מען מער ניט לעבן.

פֿון דעסטװעגן מען לעבט,
פֿון דעסטװעגן מען דיכטעט...

צי װערט מען ניט דורך דעם אַ שותּף
צו דעם מאָנסטערישסטן מאָרד?

װילנע, מאַרץ 1969

## װײַטיקדיקער חשבון

אַט דער בױם אױף אונדזער הױף,
כ׳קען אים שױן אַזױ פֿיל יאָרן.
כ׳האָב אים נאָך אַ פֿלאַנצעלע געזען,
אױף די אױגן מײַנע איז ער אַלט געװאָרן.

און דער בױם װאַקסט דאָך פּאַמעלעכער פֿון מענטשן...

װילנע, פֿעברואַר 1968

## מיין אומעט

ווייס איך ניט, פאַר וואָס מײַן אומעט
מוז עס זײַן אַזוי געטרײַ מיר.
וויפֿל כ׳זאָל אים ניט פאַרראַטן
מיט געדאַנקען, טרוימען, ווײַבער,
האָט ער קיין מאָל ניט פאַראיבל,
ווײַזט מיר קיין מאָל ניט זײַן רוקן.
פאַנגט מײַן האַרץ אַזאַ געטרײַשאַפט,
און איך מוז פאַר אים זיך בוקן...

ווילנע, מאַרץ 1971

## פרוידיש

ווילסטו דײַן אייגענעם חלום פאַרשטיין,
ניכטער באַנעמען זײַן טונקעלן מיין?

בעסער פאַרוואַרף אויפן האַלדז זיך אַ שטריק —
זיך און זײַן צינישע קלאָרקייט דערשטיק!

ווילנע, יוני 1969

## צום אויסגעשפּילטן פאַנאַטיקער

זעסט, ס'איז דײַן אמת געווען אַ באַגילדעטער שקר.
פון דײַן התלהבות זיך אויסגעפּיקט האָט מרה־שחורה.
ס'פּאַפּט און עס כראָפּעט דײַן נביא און מוטיקער וועקער:
קאָפּ — אויפן מיסט, און די פּיס — אויף זײַן ליכטיקער תורה...

ווײ איז צו דיר, צו דײַן פינצטער אַכזריותדיק מזל,
וואָס דו מוזסט צוזען, ווי ס'ווערט דײַן אמונה צעשמעטערט,
וואָס אַנשטאָט „קדוש", מוזסט שרײַען: „איך לעסטער און פּסל",
קלאַפּן „על־חטא" זיך: „אַ־ווײ, כ'האָב דעם טײַוול פאַרגעטערט!".

ווילנע, מאַרץ 1970

## פ ו נ ק ע ן

אַ, דו פונקעלע, דו פּיצינקס,
נאָר בשעת דײַן פליִען שײַנסטו.
האַלטסטו אָפּ זיך, ווערסטו אַש.

לײַכטזיניקער גרויסער קינסטלער —
וווּנדער־שאַפנדיקער מײַסטער,
פליסט און פליסט, און ווערסט פאַרלאָשן
צווישן כּבוד און דער פלאַש...

ווילנע, יאַנואַר 1970

## דער אַסקעט

פּרוּוו איך לייענען דעם שטערן־כּתב —
הימלס אותיות און היעראָגליפן.
אות נאָך אות, טראַף נאָך טראַף
ווערט דער סודותדיקער שריפט באַגריפן.

לערנט מיך דער קלוגער אַלטער כּתב,
אַז די וועלט באַשטייט פון הוילע, הוילע לאָוון.
יעדער טראַף — אַ האַרבער לאָוו.
צוימען זיך, הייסט: זיך אויף ס'נײַ באַשאַפן...

ווילנע, מאַרץ 1965

## דער פאַנאַטיקער

כ'טראָג אַ שווערע תורה
אויף מײַן שוואַכן אַקסל,
און איך האָב ניט מורא
גילטן פאַר אַן עקשן.

טרעט איך שווער, געבויגן,
אָבער פול מיט גדולה,
און פון מײַנע אויגן
שפּאַרט אַ שײַן אַ דולע.

ווילנע, אויגוסט 1970

# זעמדעלע, זעמדעלע...

זעמדעלע, זעמדעלע, נישטיק און קליין,
העלף מיר דעם וועלטישן שכל דערגיין:
ווי קען פון נישטעלעך ווערן אַ באַרג?

זעמדעלע כ׳האָב זיך אַן ענטפער דערוואַרט —
ביסט מיטן ווינט אינעם אויג מיר אַרײַן,
אָפּגעשיידט האָסט פון מײַן ראיה די שײַן;
דרײַ מאָל כ׳שפּײַ אויס, זאָלסט פון אויג מיר אַרויס.
זעמדעלע, ווי דער מאָנבלאַן, ביסטו גרויס!...

ווילנע, סעפּטעמבער 1968

# ר ו י ך

פון אַ פלאַם געבאָרן,
דורך אַ לאַנגן קוימען
צו דער זון געדרונגען,
ווי אַ סאָסנע שלאַנק.

מערניט איין חסרון:
ווער ס׳איז ניט פון זוימען —
ווער סע שפּראַצט פון אומקום,
קען ניט לעבן לאַנג...

ווילנע, יאַנואַר 1957

## נאָך דער באַפרייונג

גוט אַזוי, וואָס אַזאַ בייזע צײַט איז שוין אַוועקגעגאַנגען,
און איך קלערן קען: איך וויל פון איר ניט קלערן.
ס'איז די נאַכט געווען אַזאַ־אַ לאַנגע,
אַז מען האָט געקענט באַווײַזן אויסציילן די שטערן...

ווילנע, יאַנואַר 1957

## פ ר י ל י נ ג

אויף דער צווײַג דערגייט אַ קנאָספּ —
נאָך אַ צייכן אויף דער אייביקייטן־מאָס!
ווידער וועט דער קנאָספּ באַלד פּלאַצן,
ווידער וועלן מיר זיך גליקלעך שאַצן...

ווילנע, יאַנואַר 1957

# מענטש

ווער ווייסט מיך, צי אַזוי איך בענק,
צי איך אַזוי פאַרגעס?
נאָר זיכער בין איך, אַז כ׳פאַרשענק
דעם שטראַלנדיקסטן נס.

און ווען כ׳שענק אים און פאַר וואָס,
איז מיר לחלוטין גלײַך.
אָ, זאָל נאָר חלומען דאָס גראָז
און ספּריטנע זײַן דער טײַך!

ווילנע, יוני 1966

☆ ☆ ☆

פאַר וואָס, זאָג, האָסטו זיך געשעמט
דײַן שוואַכקייט מענטשלעכע צו ווײַזן,
און האָסט פון זיך זיך אָפּגעווענדט
אין דײַן געיעג נאָך געטער-מעשים?

נו, האָסטו געטלעכקייט דערגרייכט,
צי אײַנגעזען האָסט: ס׳איז ניטאָ גאָר?
מיט קלעטערן צו פרעמדער הייך
האָסט נאָר דערנידעריקט דײַן מקור.

ווילנע, אויגוסט 1970

☆ ☆ ☆

געפֿונען האָב איך אַן אַלט בילד פֿון מיר.
באַוויזן עם דעם שפּיגל, האָט ער ניט דערקענט מיך...

האָב איך אַוועקגעזעצט זיך קעגן אים און זיך פֿאַרטראַכט
(איין אויג באַקוקט אין שפּיגל מײַן געשטאַלט,
דאָס צווייטע אויפֿן אָפּבילד פֿון מײַן יוגנט־מראה גאַפֿיעט),

און דורכן פֿענצטער פֿאַלט אַ צוקנדיקער שטראַלנזײַל אַרײַן —
דאָס שטעקט מיר אויס אַ צונג די צײַט.

ווילנע, נאָוועמבער 1970

## בענקשאַפֿט

מעסטן וועל איך דעם וועג צו דיר
מיט דער לענג פֿון מײַן אומגעדולד.
מײַן האַרץ שטעקט אויף אַ דערמאָנונג,
ווי אַ פֿלאַטערל אויף אַ שפּילקע.
וואָס וויל די גריל,
וואָס האָט זיך באַזעצט אין מײַן פּולס?
ענג איז דעם האַרץ,
וואָס האָט געלאָזן זיך פֿאַנגען...

ווילנע, אויגוסט 1963

## ק ה ל ת

רים זיך ניט, קרים זיך ניט. אַלץ גייט פאַרביַי.
אמתע אמתן זענען ניט ניַי.
וואָס מער מען ווייסט זיי, מען זוכט זיי אַלץ מער,
וואָגלענדיק צווישן בטחון און טרער...

יעדער טאָג עלטער מאַכט. וועלכער מאַכט אַלט?
ציַיטיקייט לאַנגזאַם קומט, זיקנה באַפאַלט.
וואָס דאַרף דער דורכגייער, אויסער אַ וועג?
דער, וואָס געקומען איז, מוז אויך אַוועק...

ווילנע, אויגוסט 1963

## אויף יענער זייט צוים

עס האָט זיך מיר געחלומט, כ׳זע אַ חלום —
זיך אָפּגעריסן פון אַ וואָר, וואָס איז אַליין בלויז טרוים.
געמוזט כ׳האָב מיטן טיַיערסטן באַצאָלן
פאַר מיַין אַריבערקלעטערן אַ צוים הינטערן צוים:

פאַרלאָרן כ׳האָב דאָס גליק פון קענען שטוינען,
געוואָרן איז מיר אַלצדינג איבערמאָסיק קלאָר.
געגומען חוזקן כ׳האָב פון דער פאַרביקייט פון טרוימען,
מיט ביטול קוקן אויף דער גרויקייט פון דער וואָר...

ווילנע, אַפּריל 1964

☆ ☆ ☆

כ׳שפּאַר אַרײַן אין פּערז אַ װעלט.
װערט אויף מיר זי מלא־חמה.
איר ניט אָרט פֿעלט, לופֿט איר פֿעלט —
אָטעם פֿאַר געזאַנג און װײנען.

װילנע, אַפּריל 1971

☆ ☆ ☆

עס טרעפֿט אַ מאָל:
ס׳װערט אַלץ דיר קלאָר, װי דו אַלײן װאָלסט עס באַשאַפֿן.
און ס׳טרעפֿט אַ מאָל:
אַ קלײניקײט מאַכט, זאָלסט פֿאַרחידושט שעהען גאַפֿן.
דו בײדע מאָל ביסט אין געפֿאַר —
אין שװערסטן שטורעם װײַט פֿון האַפֿן...

װילנע, פֿעברואַר 1957

# וועלט

וואַקסן ביימער צוויי בשכנות.
איינער טראָגט די פּרוכט פון לעבן,
און דער צווייטער — פּרוכט פון וויסן.
זיצן אויף זיי ביידן ראָבן,
קראַקען מיט די טרייבער־שנאָבלען
וועגן אונטערגאַנג און חשכות.
און אַרום איז דער גן־עדן...

ווילנע, מאַרץ 1969

☆ ☆ ☆

פּאַדעט ביַי דעם קויש מיט קאַרפּן
תּמעוואַטע אום אַ קאָטער,
פאָכעט מיט פאַרשטײַפטן עק אויס
סאַמע גליַיכגילטיקסטן מילא...

און די גרינע אויגן בליצן,
און די ווײַסע וואָנצעס צוקן;
און די פיש אין קויש זיך צאַפּלען,
ווי אַ יעדער פון זיי זײַן וואָלט
דעם סטאַטעטשנעם קאָטערס האַרץ.

ווילנע, יאַנואַר 1968

## פ ר אַ ג ע ס  ד ר י י

וואָס? און ווער? און ווי? —
קירצסטע פראַגעס דרײַ,
ערשטע פראַגעס דרײַ,
לעצטע פראַגעס דרײַ...

וואָס? און ווער? און ווי?
יעדער ניט־געוויס
שטייט אויף די דרײַ פיס.
זע, אַ דרײַפוס, און ער וואַקלט זיך...

ווילנע, מאַרץ 1959

## פ ר אָ ב ל ע ם

ווו שטעקט דער צויבער פון די רויזן:
אין ריח זייערן צי אינעם אויסזען?
פאַרטראַכט זיך
און געוואָרן
צעשטאָכן פון אַ דאָרן...

ווילנע, אָקטאָבער 1963

## י י ד י ש ל ע ך

צי ס'איז אַזוי, צי ס'דאַכט זיך מיר,
נאָר ערגעץ עפנט זיך אַ טיר
און לאַנגזאַם, לאַנגזאַם גייט אַרויס
דער סאַמע לעצטער מענטש פון הויז.

און איך האָב ביז איצט ניט געוווּסט,
אַז אויך אַ ן שחיטות קענען שטיבער בלײַבן פּוסט...

ווילנע, אַפּריל 1970

☆ ☆ ☆

אײַזערנע געדאַנקען טראָגן זיך אויף שפּינוועבסענע פליגל,
אָט-אָט וועלן זיי אַראָפּפאַלן און עמעצן קאַליעטשען.
און ווער ווייסט, צי זיי וועלן אַ העלפאַנדס קאָפּ צעבײַלן?
ס'קען דאָך טרעפן, זיי דאָס פלאַטערל פון ווערדע,
צי דאָס פּוכבלימל פון בענקשאַפט זאָלן גאָר צעקוועטשן.
אײַזערנע געדאַנקען... שפּינוועבסענע פליגל...

ווילנע, מאַרץ 1968

## ווייכקייט

שטעקט דער שנעק אין שטיבעלע פון האָרן.
אַ צו־ווייכער נייטיקט ער זיך אין אַ האַרטער היים.
מחמת נייטיקן זיך, איז ער אײַנגעשפּאַנט געוואָרן,
און ניטאָ איז מער פּאַר אים אַ גיין אַליין...

ווילנע, נאָוועמבער 1958

## שפּערלעך

שפּרינגט אַ שפּערל, שפּרינגט און פּיקט
האָבערלעך פון פערדיש מיסט.
טוט אַ צווייט שפּערל אַ בליק
און דערפילט, אַז עס פאַרדריסט...

ווילנע, יאַנואַר 1957

# מ י נ אָ ר

אויף לײדיקע װעגן שלעפּט אום זיך אַ װינט,
די פֿײגל פֿאַרשפּילט האָבן זײער געזאַנג,
עס רוקט זיך לבֿנה, װי זײַן װאָלט זי בלינד,
עס קרעכצעט אַ װערבע, װי זײַן װאָלט זי קראַנק.

צו אַלעם און אַלצדינג אַ שטערן נאָך פֿאַלט.
אַ־װײ, ער געטראָפֿן האָט פּונקט אין מײַן קאָפּ!
װי משה דעם ים, מײַן פֿאַרצװײפֿלונג איך שפּאַלט,
װי פּרעהס חיילות, אין תּהום כ׳זינק אַראָפּ.

װילנע, פֿעברואַר 1969

☆ ☆ ☆

און װען עס װאָלט באַשערט זײַן צו דערזען די צײַט —
דערזען איר פֿאַרב,
דערזען איר שטראָם,
דערזען איר אומרחמנותדיק אַנטרינען,
װאָלט מען, קען זײַן, אַרײַנקוקן אין איר,
און מען װאָלט אפֿשר ס׳ערשטע מאָל
אין שפּיגל פֿון אַ טײַך ניט זיך דערזען.
און דעמאָלט אויך דעם איך דעם אמתן געפֿינען...

װילנע, אַפּריל 1970

* * *

כ׳שטעק ביז היינט-צו-טאָג נאָך אינעם הויז,
וואָס איך האָב עס מיט אַ קלאַפּ פון טיר פאַרלאָזן.
ווי די בליטן פון אַ שאַרלעך-רויטער רויז,
פלאַקערן אין זעל מײַנער פאַרדראָסן...

פרעג איך זיך: אויב כ׳בין שוין פון דער שטוב אַרויס,
ווי קען זײַן, איך זאָל מיך האָבן דאָרט פאַרגעסן?
ווײ, איך בין דאָך אי דער קאָטער, אי די מויז,
און פון אַ ווילן זיך צו ראַטעווען פון זיך איך בין באַזעסן.

ווילנע, יאַנואַר 1971

## מעטאַמאָרפאָזע

האָב איך ניט קיין מוט צו זײַן אַ פּחדן,
ווער איך איבער גוואַלד אַ העלד.
כ׳הייב אָן גאַווהדיק מײַן ווערט באַטראַכטן,
פאַל אַרײַן אין כּף-הקלע פון אַ טאָפּלוועלט:

אָט-אָ קוואַקעט מײַן פּחדנות, ווי אַ זשאַבע,
אָט מײַן העלדישקייט — אַ שטאָלצע פּאַווע שפּאַנט.
הייבט מײַן לײַטישקייט אויף די פאַראַכטונג ווי אַ שטאַבע
און די קעפּ זייי ביידן שפּאַלט...

ווילנע, אויגוסט 1970

## אין זאָאָלאָגישן גאָרטן

זייַ ניט אַזוי, סאָווע,
וועסט סקלעראָטיש ווערן!
זע, ווי ס'שפּאַנט דער וואָלף אום,
און ער איז דאָך אויך אין שטייַג...

אומרעכט? אומזין? אומגליק?
קרעכץ ניט: „עס איז אומגוט".
אין דער וועלט פון אומען
קלאַמער זיך צום אומרו.
אומרו ראַטעווועט פון קלעם.

ווילנע, יוני 1969

## געפּאַנגענשאַפט

אַ קאַנאַריקל אין שטייַג
זיצט און שווייַגט, זיצט און שווייַגט...
און דערבייַ אַ פּאָפּוגייַ
פּלאַפּלט, פּונקט ווי אויף דער פרייַ...

ביידע דרכים — ניט כּדאַי!

ווילנע, פעברואַר 1957

☆ ☆ ☆

טאַקע ווײַל דײַן האַרץ איז ליידיק —
אָן שום ליבשאַפט, אָן שום ווייטיק,
מיינסטו, אַז ס׳איז אויך ניט נייטיק...

ווילנע, פעברואַר 1957

# צאָנווייטיק

כ׳האָב אַרויסגעריסן זיך אַ צאָן.
געוואָרן איז מיר גרינגער.
וויפל מאָל זשע נאָך
דאַרף אַזוי גרינגער ווערן מיר,
איך בלײַבן זאָל אָנצייניק־אַלט?

אָ, שווײַגט, איר ניכטערע,
אַזש ביז ציניזם אויפריכטיקע צינגער,
ניט ענטפערט מיר,
אַז ס׳איז דאָס לעבן
אַזאַ אויגוסט־נאַכט מיט ציינערפאַל.

ווילנע, מיי 1971

# ק ר ע ד אָ

ניין, די שעה איז ניט אַזאַ,
מען זאָל שלאָף פאַרטראָגן.
וויג ניט איַין, ניט מורמל: „שאַ",
ס'הייבט שוין אָן צו טאָגן.

כאָטש נאָך סומנע איז די וועלט,
אויג איז אויסגעשלאָפן.
צי דיר יאָ, צי ניט געפעלט —
שויב פאַר שיַין איז אָפן...

ווילנע, אָקטאָבער 1957

☆ ☆ ☆

אַלע מיַינע שויבן —
בלוי־גרוי ווי די טויבן.
אָבער מיַינע שויבן
זענען פול מיט שיַין.
פאַלש וואָלט זיַין זיך לויבן
אַז כ'בין פול מיט גלויבן.
אָבער אין מיַין גלויבן
שמעלצט זיך יעדע פּיַין.

ווילנע, יולי 1970

## א י נ ד י ו ו י ד ו ו ם

ס'איז די קליינע מוק אַ לעבן
און דער העלפאַנד איז אַ לעבן.
ווער זאָגט: פליישן, גרייסן, גרעבן?
ס'גילטן גלוסטונג, דראַנג און שטרעבן!

ווילנע, יאַנואַר 1958

## ט ר אָ פ נ ס

טראָפּן טוי און טראָפּן רעגן,
טרער און שווייס אויף שטויב פון וועגן.
קלאָרע, מוטנע, רײַך און אָרעם,
אַלע — טראָפּנס פון איין פאָרעם.

ווילנע, יאַנואַר 1957

## שולדיקייט

און ווען נאָר און ווי נאָר
סע שלאָגט איין אַ דונער,
דער בליץ מאַכט אַן אָנשטעל,
אַז ער ט'נאָר געשייַנט...

ווילנע, אָקטאָבער 1968

## אומבאַוווסטקייט

האָט מען עס צוערשט געמאַכט אַ וועג דאָ
און דערנאָך גענומען אויף אים גיין,
צי פון לאַנגן גיין געוואָרן איינגעטראָטן איז אַ וועג?
שווערלעך איז דעם דורכגייער עס צו דערגיין,
אָבער אויך ניט וויסנדיק עס, גיין ער מעג.

ווילנע, מאַרץ 1958

## י י ד ן

אוי צו אונדז און ווײ צו אונדז,
וואָס מיר ווײַזן רק דעם קוניץ,
ווי נאָך העצע, מאָרד און גריבער
מיר דעם אומקום קומען איבער...

ווילנע, מאַרץ 1970

## ט ר י י ס ט

שעפּ אָן אַ קענדעלע הימל
און פּאַרגיס דערמיט דעם שאָטן.
אַנטלײַ אַ זוניקן שמייכל
און פּאַרקלעפּ מיט אים דעם צער.
גענוג שוין דיר טראַכטן
אַז ביסט ניט קיין שלמות.
אויף דער זעלבער לאָנקע
קוואַקען פרעש און זינגען סאָלאָווייען.
וועגן זענען תּמיד
קויטיק
אָדער שטויביק...

ווילנע, אויגוסט 1963

## א ו י ס ג ע ש ר י י

גוואַלד, ווי קען מען עס דערקלערן ?
טאָג נאָך טאָג פאַרלירט מען טרערן,
און עס האָט נאָך קיינער קיין מאָל ניט קיין טרער געפונען.
סטייַטש, ווו זענען זיי אַהינגעקומען ? !

ווילנע, סעפטעמבער 1970

## ה אַ ר ב ס ט ל י ד

זוכסט נאָך אַלץ דעם וועג צו זיך,
און די געאָרגינען ברענען ווי פריִער.
אין מיטן וועלט אַ גערטעלע וואַקסט,
און דו אַלץ טראַכסט : עס אָן אַ זײַט ליגט...
טויזנטער וועגן פירן פון זיך,
צו זיך — איין איינציק שטעגל.
קלעם זיך ניט, למאַי ס׳איז האַרבסט
און עס ברענען אויס די געאָרגינען,
עס זיך ניט, וואָס גרוי איז די צײַט,
יעדער טאָג איז ווערט, ער זאָל ווערן אַ יום-טוב...

ווילנע, אויגוסט 1963

## ד י  ל י אַ ל ק ע

אָ, די ענלעכקייט באַחנטע! ...

אַזוי אַנגענעם די קליינקייט,
אַזוי ליב די בלויזע פּאָרעם.
אויסזען האָלט האָט זײַן אַ שפּילכל,
אומבאַהאָלפנקייט מאָנט ליבשאַפט.
דעק זי אײַן און זאָל זי שלאָפן;
נאָכגעמאַכטע דאַרפן רו.

ווילנע, יולי 1962

## פ ל י ג

אַ פליג אויף אַ שטיקעלע צוקער.
צי בין עס ניט איך אויף דער פרייד?
און אפשר — ווער קען עס דען וויסן —
קומט זי גאָר אַצינד צום באַשייד,

אַז זי איז, ווי איך, דער מגושם,
וואָס מער פון אַלץ פּאַטעקע שאַצט.
זי רײַבט מיט די פיסלעך דאָס פּיסקל,
און איך די פּאַטילניצע קראַץ...

ווילנע, נאָוועמבער 1969

☆ ☆ ☆

ווי נאָר ביז צום גרונט פאַרשטיין וועסט,
ווי ס׳איז נאַריש יעדע קינאה,
וועסטו ווערן גלײַך אַ מלאך,
דאָך פאַרלירן וועסט די פליגל,
וואָס מיט זיי עס פליט דער מענטש...

ווילנע, אַפּריל 1970

## לעבנסקנופּ

ווען דו קענען וואָלסט פאַרגעסן
דאָס, וואָס שווער איז צו געדענקען,
וואָלסטו זיך געוויס דערמאָנען
דאָס, וואָס דו פאַרגעסן האָסט —
וואָס געווען איז דיר דערעסן
און האָט דאָך געררייצט דײַן בענקען...

וויי צו בלוט-רויטע פּיִאָנען,
געל געוואָרענע פון פראָסט!

ווילנע, פעברואַר 1969

☆ ☆ ☆

דער גאַנג פון זיך צו זיך
אַ לעבן לאַנג געדויערט.
אויף סטעזשקעס דערנערדיקע
און מיט קעשענעס, פול שטיינער,
מען שפּאַנט און יעדע ווײַלע
מען צעטראַמפּלט אַ געפינס...

דער גאַנג פון זיך צו זיך —
דער וועג דער קירצסטער־לענגסטער!

ווילנע, נאָוועמבער 1970

## ווער?...

ווער איז דער? און ווער איז יענער?
און צום סוף גאָר: ווער בין איך?
מיט אַ טאָרבע ראָזע שפּענער
אויף אַ גרויען לייטער כ׳קריך...

כ׳ווייס שוין, ווער ס׳איז דער, ווער יענער,
כ׳ווייס נאָך אַלץ ניט, ווער בין איך.
אַ, מיר קלוגע זיך־דערקענער,
וואָס באַהאַלטן זיך פון זיך!...

ווילנע, אַפּריל 1970

## זשעני

געלויבט, געבענטשט זאָל זײַן דײַן וווּנדערלעכער פעלער,
וואָס האָט דיך איבער אַלעמען אָוועקגעשטעלט!
אַ, פלעפנדיקער אויסנאַם, וואָס מאַכסט העלער
און שפּיליעסט פליגל צו דער פּויזענדיקער וועלט!

ס'איז אונדזער מזל, וואָס דו ביסט אַזאַ בעל־מזל.
דעם טעמפּן חומר ציט צו ווערן באַרג, וואָס האָט אַ שפּיץ.
אין וועלט, ווו יעדער אויבנשטייער אונטערשטע באַגזלט,
באַשאַפן גראָד די שוואַרצע וואָלקנס העלן בליץ...

ווילנע, אויגוסט 1968

## צום נאַכטיגאַל

נאַכטיגאַל, נאַכטיגאַל, כ'מיין ניט פאַרהערן דיך,
זאָג אָבער, נאַכטיגאַל, ווער האָט געלערנט דיך?

טרעמאָלאָ, טרעמאָלאָ — גלי־אָראַטאָריִע.
ווײַל איז דײַן בלײַיקער קאָנסערוואַטאָריִע!

נאַכטיגאַל, נאַכטיגאַל — טרוימער באַגײַסטערטער —
ס'עקבערט און צערטלט דײַן זעגיקע מײַסטערטרער.

נאַכטיגאַל, נאַכטיגאַל — זינגער פאַרהוילענער,
קינסטלער ניט בעטן זיך, קינסטלער באַפוילן נאָר...

ווילנע, אַפּריל 1968

## אין אַנבליק פון דער אייביקייט

גאַרן מיר, בענקען מיר,
עפּעס, עפּעס ווייסן מיר...
און דער צווייפל, ווי אַ פּיקהאָלץ,
זעצט אין מאַרך, ווי אין אַ שטאָם:

„וואָס איז עס? ווו איז עס?
זוכט עס אונדז, צי מיר עס זוכן?"
אַ, דו, דאָלבענדיקער שנאָבל,
טרייבערסט, איז כאָטש עפּעס פאַנג!

ווילנע, מאַרץ 1966

## פ ו נ ק

קינד פון גרויע שטיינער צווײ,
אויפקום און פאַרשווינדונג,
העלקייט אויף איין אויגנבליק,
אויסלעשונג דורך צינדונג;

אַ, ווי קלײנקייט קען זײַן גרויס,
צײַטווײַליקייט — צײַטיק!
אויב אַזוי, קען איך דאָך אויך
עפּעס-וואָס באַטײַטן.

ווילנע, מאַרץ 1965

☆ ☆ ☆

וויי, די שאָטנס לאַכן פון דער זון!
און די זון, זי ווייסט גאָר ניט דערפון,
פונקט ווי זי ניט ווייסט, אַז זי האָט זיי באַשאַפן.

פון אַ זון, וואָס ווייסט ניט, מעג מען לאַכן.

ווילנע, יוני 1970

# זון און שטיין

וועקט און וועקט די זון דעם שטיין,
און זי קען אים ניט דערוועקן.
שרעקט זי אים: זי וועט פאַרגיין.
הייבט עס אים ניט אָן צו שרעקן.

זינקט די זון, באַהאַלט איר גאָב.
בלײַבט אַ וועלט פאַר חושך אָפן.
אָ, דו שטיין — דו, האַרטער קאָפּ,
האָסט שוין נאָך אַ זון פאַרשלאָפן...

ווילנע, מיי 1964

## ג ל י ק

אַ דונער פון דער ווײַט פּילט אַן מײַן אויער,
דאָך ס'איז ניטאָ, ניטאָ קיין בליץ.

נאָר אָט געשעט עס פּונקט קאַפּויער:
אַן יעדן קנאַל — אַן אויפלויכטקריץ.

ווי גוט איז, וואָס זיי קומען ניט אין איינעם!

ווילנע, מאַרץ 1967

## פ ר ײ ד

דרייט זיך אַרום זיך דאָס הינטל.
יאָגט דעם נאָך זײַן עקל.
מיינט עס —

גאָרניט מיינט עס. ס'איז דעם פריילעך:
ווייל איז זיך נאָך זיך צו יאָגן,
גוט איז זיך אַליין ניט כאַפּן,
ליב איז זיך פּאַר זיך צו שרעקן,
זיס איז, ווען די שרעק איז שטוינונג...

ווילנע, מיי 1964

# די עלטער...

געווען איז אזא צייַט, ווען ס'איז די צייַט געווען ניט טייַער,
און איצט די קלענסטע ווייַלע האָט אַן אומגלייבלעכן פּרייַז...
דאָס גרויזאַמסטע, דאָס סאַמע ברענדיקע פייַער
איז דאָס געפיל: „איך ניט באַוויַיז!".

ווילנע, מיי 1957

☆ ☆ ☆

צי מיינסטו דען, אַז דאָס פאַרגעסענע איז טאַקע שוין אַוועק?
עס טרעפט דאָך, ס'פלאַקערט אויף אַ מאָל אַן אויסגעלאָשן בילד
און בלייַבט, ווי אין אַ ראַם, אין איטלעכן פון דייַנע קומענדיקע טעג,
און ווידער פאַר אַ וואָר עס גילט...

ווילנע, יאַנואַר 1957

☆ ☆ ☆

מיטן הונט דעם קרעציקן זיך דורכגערעדט אויף מאַמע־לשון,
קומסטו לערנען מיר מאָראַל ? ...
אויסגעוואַלגערט זיך אין אַלע אונטערוועלט־מלינות,
דראַפּעסטו אַרויף זיך אויף אַ פּעדעסטאַל.

קען דען אַ געפֿאַלנקייט זײַן מער געפֿאַלן,
ווי אַט־די, וואָס שטעלט זיך פֿאַר אַ מוסטער אוים ?
אַ, דעם לעבנס קאָרטנשפּיל : מען צוגעטיילט באַקומט אַ נישטל,
און מען מאַכט פֿאַר אַנדערע דעם אָנשטעל, ס׳איז אַ טויז...

ווילנע, סעפּטעמבער 1970

## פ אַ ר ג ע ב ו נ ג

זאָל עס דיר פֿאַררעכנט ווערן,
ווי געפֿאַלן וואָלט דײַן שטערן,
און דערפֿאַר האָסטו באַזיניקט :
„אומעטום ירידה קיניגט״.

ווײַל האָסט לאַנג אין שרעק געוווייקט זיך,
האָסטו פֿאַרן שרעק פֿאַרנייגט זיך...
זאָל עס דיר פֿאַררעכנט ווערן,
עס זאָל קיין פֿאַרברעך ניט ווערן.

ווילנע, יוני 1969

# אַנטקעגן שפּיגל

איך — מיט אַ נשמה,
דו — אָן אַ נשמה.
איך — מיט אַ כּוונה,
דו — אָן אַ כּוונה.
אַנטקעגן פּאַרטיפּטקייט
עס טיפט זיך די פּלאַכקייט;
בײַם זײַן און בײַם ניט־זײַן —
דאָס זעלבע געשטאַלט...

ווילנע, פּעברואַר 1964

☆ ☆ ☆

שפּיגל זיך ניט אין וויטרינעס, ווו סע שטייען מאַנעקענען, —
שטים ניט אָפּ דײַן אויסזען לעבן נאָכגעמאַכטע אויסזענס.
קענסט, חלילה, נאָך אין זיי אַ שטריך פון זיך דערקענען,
און דײַן צלם־אלוהים וועט אויס זײַן...

ווילנע, סעפּטעמבער 1970

☆ ☆ ☆

עפֿן מיר אויף דײַן פֿאַרשלאָסענע טיר,
ווערן זאָל קלאָר מיר, אַז דו ביסט פֿאַראַן.
בעסער, כ׳זאָל וויסן, אַז לאָזסט ניט אַרײַן,
אײדער כ׳זאָל טראַכטן, אַז דו ביסט ניטאָ,
און נעמען כ׳זאָל צווייפֿלען צי ביסט גאָר געווען...

ווילנע, נאָוועמבער 1968

# אויסניכטערונג

נעם ניט צו פֿון מיר מײַן רו
און ניט רוף עס ליבע!
ניין, ניט איך און אויך ניט דו
זענען דאָ די סיבה.

מעגלעך, ס׳איז גאָר ניט פֿאַראַן
דאָס, וואָס מען רופֿט אורזאַך.
אויף איר יעדן, יעדן שפּאַן
ווייצלט די נאַטור זיך...

ווילנע, יוני 1964

# טרערן

זקנים־טרערן, קינדערטרערן,
מעגן זײַן זיי אין איין עלטער,
איז פאַרשיידן זייער גלי.

קינדער וויינען, ווײַל עס וויינט זיך,
זקנים וויינען, ווײַל עס ווילט זיך.
אַלע מאָל די טרער איז הי.

ווילנע, אָקטאָבער 1970

☆ ☆ ☆

פאַלן טרערן — טריפט עס די נשמה.
דאַרף דאָך די נשמה קלענער ווערן פון געוויין.
ווערט זי אָבער דווקא ליכטיקער און גרעסער.
וויינען איז די ערלעכסטע מדרגה פון פאַרשטיין.

ווילנע, מאַרץ 1971

# א ו י ג ן

ווי פאַרשיידן זענען הײַזער —
כאַטע, מויער, וואָלקן־קראַצער...
דאָך די שויבן,
דאָך די שויבן
זענען אומעטום די זעלבע.

ווילנע, אָקטאָבער 1965

☆ ☆ ☆

ס׳האָבן מיר פאַרטרויט דעם בוימס
שושקענדיקע צווײַגן:
בענקשאַפט איז פאַרוועלקטער טרוים,
טרוים — צעצוויטעט לײַגן...

ווילנע, יולי 1970

# אין די פוסטריט פון חז״ל

☆ ☆ ☆

אל תסתכל בקנקן אלא במה שיש בו

רבי מאיר

קוק ניט אויפן קענדל,
נאָר אויף דעם, וואָס דרינען,
אויב דו מיינסט באמת
ווערטיקס צו געפינען.

אַלטע קרוגן שימלען,
אַלטע ווײַנען קלאָרן.
פונעם שטאַרקן אמת
שיכּור כ׳בין געוואָרן.

הייב איך אויף דאָס קווערטל
אויפן ווײַן צו קוקן,
נעמט מײַן יעדער אָדער
ווי אַ דופק צוקן...

פוסט איז שוין דאָס פּעסל.
כמאַרעט זיך מײַן זינען.
ברענען מעג אַ כּלי,
וואָס האָט גאָרנישט דרינען!

ווילנע, נאָוועמבער 1970

☆ ☆ ☆

על כרחך אתה חי ועל כרחך אתה מת.

רבי אלעזר הקפר

ניט איך דאַרף און ניט איך וויל,
אָבער כ׳ווייס, איך מוז און וועל.
אַט אַזאַ איז שוין די שפּיל,
ווען ביסט אייביקייטס אַ שוועל.

דוכט זיך מיר, איך דאַרף און וויל,
כ׳וויל נאָך מערער, ווי איך וועל.
ווען דער גרויסער ים ווערט שטיל,
ווי איז צו דער קלײנער וועל! ...

ווילנע, נאָוועמבער 1969

☆ ☆ ☆

**איזהו גבור הכובש את יצרו**

**בן זומאָ**

ווו איז דער גיבור, וואָס זיך וועט באַזיגן
(בײַקומען זיך און ניט זײַן קיין באַזיגטער),
דער, וואָס קען צווישן צוויי ווילנס זיך וויגן,
און זײַן באַלוינט מיט אַ זעל ניט־צעפליקטער?

אָ, אָט דער גיבור דער גרויסטער פון גרויע,
דער, וואָס זײַן גבורה באַשטייט אין זיך צוימען,
ער נאָר צו הייסן אַ גיבור איז ראָוי,
ער פון דער גבורה איר פסולת וועט רוימען.

ווילנע, אָקטאָבער 1969

# ווייטיקדיקער אויספּיר

כך היא דרכה של תורה פת במלח
תאכל ומים במשורה תשתה ועל
הארץ תישן וחיי צער תחיה
רבי יהושע בן לוי

אַזאַ איז דער דרך פון לערנען:
אַ סקאָרינקע ברויט זאָלסטו עסן,
זאָלסט וואַסער אַ מעסטעלע טרינקען,
דער דיל זאָל דיר זײַן אַ געלעגער,
אין שוים פון דער נויט זאָלסטו לעבן.

אַזאַ איז דער וועג פון זיך לערנען
די סקאָרינקע ברויט צו דערגרייכן...

ווילנע, יולי 1969

✡ ✡ ✡

אַל תּדין את חברך עד שתּגיע למקומו.
הלל

מישפּט ניט דײַן פרײַנד, ווען ביסט ניט אין זײַן לאַגע
(בעסער זאָלסטו אין זײַן לאַגע גאָר ניט זײַן!).
זײַ דער ענטפער, וואָס באַליידיקט ניט די פראַגע,
מעסט ניט מיט דײַן ווילטאָג יענעמס פּײַן!

קוויקנדיק זיך מיטן העלן אינדערפרי־נס,
האָב אויך אײַנזען פאַרן כמאַרעדיקן טאָג.
שטרענגע מאָסן קעפּן, ווי די גיליאָטינעס,
אין איר וואַקלען שטעקט די גרויסקייט פון דער וואָג...

ווילנע, יולי 1969

# אַל תדין!

ניט מיין, ביסט באַרעכטיקט מיר מוסר צו זאָגן.
דאָס גליקלעך זײַן גיט נאָך ניט רעכט זײַן גערעכט.
צו לאַנג אויף מײַן קאַרק איך אַ יאָך האָב געטראָגן,
זאָלסט מעגן מיר זאָגן, מײַן פירונג איז שלעכט.

איך צווייפל, צי האָסט ווען געזען כאָטש אין חלום
אָט דאָס, וואָס איך דורכגעקרענקט האָב אויף דער וואָר.
און איצטער דו מיינסט נאָך, איך דיר צינז דאַרף צאָלן,
און דו דאַרפסט עס פסקענען וואָס אַזוינס כ'טאָר.

הער אויף, דו, מיט לײַב און מיט זעל פוסטעפּאַסניק,
פון גורל געלאַשטשעט, פון ווילטאָג פאַרטעמפּט!
הער אויף, דו, וואָס קיין מאָל דיך לייד ניט באַלאַסטיקט,
דיך דאַרפן נאָך אויסלייזן לײַז אין דײַן העמד...

ווילנע, פעברואַר 1971

✡ ✡ ✡

אם אין אני לי מי לי
הלל

ווער זשע, ווער זשע, אויב ניט איך —
אויב ניט איך זאָל טאָן פאַר זיך?
אויב אָבער כ'טו נאָר פאַר זיך,
ווער בין איך און וואָס בין איך?

ווען זשע, ווען זשע, אַז ניט איצט?
עבר טליִעט, עתיד בליצט,
ריכטיק נאָר דער הווה שײַנט.
ווען זשע, ווען זשע, אויב ניט הײַנט?...

ווילנע, פעברואַר 1969

# אָ פ ש יי

לא תשא את שם ה׳ אלהיך לשוא
(שמות כ׳ ז׳)

דערמאָן ניט גאָטס נאָמען אומזיסט,
ניט פאַלן זאָל ער אין זײַן ווערט.
געדענק, ביסט ניט מער ווי דו ביסט,
און צו הויכער זאָג איז פאַרווערט.

כאַפּ ליבערשט אַ שטראַלעכל שײַן,
אַ קענדעלע קוואַלוואַסער נעם,
אין לאַנקישן גרין היל זיך אײַן,
שטום אוים אים דײַן „ברוך השם״.

ווילנע, יולי 1971

# באַלאַדע

על דאַטפת אַטפוך וסוף מטיפיך יטופון *)

מיטן שטראָם פון טײַך — אַראָפּ
שווימט אַ קאָפּ... שווימט אַ קאָפּ...

שטייען מענטשן און מען גאַפט,
יעדערער זײַן אויספיר מאַכט:

— פון אַ שיף אַרויסגעפאַלן...
— מערדער זענען אים באַפאַלן...

— שווימענדיק פאַרשלאָפט געוואָרן...
— אַלץ אין לעבן אָנגעוואָרן...

און דער זקן הלל שטייט.
אויסגעהערט די אַלע רייד,

טוט ער מיטן שטאָק אַ פּויק,
שאַרף אַ גלימצער מיטן אויג,

זאָגט זײַן נײַעם הלל־שפּרוך:
„ברידער, על דאַטפת אַטפוך!"

---

*) ווייל האָסט דערטרונקען אַנדערע, האָט מען דיך דערטרונקען; און דער סוף פון דיינע דערטרינקער וועט זיין: מען וועט זיי דערטרינקען.

שטיל געוואָרן דאָס געזעמל.
ווײַט צעגרונצט האָט זיך אַ קעמל.

אַלע שטייען, ווי געפּלעפֿט —
צו דער גרוילזעונג באַהעפֿט,

און דער שווימענדיקער קאָפּ
עפּעס גנביש טראָגט זיך אָפּ...

שטוינונג. ציטער. פּחד. סקרוך...
הלל ענדיקט אָפּ זײַן שפּרוך:

„ענד ניט שטענדיק איז די ענד.
צווינגערהאַנט ברענגט צווינגערהענט,

מאָרד אַ נײַעם מאָרד נעמט רופֿן —
מטיפֿיִך אויך יטופֿון!"

ווידער הערט זיך ס׳גרונצט דער קעמל.
אין אַ ווײַסן וואָלקנרעמל

שווימט די זון, פּונקט ווי דער קאָפּ.
אויבן. שטראַליק. דאָך אַראָפּ! ...

ווילנע, יאַנואַר 1969

## פּאָעמעס פונעם ציקל
## „אַזוי איז געגאַנגען דער מענטש"

### דער טורעם פון בבל

— שלאַנג, וואָס האָסט פאַרפירט די מוטער חוה,
אַרום בוים געוויקלטע חכמה,
זאָג אונדז: איז עס אמת, אַז די טרוימען
זענען דאָס, וואָס מאַכט דעם מענטשן גרויס?

איז עס אמת, — זענען מיר צופרידן,
איז עס ליגן, — וועט עס אונדז ניט בײַטן.
ס׳ווירט און ברויזט אין אונדז אַזאַ־אָ אומרו,
אַז מיר קענען שוין ניט אַנדערש זײַן.

וואָס האָסטו עס מיטן עק געטאָן אַ פּאַכע,
ביטולדיק אַ מאַך געטאָן אויף אונדזער פראַגע?
וואָס זשע העלפט עס, וואָס דו ביסט אַ קלוגע,
אויב דו בײַ דײַן קריכן בלײַבסט?

**1**

— עס איז אונדז אַזוי ליב די ערד,
און ס׳ציט, און ס׳ציט אונדז צו דעם הימל.
זינט מיר גענומען האָבן עפּעס־וואָס פאַרשטיין,

מיר קענען שוין ניט מער,
עס זאָל ניט אַלץ אונדז קלאָר זײַן.
אַנטאַפּן מיר ווילן די לבנה
און צונויפקערן אין קופּקעלעך די שטערן.

— מיר זענען ליים, וואָס האָט דערוואַכט,
און מיטן וואָך זײַן זיך דערפרייט.
דאָך פרייד איז ניט צופרידנקייט;
אַ, סאַרא שטראָף ס'איז אַ פאַרשטאַנד,
וואָס מאַכט פאַרשטיין,
אַז מען פאַרשטייט ניט...

— ס'האָט אַ לייב צו אונדז פאַרבלאָנדזשעט
און דערפילט זיך שוואַך און עלנט,
ווען ער האָט דערזען, ווי ס'ווירבלט
שוואַרצער רויך פון רויטן פלאַם.
האָט ער זיך אַ קער געגעבן
מיט דער גריווע צו דעם מידבר,
זיך צעריטשעט, ווי פאַרווונדיקט,
און אַוועקגעפאַלן טויט...

— לאַנג האָבן מיר ניט פאַרשטאַנען,
האָבן מיר דאַן אַלץ פאַרשטאַנען...
וואָס זשע אָבער טוט מען איצטער,
ווען מיר האָבן שוין פאַרשטאַנד,
און דער הימל בלײַבט אַ פרעמדער,
און די שטערן גלאָצן ווײַטע?

יאָ, אָן ווייטיק איז ניטאָ קיין לעבן,
אָבער מיט אים איז אַוודאי דאָך ניטאָ...

— אַ פלאַטערל האָט צוגעזעצט זיך אויף אַ שטיין.
אָ, זע: מיר זענען, ווי זיי ביידע.
מיר — אי דער אומרו, אי די רו,
מיר זענען פאַרביקע און גרוי,
מיר גליווערן און שוועבן.

— ווי זאָל מען צופרידן זײַן
און זיך פרייען מיט דער שײַן,
האַמערן די וואָר בײַ טאָג,
האָדעווען דעם טרוים בײַ נאַכט,
ווען אַ קינד אַפילו זעט:
די לבנה און די זון
אונדז טאָג־אײַן טאָג־אויס פאַרראַטן?...

— אונדזער צער אָראָפּצושווענקען,
האָבן ווײַן מיר אויסגעפונען.
איז ער אָבער גרײַלעך פליסיק,
און אַנשטאָט דאָס האַרץ צו וואַשן,
שווענקט ער אונטער קאָפּ און פיס.
ווערן תּנועות רויִק לײַכטע,
ווערן גלידער ליימיק שווערע,
לײַב און דער געדאַנק זיך וואַקלען,
און דער צער אין האַרץ זיצט פעסט...

— פלוצעם האָבן מיר באַגריפן:
מיר גאָר לעבן ניט אין הײַזער,
מיר באַהאַלטן זיך אין זיי...
ביטער איז אין מויל דער ביסן,
ווען ס'ווערט קלאָר דער בייזער אמת,
אַז מען שפּיגלט זיך אין טעות,
אַז דעם וועג פֿאַרצוימען סודות...
דאָס פֿאַרהוילענע טוט שרעקן,
מיר דאָך ווילן שרעקלאָז זײַן!

— באַרג־אַראָפּ טרעטן איז גרינג,
באַרג־אַרויף שטײַגן איז שווער.
ס'גייט זיך לײַכט, ווהין אונדז ציט ניט,
ס'גייט זיך שווער, ווהין אונדז ציט.
ניין, מיר קענען ניט פֿאַרבלײַבן
נאָר אַזעלכע, ווי מיר זענען!
בלויע בענקשאַפֿט קוואַלט אין אונדז,
רויטער ווייטיק פליסט דורך אונדז;
אָפּסמאַליען זיך, אָבער אָנרירן די זון!

2

— ציגל, שטיין,
זאַמד און ליים...
מי און מידקייט
אונדז ניט ברעכן,
צו דעם הימל שטײַגן מיר,
אונדזער גרויסקייט זוכן מיר!

וויפל האָבן מיר געפּינצטערט
אויף אָט דער באַזונטער ערד!
שוין גענוג, עס זאָל גענוג זײַן
נאָר אָט דאָס, וואָס איז באַשערט!

מיר באַדאַרפֿן איצטער נעמען
וואָס עס מאָנט אונדזער פֿאַרלאַנג.
פּאַר מלאכים זיך צו שעמען
אונדז דערווידער איז שוין לאַנג.

וואָס איז מלאך? — מענטש מיט פֿליגל;
מענטש, וואָס קען אין הימל זײַן.
וועלן מיר אויף שטיין און ציגל,
ווי אויף פֿליגל, דאָרט אַרײַן...

און נאָך מער, נאָך מער מיר ווילן,
אונדזער האַרץ מער זיך דערוועגט —
מיר מיט גאָט ווילן זיך שפּילן!
אונדז די שטראָף ניט שטענדיק שרעקט...

צו דעם הימל שטײַגן מיר,
אונדזער גרויסקייט זוכן מיר!

נאָך אַ שטיין אַרויפגעוואָליעט.
ניט אַ שטיין — אַ הליבע פֿעלדז.
ווידער איז די וואַנט געוואָרן
העכער אויף אַ גאַנצן מענטש.

מיר אַרײַן זענען אין וואָלקן —
הימל־שאָלעכץ, פֿײַכטע רו.

ווײַס... ווי עמעץ אויסגעמאָלקן
וואָלט אַ וווּנדערלעכע קו...

הייבן מיר די אָרעמס שנעלער
און מיר טראַכטן זיך דערבײַ:
ביזן וואָלקן איז אַלץ קעלער,
איבער אים ערשט — דאָס געבײַ...

צו דעם הימל שטײַגן מיר,
אונדזער גרויסקייט זוכן מיר!

— אין די בלויע הויכע פרעמדן
ווערן שיטערער פאַרדראָסן.
דאָרט, ווו ס׳זעצט זיך ניט קיין שטויב אָפּ,
ווי געשײַערט, בלאַנקט די פרייד.

שטײַגן מיר אַלץ העכער, העכער,
ווערן אונטן היימען קלענער;
קושן מיר זיך מיט די ווינטן
און פאַרגעסן ווײַב און קינד...

מיר אַליין שוין ניט פאַרשטייען,
ווי געקענט האָבן מיר לעבן
צווישן אייזלען און שאַקאַלן,
ליגן צווישן פליי אין זאַמד,

ווען ס׳איז דאָ אַזאַ־אַ הימל —
אַזאַ ליבלעכע לבנה,
אַזוי  פ י ל  פאַרשײַטע שטערן,
אַזאַ ברייטהאַרציקע זון?!

— זעט, אַ גרויער שטיינבאַרג־אָדלער
דורכגעשניטן האָט דעם וואָלקן.
שוין זשע וועלן מיר דערלאָזן,
אַז עס זאָל דעם פויגלס פליגל
אָניאָגן דעם מענטשנס האַנט?
אונדז דעריאָגן טאָר ניט קיינער,
ס׳איז די ציַיט, ווען מיר דעריאָגן,
ווען מיר ריַיסן זיך צום הימל
אויפן אויסטערלישסטן לייטער,
טרעטנדיק אויף זיַינע שטאַפּלען:
שלאַנג, לייב, אָדלער, מלאך, גאָט!

— אָ, דו גרויסע פרייד פון שטיַיגן,
שיכּורסט איַין!
נאָך דעם הימל ניט געפונען
און די היימען שוין פאַרלאָרן,
אָבער ס׳לוינט!
אונדזער האַנט, פאַרגרעבט פון בויען,
איז נאָך פעיִק ליכט צו גלעטן,
אונדזער האַרץ, פאַרקוואַרט פון בענקשאַפט,
קען נאָך זיַין אַ נעסט פאַר גליק.
אין דער ערד אַזוי פאַרליבטע,
זענען מיר פון איר אַנטלאָפן;
אמת, זי איז אונדזער מאַמע,
ס׳קען אָבער אונדז ניט גענוג זיַין
לעבן נאָר אין מאַמעס שויס...

— ניט אומזיסט איז דאָך די קעלניע
אַזוי ענלעך צו אַ פליגל.
אַ דאַנק איר מיר וועלן קומען
דאָרט, ווו אונדז צו זײַן ניט קומט.
ווײַסער מלאך — גאָטס באַדינער,
קוק זיך צו צו אונדזער פליגל:
ער איז אומריינער פון דײַנעם,
ער איז אָבער אונדזער ווערק.
טאָג און נאַכט מיט אים מיר פּאָכען,
ניט אין לופט, אין ליים מיר פּאַטשן,
און פון דעסטוועגן מיר שטײַגן
אין די הייכן, פּונקט ווי דו.

שטיל האָסטו פאַרבײַגעפלאַטערט —
זיך געהיט, עס זאָל דײַן פליגל
אונדזער קעלניע ניט פאַרטשעפּען;
זייער קלוג האָסטו געטאָן.
ווען זיי שטויסן זיך צוזאַמען,
וואָלט דײַן פליגל זיך צעבראָכן,
און מיר ווילן עס ניט, מלאך.
אונדזער קעלניע שעצט דײַן פליגל,
אונדזער אײַזן שוינט דײַן פעדער.
מי אַלץ איינס וועט איבעריאָגן
זאָרגלאָז פלאַטערדיקן שוועב...

— טײַכן פּרת, חדקל, כּבר,
אַכפּערט אונדזער שטאָלצן דור!

מיר זענען די ערשטע,
דערפֿאַר אויך די גרעסטע,
מיר האָבן דערטראַכט זיך
און האָבן געוואַגט.
שטײַגן מיר אַלץ העכער, העכער,
דעקן אָפּ, אַנטבלויזן סודות;
אַלצדינג קענען, אַלצדינג וויסן,
אַלץ אַנטפּלעקן און באַהערשן —
אונדזער מענטשן־תּאווה איז!

— ס׳פֿאַלן הײַנט אַזוי פֿיל שטערן...
קוקן מיר זיך צו צעקלעמטע
און מיר פֿילן: ס׳איז אַ שאָד!
אויף דער ערד געפֿינט מען זיי ניט,
און פֿון הימל זיי פֿאַרשווינדן;
ווּעלן זיי געווים אונדז פֿעלן,
ווען מיר׳ן אין הימל זײַן.
מיר אַהין נאָך ניט געקומען,
ווײַט פֿון שפּיץ נאָך איז דער טורעם,
אָבער שוין די הימל־דאגות
פֿרעסן אונדזער ערדיש האַרץ...

— שווער אַזוי איז הײַנט דאָס בויען.
ס׳איז דער מילדער ווינט פֿון נעכטן
הײַנט אַ שטורעם אויפֿגעשטאַנען.
קיין מאָל האָט נאָך ניט געטראָפֿן,
אין דער הויך זאָל אַזויווירבלען.

אפשר דאַרף עס גאָר באַדײַטן,
אַז אַזאַ, וואָס ניט געזען בלײַבט,
אונדז בכּיוון בויען שטערט?
זאָלן, זאָלן זיי אונדז שטערן,
די פֿאַרריסענע מלאָכים!
קיינער וועט דעם מענטש ניט צוימען,
ווען אין אים זײַן שטרעבונג ברויזט.
מיר געשמיסן האָבן לייבן,
סטאַדעס העלפֿאַנדן געבונדן,
אָנגעכאַפּט די ווילדסטע אָדלערס
פֿאַר די האָקן פֿון די שנאָבלען,
וועלן מיר אויך די מלאָכים
אויסלערנען צו האַלטן שטאַט!

— זאָגט ניט, ס'איז די הייך סכּנה.
שיכּורע פֿאַרגעסן מורא,
ס'טרעטן די לבֿנה־גייער
שרעקלאָז אויפֿן שפּיץ פֿון דאַך.
ווי עס זאָל ניט זײַן געפֿערלעך,
פֿרייט אונדז, וואָס דער קאָפּ אונדז שווינדלט.
די פֿאַרשיכּורטע פֿון זוכן
ווילן גאָר ניט ווערן ניכטער,
כּל־זמן ס'פֿעלט זיי דאָס געפֿינס.
גוט איז אונדז דאָ אויפֿן טורעם:
ווייל איז קענען זון זיך זשמורען,
זים אַזוי איז מיד צו ווערן

פון אומזיסטן ציילן שטערן.
און מיר פיבערן אין חלום,
ווען מיר שלאָפנדיק דערפילן:
אונדז לבנה־מילך פאַרגיסט...

3

— אויף די בערוועגעס אַ שלאַנג ליגט?
ווי איז זי אַהער געקומען?
ווי קען אַזוי הויך פאַרקריכן
די, וואָס פויזעט אויפן בויך?
דאָ, ווו ס'גרייכט שוין ניט קיין שפּאַרבער,
ווו קיין פאַלק קען ניט דערפליִען,
זי — די מלכּה פון די ווערעם —
שלומערט פּונקט ווי אויף דער ערד.
ליגט זי קעגן דער לבנה,
אויסגעשטערנט איז איר רוקן,
ווי אַ שמאָלער פּאַסיק הימל
ליגן וואָלט אויפן געהילץ...
אָ, מען דאַרף זיך גוט באַדאַכטן:
אויב עס קען די שלאַנג דערפויזען
ביז צום סאַמע שוועל פון הימל,
טויג דען אַזאַ הימל אונדז?
איז דען נייטיק אונדז אַ טורעם,
שרצים זאָלן קענען קומען
לייגן אייער אויף דער זון?

— אַלץ מיר ריידן וועגן הימל!
און ווּ איז ער דען דער הימל?
ווי דער טורעם זאָל ניט הויך זייַן,
זענען מיר אַלץ איינס אויף דר׳ערד.
ווען אַ הון אַ מאָל אַ פּלי טוט,
רייַסט זי אויך זיך פון דער ערד אָפּ.
מיר דאָך — העכער פון די וואָלקנס —
בלייַבן צו דער ערד באַהעפט...
אונדזער לעבן איז אַ פּלאָנטער
פון פאַרלוירנקייט און אומרו.
אָפּט אַזוי עס פּייַניקט צווייפל,
בענקשאַפט גריזשעט אונדזער האַרץ.
לאַנג געוועזן מיר זענען נישטיק,
נאָכגיביק אַזוי ווי רינדער,
האָט זיך אונדז פאַרגלוסט זייַן געטער,
האָבן מיר פאַרשפּילט דעם מענטש...

— הרגעט אים, ער איז אַ נביא,
און אַ נביא איז אַן אַכזר
און אַן אויסראָטער פון גליק!
יעדערער, וואָס זאָגט דעם אמת,
צי ער וויל עס, צי ער וויל ניט,
אונדז דעם פאַרגעניגן רויבט!

— אויב אייַך גלוסט זיך פאַרגעניגן,
אויב אייַך קימערט ניט דער אמת,
וואָס זשע קריכט איר צו דער זון?

— ווי! ער איז אַ פֿאַלשער נביא!
יעדער נביא איז אַ פֿאַלשער,
דאָך דער פֿאַלשער צוויי מאָל פֿאַלש איז,
איז ער צוויי מאָל ווערט דעם טויט.
וואַרפֿט אַראָפּ אים און פֿאַרשטיינט אים!
ווען עס לעבט דערביַי אַ נביא,
זעט מען, אַז מיר זענען בלינד...

— טאַדלט! זידלט! שפּיַיט אין פּנים!
איך פֿון לאַנג צו דעם געוווינט בין.
יעדן וואָרזאָגער מען האַסט!

— ניט נאָר וואָרזאָגערס מיר האַסן,
מיר די וואָרהייט גופֿא האַסן,
אויב זי פֿענטעט אונדזער טרוים...
מיר געזוכט האָבן דעם אמת,
און אים, ווי צו אונדז, געפֿונען,
אַז ער ליגט אַרומגענומען
מיטן שקר אויפֿן מאַרק...

— פֿוילן מעג ער, אייַער אמת!
ס׳איז דעם מענטשן קלאָרקייט נייטיק;
און דער אמת תּמיד שאַרף איז,
דאָך ניט שטענדיק איז ער קלאָר.

— אויב ניט קלאָר, איז דאָך נאָך בעסער!
בלאַנקע לויטערקייט אַן נעפּל
איז די אומווירדיקסטע פֿעלשונג.

זאָל שוין בעסער זײַן אַ װאָלקן !
זאָל אַפּילו זײַן אַ כמאָרע !
גליק האָט פּײַנט, ס'זאָל אַלצדינג קלאָר זײַן.
סאַראַ לעבן איז, װען אַלץ איז קלאָר ?

— ברידער־בױערס, שטאָלץ פֿון בבל,
װאָס איז דאָ מיט אונדז געװאָרן ?
שױן דרײַ טעג מען בױט פֿון װערטער
און די ציגל־קופּע ליגט...
גליק איז דאָך די פֿרײד פֿון שטײַגן.
לאָמיר אונדזער גליק ניט שטערן.
לאָמיר קלעטערן, װי פֿריִער,
זיך אַרײַנרײַסן אין הימל,
יאָגן זיך נאָך די מלאכים,
אָניאָגן אַ שרעק אױף גאָט...

— שװײַגט, איר פּרעכע הימל־שענדערס ! —
קנעכט פֿון נידעריקסטער קינאה !
אײַך גאָר אַרן ניט די הײכן,
איר געװען זײַט און פֿאַרבליבן
לעסטערערס און ניט־פֿאַרגינערס !

— שפּרינג אין פּרת, פֿאַרזאָגטער נביא !
ס'קאָכט די גאַל אונדז פֿון דײַן פּרעפּלען.
שײנע װערטער נאָר באַטױבן.
סתּם נביאים זענען שװינדלערס,
ס'איז אַ נביא דער, װאָס בױט !
דאַרפֿן מיר ניט ס'זאָל אַ היצקאָפּ

אויסטראַכטן פֿאַר אונדז אַ מאָרגן.
אויב מיר רײַסן זיך צום הימל,
הייסט עס: אַלצדינג איז אונדז קלאָר...

— קלאָר זײַן קען דאָך אויך אַ טעות!
גרײַז קען גרויס זײַן ביז צום הימל...
אַ, ווער ווייסט, צי ס׳איז דער טורעם
דאָס געבײַ, וואָס נייטיק איז?
צו פֿיל האָבן מיר דערוועגט זיך!
צו הויך זענען מיר געשטיגן!
„הויך״ הייסט: **איבער** אונדזער רו...
אַ פֿאַרשפּילטס איז אונדזער לעבן,
אַ פֿאַרפּירטס פֿון אונדזער שטרעבן.
אַ, מיר בענקען נאָך די פֿייגל,
וואָס שוין **אונטער** אונדז זיי פֿליִען!
אויב ס׳איז נייטיק אונדז דער הימל,
ליגט ער דאָך אויך אין טײַך פּרת...

— וואָס הייסט „נייטיק אונדז דער הימל״?
וואָס קען אונדז דער הימל געבן?
אויך אין אים וועט מען אונדז נאַרן.
ס׳וועט זיך אײַנגעפֿינען איינער,
וואָס דעם מילכוועג וועט פֿאַרצוימען,
אונדז ט׳ער צוּוואַרפֿן איין שטערן,
און אַזאַ נאָך, וואָס מוז פֿאַלן...
און אַז ער די זון וועט רויבן,
וועט ער אונדז שוין גאָרנישט געבן.

אויך אַ האָרן פון לבנה
וועט אים זײַן פּאַר אונדז אַ שאָד...
קיין מאָל ניט אַראָפּגעפאַלן,
זענען מיר אַזוי געפאַלן!
קוועלנדיק פון אונדזער גרויסקייט,
האָבן מיר דערפילט, מיר זענען קליין...
אונדזער לעבן איז אַ חלום,
אונדזער חלום איז אַ ליגן,
אונדזער אמת אויך אָפט לײַגט...

— ווידער אמת... וואָסער אמת?
שוין זשע גלייבט איר אינעם אמת?
מיטן אמת קומט דער ליגן,
ווי מיט שײַן דער שאָטן קומט...
פרייד איז נייטיק, ניט דער אמת!
גליק מיר דאַרפן, ניט דעם אמת!

— אַלע ווילן מיר דאָס זעלבע,
און דאָס לשון איז פאַרשיידן.
ווען אַ יעדנס שפּראַך איז אַנדערש,
פליִען שטיינער, אַנשטאָט ווערטער.
אַז מען קען זיך ניט צוזאַמענריידן,
קען מען דאָך ניט ווערן גרויס!...

— אַזוי הויך אַרויפגעקלעטערט,
זאָל מען איצט — בײַם סאַמע הימל —
לאָזן אײַנפאַלן דעם טורעם?
קריגערײַ צעטרייסלט אים!...

— אויב די שלאַנג קען מיטן קריכן
העכער פונעם אָדלער גרייכן,
איז דער הימל בלויער ליגן!
איז דער טורעם בלויז אַ שפּילכל!
איז דער אמת נאָר די ערד! ...

— ווידער אמת...
וואָס איז אמת?
ווער איז אמת?
וואָר איז אמת?
וואָרט איז אמת?

— ניין!
דער אמת איז אַ שטיין!
פלי זשע הארטער, הארטער אמת,
שפּאַלט דעם חברס הארטן קאָפּ! ...

— — — — — — — — — — — — — — —

אָנגעהויבן וואַרפן שטיינער,
איז ניטאָ שוין מער קיין אַפּהאַלט —

— — — — — — — — — — — — — — —

ווײ, אַלץ וואַקלט זיך!
גוואַ־אַ־אַ־אַ־לד,
ס׳פאַלט! ...

ווילנע, סוף 1964־אָנהייב 1965

# מ ו ל ך

אין צור*) איז נאַכט.
מולך שטייט, זײַן בויך איז פול מיט אַש,
און אויף זײַן אָפּגעקילטן קופּערקאָפּ
עס זיצט אַ סאָווע...

אויסגערונען איז אַ שווערער טאָג.
טאַטעס ליגן אומבאַוועגלעך,
ווי פאַרגליווערט בלוט,
אונטער מאַמעס ברענען די געלעגערס...

אין צור איז נאַכט.
מולך, אַ פאַרלאָזענער,
שטייט אַנגעטאָן אין שוואַרצסטן חושך.
אָפּגערונען איז אַ רויטער טאָג,
כוואַליעס לעשן אָנגעגליטן ברעג,
און דער שווערסטער גרײַז —
דאָס וועלן קויפן רו פאַר בלוט —
צעפרעסט די הערצער...

„העלף אונדז, מולך!
העלף אונדז, מולך,
העלף!

---

*) צור — אַ שטאָט אין פעניקיע.

שטראָפסט אונדז, מולך,
שטראָפסט אונדז, מולך,
שטראָפסט..."

אין צור איז נאַכט.
ס'איז די זון שוין לאַנג אַראָפּ,
די לבנה — ניט אַרויף.
טאַטעס ציטערן אין שלאָף,
מאַמעס שילטן זייער שויס און ברוסט,
קינדער וואַרטן אויפן טויט, ווי זקנים...

„ראַטעווע אונדז, מולך,
מאַטער אונדז ניט, מולך!
האָב רחמנות און דערבאַרעם זיך אויף אונדז!
זײַ אונדז מוחל,
פונקט ווי מיר דיר מוחל זענען..."

אין צור איז נאַכט.
קיינער מיינט ניט, אַז ער טראַכט,
קיינער טראַכט ניט, אַז ער פילט,
יעדער פילט נאָר, אַז ער בענקט...
ס'בענקט אַזוי דאָס האַרץ נאָך לעבן,
און דער אומקום פרעסט עס אויף.

„העלף אונדז, מולך,
העלף, ניט שטראָף אונדז!
שטראָף ניט, מולך,
ווען דו העלפסט אונדז!"

אין צור איז נאַכט.
ציַיט צו שלאָפן מיט די וויַיבער,
דאָך דער ווייטיק ניט דערלאָזט.
פּוסט די וויגן און די הערצער,
קינדערבלוט — אויף זאַמד און גראָז...

„מולך, מולך —
טאַטע מולך!
ס'ווילט זיך,
ס'ווילט זיך האָבן קינדער,
דאָך פאַר זיך, און ניט פאַר דיר..."

אין צור איז נאַכט.
פונעם ים עס בלאָזט אַ ווינטל,
זעצט אָפּ זאַלץ אויף מידע וויִעס.
כוואַליעס וואַרפן זיך אויף פעלדזן,
פעלדזן דריקן אויף די הערצער,
מולך לויערט אין דער פינצטער;
באַלד וועט ווידער ליכטיק ווערן,
ס'קומט אַ נײַער נעכטן אָן...

„מולך, מולך,
האָב רחמנות!
מיר, די קינדלענדיקע קינדער,
וויינען איצט אויף אונדזער פרוכט;
אונדזער פלייש דאָס סאַמע ליבסטע,
אונדזער ליבשאַפט סאַמע טיפסטע,

אונדזער האָפענונג און תאווה —
גרוי־ווײַס אַש בײַ דיר אין בויך...

מולך, מולך,
בייזער מולך!
זײַ ניט ברוגז
אויף אונדז, מולך!
וויפל דאַרפסטו פון אונדז טרערן?
טאַטעס, ווי די מאַמעס וויינען —
ס'קלאָגט אַ קינדערלאָזע צור...

מולך, מולך — האַר און האַסער —
מאַטער ניט דײַנע באַשאַפערס!
אויב געזינדיקט ווען מיר האָבן,
איז עס: **נאָר ניט** קעגן דיר! ...
**דיר** מיר האָבן אָפּגעגעבן
ס'בעסטע, וואָס מען קען פאַרמאָגן:
ס'האַרץ פון האַרץ אַרויסגעריסן,
און געשענקט עס, מולך, דיר...

שלאָגסט אונדז, מולך!
פּלאָגסט אונדז, מולך!
זאָג אָבער פאַר וואָס דו שלאָגסט?"

אין צור איז נאַכט.
ס'וויינט דאָס בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן,
ס'קלאָגט דאָס בלוט, וואָס נאָך אין אָדער.
אויסגעבענקטע נאָך דער שײַן

שרעקן זיך פאַרן באַגינען —
„אין דער העלקייט לעבט אויף מולך...
ראַטעוועט אונדז פונעם טאָג!”
טאַטע-מאַמע קוקן אָן זיך
עלנטע און אָפּגעפרעמדטע.
וואָס הייסט „טאַטע”?
וואָס הייסט „מאַמע”?
טאַטנס לוסט איז מולכס ווילן,
מאַמעס שוים — דעם טאַטנס פעלד.
מענטש באַגערט מיט פרוכט זיך שפּילן,
ער זאָל פּילן זיך צעהעלט...
כאַפּט און פאַרצוקט אַליין דער אַרצענער צאָן.
ווי צו אונדז!
עצהט אונדז
וואָס מען זאָל טאָן?
קופּערנער שאַרבן און אײַזערנער בויך,
בלוט אויף מזבחות און פינצטערער רויך...
אַלעמענס קינדער עס שטייען אין קאָן;
ווי צו אונדז!
עצהט אונדז
וואָס מען זאָל טאָן?...”

אין צור איז נאַכט.
נאַכט, נאָר קיינער קען ניט שלאָפן.
אַלע שטאַרן, ווי די סאָווע,
וואָס זי זיצט אויף מולכס קאָפּ...

איז עס קלוגשאַפט? איז עס גלײַכגילט?
איז עס יִיאוש ערב שטאַרבן?
אַלצדינג איז עס — אַלץ און גאָרנישט.
ווער ס'האָט זיך אַ גאָט באַשאַפן,
האָט געווינענדיק פאַרשפּילט...

„מולך בלינדער, מולך טויבער —
אומפאַרשעמטער קינדער־רויבער!
שרעקלעכסטער פון אַלע פרעסערס,
מיר באַליידיקן דיך אָפן,
זאָלסט אין כּעס ווערן און שטראָפן;
מער ניטאָ קיין קראַפט צו לײַדן —
קינדער אויף דײַן גנאָד צו בײַטן...

מולך, מולך,
רעטער — אַכזר,
פרעס דערוואַקסענע, ווי קינדער!
מיר אין אַלצדינג זענען שולדיק,
מיר האָבן דאָס אַרץ געגראָבן,
מיר האָבן דיך אויסגעגאָסן,
אונדזער זשעדנע זײַן אויף לעבן,
אונדזער שרעק עס אָנצוווערן
האָבן דיך אויף אונדז געבראַכט.
וויי צו די, וועלכע באַשאַפן,
זײַענדיק באַהערשט פון שרעק!"

אין צור איז נאַכט.
עמעץ שפּרינגט אויף פון געלעגער,
לאָזט זיך לויפן אין דער פינצטער
דורך די גאַסן פון דער שטאָט:
„מולך, מולך — בעל־גזלן —
גיב מיר אָפּ צוריק מײַן גליק!
כ׳האָב פאַר דיר ניט מער קיין מורא,
כ׳האָב ניט מער פאַר דיר קיין קינדער,
כ׳קען ניט, כ׳טאָר ניט, כ׳וועל ניט רוען,
אין מײַן שאַרבן ברענט דער מאַרך!
כ׳מוז אים קילן, כ׳מוז אים לעשן,
מיט מײַן פויסט איך מוז צעזעצן
דײַן פאַרהאַסטן אָקסנקאָפּ...״

אין צור איז נאַכט.
איינער האָט ניט אויסגעהאַלטן
און אַוועק איז נאָך זײַן צאָרן.
אויפגעוואַכט האָט די באַצאָלונג,
אויפגעפלאַמט אין יעדן הויז.
פון די טויזנטער געלעגערס,
ווי פון אָנגעשפּאַנטע בויגנס,
שיסט אַרויס אַ מחנה פײַלן —
צורער זין איבער דער שטאָט;
אויגן בליצן וועלפיש ווילדע,
הערצער ברענען, ווי מזבחות,
אין די הענט ציפּרעסן־שטאַמען,
וועסלעס, מאַסטביימער און העק:

„וווּ איז ער, דער אויסוווּרף מולך?
גיט אַהער אים, גיט אַהער אים!
מיר'ן אים אויף בראָך צעקרישלען
אָט דעם מיסגעבורט פון אַרץ...”

אין צור איז נאַכט.
אויף די שטאָק־פינצטערע גאַסן
אַ געלאַף און אַ געשריי:
„זײַ פאַרשאָלטן, גאָט — רוצח!
וויפל? וויפל קען מען לײַדן,
ווייגען צווישן געץ און קינד?
אונדזער בלוט האָסטו געטרונקען,
אונדזער פלייש האָסטו געשלונגען,
ווערן זאָלסטו אײַנגעזונקען,
גאָט, וואָס פירסט זיך, ווי אַ שפּין! ...”

אין צור איז נאַכט.
אַ צעווילדעוועט געזעמל
וואַרפט אַוועק די העק און פלאָקנס.
גרעסער זײַן וועט די הנאה
שלאָגן מיט די הוילע הענט! —
„נאַ דיר! נאַ דיר, געץ און מערדער!
נאַ דיר פאַר דײַנע קרבנות,
נאַ פאַר די, וואָס מען פאַרברענט האָט,
און פאַר די, וואָס זיי נאָך לעבן,
און זיי שלאָגן דיך אַצינד!”

מולך קרעכצעט, מולך ריטשעט,
מולך וואַקלט, פאַלט אַנידער —
אָפּגעפליקט — די גרויסע פליגל,
אויסגעדרייט — די הענט די לאַנגע,
און זײַן שווערע אָקסן־מאָרדע
גליווערט אויף זײַן מענטשנברוסט.

„נאַ, פאַרהאַסטער אומגעהויער!
נאַ דיר נאָך! און נאַ דיר ווידער! ...
מעגן פינגער זיך צעבײַלן
אָן די שפּיצן פון דײַן בראָכוואַרג,
מעגן הענט צעוווּנדיקט ווערן,
מעג פון פויסטן פּלייצן בלוט,
מיר'ן ווײַטער מיט זיי שלאָגן,
ברעכן, קאַטעווען און רײַסן,
און ניט וויסן פון קיין שיעור!

ניין, ניט דיך — דעם גלאָמפּ פון אײַזן,
אונדזער בלינדקייט שלאָגן מיר! ...״

ווילנע, מאַרץ 1962

# אַברהמס קרבן

**1**

שטיי אויף, מײַן זון, עס איז שוין צײַט,
ס׳ליגט אָפּן פאַרן אויג די ווײַט.
אַ גרויסער טאָג איז אָנגעקומען.

איך האָב ביז איצט דיך ניט געוועקט.
דרײַ מאָל מײַן האַנט כ׳האָב אויסגעשטרעקט
און זי צוריק אַוועקגענומען.

נאָר איצט איז, זונעניו, גענוג.
נעם וואַש זיך אײַן, אָט איז דער קרוג.
פאַרגרייט כ׳האָב וואַסער גאַנצע לאָגלען.

עס דאַרף דרײַ לאַנגע שווערע טעג
געדויערן אַהין דער וועג.
ווי גוט געווען וואָלט אייביק וואָגלען ! ...

**2**

אָ, מײַן קינד, ביסט אײַנגעשלאָפן.
ס׳הוידעט זיך דײַן מאָגער גופל
אויפן רוקן פונעם אייזל,
אויף די ליפּעלעך די פרישע
הויערט אָפּגענאַרטע רו...

ווייך און וואָרעם — דײַן געלעגער
פֿון די שוווערע ציגנפֿעלן,
אונטער זיי אָבער דאָך ליגן
גורלדיקע בינטלעך האָלץ...

שלאָפֿסט, מײַן זון, און איך דערבײַ גיי
אויף צוויי פֿיס, וואָס קוים זיך שלעפּן,
כ׳וויש די פֿײַכטע רויטע אויגן,
כ׳שעלט מײַן ליבנדיק פֿאַלש האַרץ...

כ׳האָב דאָס גאַנצע גאַנצע לעבן
זיך געבייזערט אויף די קעמלען,
הלמאַי זיי לאַנגזאַם טרעטן.
הײַנט מיך פּירט מײַן פּוילסטער אייזל,
און עס דאַכט זיך מיר, ער לויפֿט...

— — — — — — — — — — — — — — — —

ס׳יאָגט מיך איצט אַלץ נאָך מײַן קינדהייט,
כ׳זע זיך, קינד מײַנס, אין דײַן עלטער —
אין דעם וווּנדערלעכן פּשדים,
אין דער וואַסער־זאַטער אור.

כ׳זע זיך אין מײַן וועג קיין חרן,
כ׳הער, ווי ס׳רעווען דאַרע קעמלען
און די נאַזלעכער פֿאַררײַסן —
זיי דערשנאַפּט האָבן אַ שטורעם,
קניִען זיי אַראָפּ אין זאַמד.

און באַלד ווירבלט שוין און וויכערט,
ריַיסט און שמיַיסט, פאַרשיט די אויגן —
ערשטע טויטלעכע סכּנה
פאַר מיַין ניט־געפּרוּווטן גוף...

וויַיט איז אור און וויַיט איז חרן,
אוים — די שווערע ממרא׳ר דעמבן.
אַלץ, וואָס ווײנט אין מיַין זכּרון,
אָדער וויַיט איז, אָדער — אוים...

3

איך — דער וואָגלריַיכער עברי,
וואָס פון יענער זיַיט פון טיַיך קום,
האָב דערזען, וואָס קיינער ניט ביז מיר:
אויפגעשיַינט פאַר מיר האָסט, גאָט!
איך — נאָך נחן דער צענטער דור,
איך — דאָס זעמדעלע פון כּשדים,
וואָס איז דורך אַזוי פיל שטורעמס,
זוכה בין: אין ד י ר דער גלויבן
ווערן זאָל מיַין לעבנסלוין.
שטיי איך אויף, דערזע איך דיך,
גיי איך אום, געדענק איך דיך,
שלאָף איך איַין, פאַרגעס איך ז י ך ,
ד י ך אָבער כ׳זע אויך אין חלום.
ס׳האָט מיַין גוטער טאַטע, תּרח,
אָפּגעלעבט אַזוי פיל יאָרן —

צעלטן אָן אַ שיעור צעריסן,
מיט דעם שאָף, די קי, די קעמלען
און די זין די דרײַ געוואָגלט —
רײַך און אָנגעזען און ווערדיק.
אַלץ באַנומען האָט זײַן פּיקחות,
נאָר דעם עיקר ניט באַגריפן —
ניט געוווּסט, אַז ד ו ביסט דאָ...
טאַטע מײַנער! טאַטע תּרח,
איך, דײַן עלטסטער זון, אברהם,
רײַך געמאַכט האָב אונדזער רײַכקייט —
צו די סטאַדעס שאָף און ציגן
האָב איך נאָך אַ גרויסן גאָט!...

4

אָ, גאָט פון אַברהם, פון יצחק און ווײַטער,
ניט צווינג מיך צו שטיין מיט אַ חלף בײַם שײַטער!

פאַרגעס ניט, אַז אויב מײַן בן-יחיד כ׳וועל שעכטן,
וועל איך דאָך זיך ברענגען צו דיר אַ פאַרשוועכטן.

געבאָרן איך האָב אים, מײַן זון, אויף דער עלטער,
ווען ס׳האַרץ איז געמעסיקטער, לויטערער, קעלטער,

ווען ס׳קען שוין דער מענטש זײַנע ליבשאַפטן צוימען,
צו אָנווערן שווערסטע זיך גרינגער געוווינען;

נאָר ווו זאָל איך, גאָט, ווען מײַן בלוט פליסט שוין פוילער,
איצט נעמען דעם כּוח צו זײַן גאָר אַ קוילער?

איך וויים, אַז איך קען עס ניט, כ׳קען עס ניט! ... סײַדן
מײַן לויטערע ליבשאַפט אויף האַס כ׳זאָל פאַרבײַטן...

נאָר בלײַבט דען דער תּכלית, ווען ס׳בײַט זיך די סיבה?
צי דאַרפסטו די ליבע פון דעם, וואָס אַן ליבע?

אָ, גאָט פון אַברהם, פון יצחק און ווײַטער,
וואָס טויג דיר אַ דינער — אַן אייביקער לײַדער? ...

5

האָסט זיך, גאָט, פאַר מיר אַנטפּלעקט.
דוכט זיך, קלעקט?
גלויבן אין מײַן האַרץ דערוועקט.
דוכט זיך, קלעקט?

וואָס זשע פאָדערסטו אַצינד
אויף מײַן קינד?
צו אַ לאָס און צו אַ רינד
גלײַכסט מײַן קינד...

לאָז מיך זײַן איצט אָפּן-גראָד,
גרויסער גאָט:
כאָטש איך בענק נאָך דײַן געבאָט,
גרויסער גאָט,

זאָגן דיר איך זיך דערוועג:
נעם צו די שרעק!
שטאַרקסטער גלויבן מוז אַוועק,
ווען ס׳טאָטשעט שרעק...

6

שטיף ניט, קינד מיינס, שפּיל זיך רויִק!
ווּנדער זיך ניט, וואָס כ׳פאַרבאָט.
היינט עס פּאַסט זיך ניט דאָס שטיפן —
עפּעס גייט מען דאָך צו גאָט...

כ׳בעט דיך, מאַטער ניט דעם יאַשטשער,
בעסער מיט דער בייטש זיך שפּיל.
לאָז אים אָפּ, זאָל ער אַנטלויפן.
איטלעך נפש לעבן וויל...

וואָס באַטייטן מיינע טרערן?
גאָרנישט, יצחקל, — ס׳איז סתם...
אויגן פּרווון עס פאַרלעשן
אין מיין ברוסט דעם שייטערפלאַם.

אָ, מיין קינד, עס טויג ניט, טויג ניט,
ווען אין אויג איז צו פיל שיין!
דיך געבאָרן אויף דער עלטער,
קען איך ניט קיין טאַטע זיין...

קוק ניט, זון, מיט אַזאַ מורא!
כ׳בעט דיך: זיי ניט אַזוי שטיל.
שפּיל זיך, זונעניו, פאַרשפּיל זיך!
ס׳לעבן לעבט אַדאַנק דער שפּיל.

7

פאַרגיב מיר, גאָט, פאַרגיב, פאַרגיב,
וואָס אַזוי בלינד איך האָב דיך ליב!
די ליבשאַפט צו אַ מענטש
קען פירן צו פאַרברעך.
צו דיר די ליבשאַפט
פירט צו בלוט־פאַרגיסונג...
אָ, דו גרויסער שטאַרקער גאָט —
שותּף מײַנער צו דעם מאָרד,
זאָג מיר: וועסט מיך ניט פאַראַכטן,
הלמאַי כ'האָב מוט געהאַט
מײַן געליבטן זון צו שעכטן?
זאָג מיר, גאָט, וועסטו מיך דולדן,
צולאָזן איך זאָל דיר דינען?
וועסט ניט צושטעקן מיר שטענדיק,
אַז אַ פאָטער־קין כ'בין?
זאָג מיר, וועל איך דיך ניט שענדן,
ווען כ'וועל מיט אַ קאַלטן חלף
אומברענגען די פאָטער־ליבשאַפט
און אין היץ פון שײַטערהויפן
אויסנאַרן בײַ דיר גענאָד?...

8

וואָס זשע שרײַסטו אַזוי, אייזל?
דײַן קינד האָט מען אויך געקוילעט?
ווער אָבער האָט עס געטאָן?

יעדע בריאה האָט איר אומגליק.
אויף איר לעבן קריכן צרות,
פּונקט ווי אומפּלייט אויפן לײַב;

אָבער סאַראַ גליק איז, אייזל,
שוואַך צו זײַן קעגן דעם צווינגער,
וויסן, אַז מען האָט געמוזט.

„כ׳בין ניט שולדיק אין מײַן אומגליק!"
איז די טרייסט, וואָס קען פאַרצײַען
טיפסטן גוואַלדרים אינעם האַרץ.

איך וועל, אייזל, ניט געניסן
פון אַזאַ נשמה־היילונג.
מײַן טרייסט איז פון פריִער טויט.

שרײַ ניט, אייזעלע, באַצווינג זיך.
אויב ס׳זאָל יעדער נעמען שרײַען,
ווען עס טוט דאָס האַרץ אים וויי,

אויפשטיין וואָלט אַזאַ גערודער,
אַז עס וואָלט אַ קולות־מבול
מיט אַ פליוך פאַרפלייצט די וועלט...

קוק זיך צו צו מיר, מײַן גוטער,
כ׳טראָג אַ צוויפּאַכיקן ווייטיק —
כ׳טראָג אין זיך אים און איך שווײַג.

כ׳לײַד פון ווייטיק, וואָס מיך עסט שוין,
און איך פּיל באַגלײַך דעם ווייטיק,
וואָס אַליין נאָך אים איך גיי.

שרײַ ניט, אייזעלע, נאַ האָבער!
שטיל דערווײַלע כאָטש דעם מאָגן,
אויב ניט שטילן קענסט דאָס האַרץ.

איך בין אויך, ווי דו, אַ טאַטע.
שווער אַ קינד איז צו פאַרלירן,
שווערער איז נאָך... אייזל, וויאָ!!

## 9

ליב האָב איך דיך, גרויסער גאָט,
און כ׳האָב ליב מײַן איינציק קינד.
איז פאַר וואָס זשע מוז איין ליבשאַפט
זשעדנע אויפפרעסן די צווייטע?

איך געבראַכט האָב דיר קרבנות —
ציגן, לעמער, טורקלטויבן.
האָב איך, נאַר, געמעגט באַנעמען,
אז אָט דער, וואָס איז רק מקריב,

מוז צו אַזאַ טאָג דערגיין,
ווען ער, שעכטנדיק זײַן קרבן,
איז גאָר מקריב זיך אַליין...

ליבשאַפט האָב איך פאַר מײַן זון
און פאַר דיר, גאָט, — שרעק און ליבשאַפט.
וואָס, קומט אויס, וועל איך געווינען?
מערניט ווי אַ ביסל שרעק...

אָבער כ׳מוז, איך מוז שוין שעכטן!
מײַן פאַרגלייבטקייט קען ניט אַנדערש —
ס׳האַלט מיך, ס׳לאָזט ניט אָפּ דער חלף,
כאָטש איך וויים, אַז ס׳איז דער קרבן
נאָר אַ ביסעלע געטרײַשאַפט,
בלוט און רישעות — אָן אַ שיעור...

**10**

פרעג ניט, ווו עס איז דער קרבן.
זײַ ניט נײַגעריק, מײַן זון.

(מען באַדאַרף דעם סוף ניט שלעפּן,
ער קומט שטענדיק צו דער צײַט).

ווען עס וועט די שעה געגענען,
ט׳ער אויפן מזבח זײַן...

פרעג ניט, קינד, ווו איז דער קרבן,
קלער בעסער, ווי שיין ער איז...

זע, ווי העל ס'איז דער פרימאָרגן,
ווי באַזונט עס איז דער וועג.

ס'זעט זיך שוין דאָס לאַנד מוריה,
זײַנע וווּנדערלעכע בערג.

ווידער שוין, מײַן זון, דו דרימלסט —
אָפּגעשטופּט פון זיך די וואָר.

קענטיק, לײַכטער איז צו שלאָפן
אויף די האַרטע שטײַטלעך האָלץ,

איידער האַלטן אָפן אויגן —
קוקן אויפן לעצטן טאָג...

— — — — — — — — — — — — — — —

אָ, דו גרויסער גאָט אין הימל,
קליינלעך ביסטו אויף דער ערד.

שענקסט די שווערע פרייד פון גלויבן,
און דו מאָנסט אַזאַ־אָ שכר!

אמת טאַקע, דיר צו דינען
איז דאָס שענסטע, וואָס קען זײַן.

אָבער, גאָטעניו, וואָס העלפט עס,
וואָס דײַן נאָענטקייט דערהייבט,

אויב מיט גרעסטן גליק אין האַרצן
כ'וועל אַן אומגליקלעכער זײַן? ...

— — — — — — — — — — — — — — —

אַטעמסט, קינד מײַנס, טיף און זאָרגלאָז
אין דײַן צוטרוילעכן שלאָף,

און דײַן טאַטע פירט דיך שעכטן,
ער זײַן גאָט ליבט מער ווי דיך.

וואָס זײַן גאָט? ער ז י ך א ל י י ן ליבט,
שפּאַרט ער אָן זיך אין אַ גאָט...

יאָ, מײַן קינד, כ׳גיי אויס פון בענקשאַפט
איצט שוין, ווען ביסט נאָך בײַ מיר.

וואָס זשע וועט מיט מיר זײַן שפּעטער,
ווען כ׳וועל אויף אַ גרויען פעלדז

שטיין און גאַפן אויפן רויכזײַל,
אויף דער הייסער ריטשקע בלוט?

אָבער, זון, ס׳איז דאָ אַ ווייטיק,
וואָס איז זיסער פון גענוס!

אויסשטיין כ׳מוז די גרעסטע פּײַנען —
כ׳האָב פאַרבונדן זיך מיט גאָט...

ווײַל איך וויל שוין מער ניט לעבן,
ווי אַ באָק, אָדער אַן אָקס,

מוז איך דיך אַ קרבן ברענגען,
ווי אַ לאַם, אָדער אַ קאַלב.

## 11

גאָט, איך וויים, דו ביסט אַ שטראָפער,
דו פאַרלײַדסט ניט דעם, וואָס פאָלגט ניט.
ס׳האָט דער אמת ליב צו הערשן,
ער פאַרטראָגט ניט זײַן געענגט.
נעם איך עס אויף זיך מיט ליבשאַפט,
טו איך אַלצדינג, וואָס דו פאָדערסט.
קיין שום פּײַן קען מיך ניט צווינגען
ווידערשפּעניקן אין דיר.
אָבער, גאָט, ניט נייט מיך לײַדן
מער ווי ס׳דאַרף עס די געטרײַשאַפט.
טראַכטונגען, ווי בייזע ווערעם,
קריכן דורך מײַן גרויען קאָפּ ;
און ווי זאָל איך, גאָט, זיך פירן ?
און וואָס זאָל איך מיט זיך מאַכן,
ס׳זאָל די שווערקייט פון געדאַנקען
ניט באַשעדיקן מײַן מוט ?
העלף מיר, גאָט, מײַן קאָפּ באַהערשן,
העלף מיר צוימען די רעיונות,
וואָס זיי פּרוּוון פונעם מוח
זיך אַרײַנכאַפּן אין הארץ...
ווי נאָר, גאָט, כ׳האָב ד י ך באַנומען,
האָב איך גלײַך אויך ז י ך געפונען.
כ׳האָב דערפילט אין זיך אַן ענגשאַפט,
וואָס מאַכט די נשמה ברייט.
כ׳האָב דערשפּירט אין זיך אַ בענקשאַפט,

וואָס קומט אויף נאָך אַ דערגרייכונג.
איז מײַן הארץ נאָך דער דערפילונג
ש ט ע נ ד י ק פול, ק י י ן מ אָ ל ניט פול...

**12**

עס וועט פלאַקערן דאָס האָלץ
און ס׳וועט בלוטיקן זײַן האַלדז.
האָרכן גאָט האָב איך געוואָלט,
און איך טו עס איבער גוואַלד...

ס׳איז מײַן שטילע שרה אַלט,
אירע אויגן — האַלב שוין בלינד.
כ׳הער, זי וויינט און מאַכט אַ גוואַלד:
„גזלן, ווּ איז אונדזער קינד?!"

וואָס איר ענטפערן אויף דעם?
ס׳האָט אַ לעמפערט אים פאַרצוקט?
און אַוווּ בין איך געווען?
ווי אַזוי האָב איך פאַרקוקט?

אַ, אַברהם, זון פון תּרח —
בידנער קנעכט פון גרויסן גאָט,
איז עס דען פאַר דיר אַ דרך:
לייקענען דײַן שענסטן טראָט?

מיטן חלף זיך צעפאָכעט,
גייסט פאַרגיסן ס׳ליבסטע בלוט;
מקריב זײַן גייסט אַ בן־יחיד,
און דיר פעלט דאָס ביסל מוט

אָפּן עס דעם ווײַב צו זאָגן,
פון איר בליק דו לויפסט אַוועק.
פריִער — זיך פאַר גאָט געשראָקן,
איצטער — פאַרן ווײַב אַ שרעק...

גייסט באַווײַזן, וואָס נאָך קיינער
ביז דיר ניט באַוויזן האָט —
אויף מוריהס קאַלטע שטיינער
ס׳קינד פאַרשנײַדן פאַר דײַן גאָט.

סאַראַ ווערט האָבן דאַן טרערן,
מעג עס זײַן אויף שׂרהס אויג?
טרערן קענען בלויז נאָר שטערן.
ניין, פאַר גאָט די טרער ניט טויג.

גאָט האָט ליב דעם שטאַרקן ווילן —
ברעכן זאָלסט זיך מיט אַ קנאַק!
פײַנט האָט ער דעם קנעכט דעם שטילן
מיט דער טרער אויף בלייכער באַק...

### 13

גאָט אין הימל — גרויסער גאָט,
האַר מײַנער אויף אַלע צײַטן,
דיר געהערט מײַן יעדער טראָט,
דיר — מײַן פרייד, און אויך — מײַן לײַדן.

ביסט מײַן היילונג און מײַן וווּנד,
מאַטערסט מיך און מאַכסט געניסן.

ס'צווייטע מאָל אין פּליוש אַ בונד
גיי מיט דיר, מיַין גאָט, איך שליסן.

פאָלגן דיר איז זייער זים —
מען דערשפּירט זיך, מען ווערט גרעסער.
ס'צווייטע מאָל אין פּליוש אַ ברית
גיי איך שניַידן מיט אַ מעסער.

דעמאָלט כ'האָב געשניטן זיך,
איצטער כ'גיי מיַין זון פאַרשניַידן.
פריִער: נאָר אַ טיילכל איך,
איצט: מיַין איך פאַר אַלע ציַיטן...

דאָך, ווי פריִער, דיַינער כ'בליַיב,
מיַין באַגליקער און באַשיַינער!
אויך אָן המשך פון מיַין ליַיב
בליַיב איך דיַינער, בליַיב איך דיַינער!

## 14

ס'גייט אויף די זון.
ס'גייט אויף מיַין מוט,
פונקט ווי דער הימל אויסגעליַיטערט.
כ'שטיי פאַרן גרויסן באַרג־אַרויף
פון לעצטן איבערקלער דערוויַיטערט.
געקומען אַ באַניַיטער כ'בין אַהער,
וווּ קליינמוטיקייט גילט ניט מערער,
וווּ ס'איז פאַראַכט די קווענקלטרער
און ספק איז אַ ספקדיקער לערער.

געהאַט אַ סיכסוך כ׳האָב מיט גאָט?
ניין, כ׳האָב געהאַט אַ סיכסוך מיט מײַן שוואַכקייט!
איין גרויזאַמער און גרויסמוטיקער טראָט —
און ליבשאַפט שעכטן וועט, ווי שינאה און פאַראַכטונג...

ס׳גייט אויף די זון.
ס׳גייט אויף מײַן מוט.
מײַן האַרץ דער ווייטיק האָט געפעסטיקט.
דער ליכטיקער אומענדלעכער אַרום
אין מיר איצט, ווי איין פינטל, נעסטיקט.
איך פיל זיך גרויס — אָן ברעג און ענד,
מיר ענג איז דאָס געררוימע רחבות.
איך גלי און פלאַקער, לויכט און בלענד
זינט איך צו גאָט, מײַן האַר, דעם שליאַך ווייס.

ס׳גייט אויף די זון.
ס׳גייט אויף מײַן מוט —
דאָס האָבן כּוח ז י ך אפילו צו באַרויבן.
איך גיב אַוועק דאָס רויטסטע בלוט
פאַר בלוילעכער פאַרנעפּלטקייט פון גלויבן,
פאַר אײַנגעשפּאַרטער ליבשאַפט צו דעם קוואַל
פון אַלץ, וואָס ריין איז, הערלעך און דערהויבן.
איך ווייס, אַז ס׳איז פאַראורטיילונג ניט חל
אויף מאָרד, וואָס ווערט באַגאַנגען צוליב גלויבן.

ס׳גייט אויף די זון.
ס׳גייט אויף מײַן מוט.
ס׳גייט אויף אַ טאָג —

דער תּמצית פֿון מײַן לעבן.
אָן ליגן באַרגציִגן, אָן שטייט אַ פֿעלדזנבאָק.
געמעגט כ׳האָב זיי, אַנשטאָט מײַן זון,
דעם שײַטער אַ מתּנה געבן.
נאָר כ׳וויל ניט און איך קען ניט נאַרן גאָט!
אין דער געטרײַשאַפֿט איז ניט שײַך אַן  אַ נ ש ט אָ ט...
באַצאָלן מוז מען דאָ מיט זיך,
אַלץ איינס איז וויפֿל צוליב דעם מען קלעמט זיך.
ס׳האָט גאָט פֿאַרלאַנגט מײַן נאָכמירדיקן איך,
מוז איך אים אָפּגעבן מײַן ליבן המשך.
מײַן זוכנדיקן טראָט עס האָט דער ברייטער וועג פֿאַרכאַפּט,
האָב איך דערזען, ווי שמאָל עס איז  צ ו  ז י ך  דאָס שטעגל.
איך האָב זיך אָן דער ענגשאַפֿט אָפּגעקלאַפּט,
האָב איך געמוזט דעם אומענד זוכן זיך דערוועגן.
אַנטפּלעקט האָב איך די גרויסקייט, וואָס הייסט גאָט,
דעם ווונדער, וואָס געטרײַשאַפֿט הייסט, איך האָב געפֿונען;
איז איצט פֿאַר מיר דאָס געטלעכע געבאָט,
אָט דאָס, וואָס פֿאַרן גייער דאָרשטיקן אַ ברונעם.
כ׳האָב זיך פֿאַרקנעכט צום שפּרודלדיקן  אַ ל ץ,
פֿון וועלכן אַלע אָנהייבן און ענדן קומען.
זיך אָנגעשלונגען מיטן טרערנזאַלץ,
איך האָב די גרויסקייט פֿונעם מקריב זײַן באַנומען —
די הערלעכקייט פֿון קענען אָפּשעכטן אַ זון
פֿאַר דעם, וואָס איז פֿון אַלעמען און אַלצדינג גרעסער,
די שטאַרקייט פֿון ניט טראַכטן, אַז ס׳איז קרום,
און צוקוקן זיך טעמפּ צום שאַרף פֿון מעסער...

ס׳גייט אויף די זון.
ס׳גייט אויף מיַין מוט.
אַ האַרטער און צופרידענער צום שעכטאָרט כ׳קלעטער.
עס איז מיר פּלוצעם אַזוי אויפטרייסלענדיק גוט —
כאָטש איך פאַרראַטן גיי, איך ווער אַ רעטער...
ווי שאָלעכיץ ברודיקע עס טיילט פון מיר זיך אָפּ
מיַין נישטיקער, מיַין אויסגעהוילטער נעכטן,
אַ גרויזאַמער פאַרשנײַדנדיקער טאָג
קומט מיט דער גרויסקייט מיך צוזאַמענפלעכטן.

ס׳גייט אויף די זון.
ס׳גייט אויף מיַין מוט.
ס׳גייט אויף די זון אויף צו פאַרגיין,
מיַין מוט גייט אויף צו שיַינען אייביק...

ווילנע, אָקטאָבער־נאָוועמבער 1965

# נאָך דער עקדה

אַברהם: שוין לאַנג אַזוי צוריק אַהיים מיר רײַטן.
דעם קרבנס רויך איז שוין אַוודאי אינעם הימל.
ס'באַגלייט אונדז לאַרכגעזאַנג, אַ ווינטל צערטלט,
עס לויפן יעדע ווײַלע פיקסלעך אונדז פאַרבײַ...
ס'איז אַלץ אונדז, יצחקל, אַזוי, דוכט זיך, געראָטן —
די בראַנדגאָב אונדזערע האָט גאָט באַוויליקט,
און מיר, געלײַטערטע, איצט קערן זיך צוריק אַהיים.
טאָ וואָס זשע ביסטו, זון מײַנער, אַזאַ פאַרטראַכטער?
וואָס ביסטו דווקא הײַנט אַזוי פאַרשוויגן?
ניט שפּילסט זיך, ניט דו רעדסט, ניט שטעלסט
מיר פראַגעס.
דו האָסט דאָך, זונעלע, עס שטענדיק אַזוי ליב.

יצחק: כ'ווייס ניט, פאָטער. כ'ווייס אַליין ניט!
כ'קען ניט ריידן, כ'קען ניט לאַכן.
ס'פאַלט ניט אײַן מיר זיך צו שפּילן.
איך האָב מורא פאַר דײַן בליק!

אַברהם: זון, וואָס הער איך עס? וואָס רעדסטו?
ווי קענסטו אַזעלכעס זאָגן?
האָט דען ווער נאָך אַזוי ליב דיך,
ווי דײַן אַלטער גרויער טאַטע?

איז פאַראַנען דען נאָך עפּעס,
וואָס זאָל זײַן מיר אַזוי טײַער,
ווי דײַן שטיפערישׁ ניט-פאָלגן?
וואָלט איך דען ניט מײַן פאַרמעגן —
אַלע שקלאַפן, קי און קעמלען
אָפּגעבן פאַר בלויז איין שמייכל,
וואָס דײַן פּנימל באַשײַנט?

יצחק: פאָטער, וואָס איז דאָרט געשען?

אַברהם: וווּ? וואָס מיינסטו, זונעניו?

יצחק: אויף די פעלדזן פון מוריה.
גיב מיר, פאָטער, צו פאַרשטיין עס.
כ׳קען ניט בײַקומען מײַן פּחד —
איך האָב מורא פאַר דײַן בליק!

אַברהם: יצחקל, ביסט דאָך אַ קלוגער.
פּאַסן דיר אַזעלכע ווערטער?
און נאָך ווען? אין טאָג דעם גרויסן,
ווען ס׳האָט גאָט מיט גנאָד באַוויליקט
אָנצונעמען אונדזער בלוטגאָב?
דו געדענקסט, ווי העל געפלאַקערט
ס׳האָט דער שײַטער מיטן שאָפּבאָק,
ווי דאָס שמאַלץ האָט זיך געבלעזלט,
און ווי גראָד עס איז געשטיגן

דער געדיכטער רויך צום הימל ?
האָסט באַמערקט, ווי אויפן חלף
האָט דאָס בלוט זיך ניט פאַרהאַלטן,
און ער איז פאַרבליבן בליציק,
ווי ער וואָלט גאָר ניט געשעכט ?
עפּעס איז דאָך ווערט אַזעלכעס !
אַלע גינציקע סימנים
קענען דאָך ניט זײַן אַ צופאַל.
גאָט באַוויליקט אונדזער גאָב ! ...

— — — — — — — — — — — — —

ווילסט אפשר, מײַן זון, וואָס עסן ?
נעם אָט דאָס־אָ ציגנקעזל.
ס׳איז פון סאַמע זיסטער מילך...

יצחק : פאָטער, כ׳קען גאָר איצט ניט בײַסן.
ס׳פאָלגן מיר ניט מײַנע ציינער...

אַברהם : וויקל אײַן זיך אין די פעלן,
וועט גלײַך וואַרעמער דיר ווערן.
ס׳איז אַ קאַלטער דער פרימאָרגן,
שווידערט דיך און ס׳קלאַפּן ציין...

יצחק : כ׳דאַרף ניט, טאַטעלע, די פעלן.
ס׳איז ניט קאַלט מיר. ס׳איז מיר שרעקלעך,
איך האָב מורא פאַר דײַן בליק.

אַברהם: זון, לאָז אָפּ די שטותערײַען!
פֿאַר דײַן פֿאָטער האָסטו מורא?
ווי קענסטו אַזוינס גאָר זאָגן?!

יצחק: בייזער זיך ניט. שרײַ אויף מיר ניט.
כ'וויל דיך, פֿאָטער, זען אַ ליבן,
ווי איך בין געוווינט צו זען דיך.
אָבער קוק! דו זעסט דעם שאָטן,
וואָס גייט נאָך הינטערן אייזל?
פּונקט אַזוי גייט נאָך מיר איצטער
דײַן פֿאַרגלייזטער פֿרעמדער בליק...

אַברהם: זון! גענוג! ביסט קראַנק. דיך טרייסלט.
דעק זיך אײַן, וועט גרינגער ווערן.
וואַרעמקייט פֿאַריאָגט די בילדער,
וועלכע ס'מאָלט דער פֿיבער אויס.
אָט אַזוי!.. איאָ, ס'איז בעסער?
בייג נאָך מער די פֿעלן אונטער.
מער נאָך... מערער... ווײַטער... טיפֿער...
צי אַרויף אַ ביסל העכער —
ביזן קין עס זאָל דערגרייכן.
איצט איז גוט. ליגסט, ווי פֿאַרוויקלט.
שלאָף! שלאָף אײַן, מײַן טײַער קינד!

יצחק: טאַטעלע, זאָג מיר צו וואָס
האָסטו אָט די שפּיל באַדאַרפֿט?

אַברהם: שלאָף, מײַן זון, פֿאַרגעס אין אַלעם.
שפּילן דאַרף מען ניט געדענקען.
שפּילן זענען, ווי דער רויך.

יצחק: ווי דער רויך?... דער רויך געקומען
איז ערשט שפּעטער — נאָך דעם, נאָך דעם...
כ׳פֿרעג וועגן דײַן שפּיל מיט מיר.

אַברהם: נאַ דיר, זונעניו, אַ מילגרוים.
זאָל זײַן זויערקייט דערקוויקן
דײַנע שמאַכטנדיקע ליפּן.
וועט דיך מער ניט רונצלען פֿיבער,
וועלן דיך ניט קוועלן בילדער,
אַנגעיאָגטע פֿון דײַן היץ...

יצחק: פּאַטערל, זע, ווי ס׳איז מאָדנע:
דוכט, די שײַטלעך האָלץ — די זעלבע.
טאַ פֿאַר וואָס אויפֿן מזבח
זענען זיי געווען פֿיל האַרטער,
ווי אַפֿריִער, ווען געלעגן
זענען זיי נאָך אויפֿן אייזל?

אַברהם: נעם, זייג אויס דעם זאַפֿט פֿון מילגרוים,
וועט אַרײַנפֿליסן דערפֿרישונג
אין די אויסגעדאַרשטע גלידער,
אין געמיט און אין געדאַנק.

דעמאָלט וועט אפשר אַ דרימל
דײַנע מידע ווּעם צוטאָן.
וועט דער שלאָף דײַן שלאָפקייט היילן,
און וועסט אויפכאַפּן זיך שפּעטער
פון דײַן שווערקייט שוין באַפרײַט.
וועסט אַ פריילעכער געניסן
פונעם רײַטן אויפן אייזל,
פון די ווּונדערלעכע בלומען,
וואָס זיי פינקלען אויף די לאָנקעס,
פון די בינען, פון די לאַרכן,
פון די בערג, וואָס בײַטן פאַרבן,
פון דער שפּעדיקער שיינקייט,
וואָס מען טרעפט זי גאָר אין וועג...

**יצחק:** אָבער, פאָטער... אָבער, פאָטער... —
האָסט נאָך אַלץ מיר ניט געענטפערט
וועגן יענער מאָדנער שפּיל...

**אברהם:** שפּיל פאַרגעסט מען. שפּיל איז שאָלעכץ,
שפּיל איז שוים, איז רויך, איז חלום —
זי גאָר קומט, מען זאָל פאַרגעסן,
אַז זי איז אַ מאָל געווען.

**יצחק:** ניין! ניט אַלע, אַלע שפּילן
קען מען אַזוי גרינג פאַרגעסן.
ס׳איז געווען אַ שפּיל אַ ווילדע,

ס׳איז געווען אַ שפּיל אַ בייזע,
איַינגעהילט אין בלוט און פיַיער,
און פאַרקרעמפּעוועט מיט שטריק...

אַברהם: שוין גענוג דיר, קינד מיַינס, טראַכטן
וועגן בלוט און וועגן פיַיער.
הער בעסער: איך וועל דערציילן
דיר אַ מעשהלע אַ הערלעכס,
וואָס געהערט כ׳האָב פון מיַין מאַמען
דאָרט נאָך, אין מיַין היים — אין כּשׂדים,
ווען געווען כ׳בין נאָך אַ פּיצל
און, ווי דו, אַ ליבלינגקינד.
ס׳איז אַ מעשהלע — אַ וווּנדער.
הערסט עס, הערסט עס, ווערסט אַנטשלאָפן,
און אין שלאָף דו הערסט עס וויַיטער,
פּונקט ווי וואָלסט גאָר וואָך געווען.
הער מיט קאָפּ און מי זיך דרימלען,
וויַיל דאָס מעשהלע אין חלום
האָט נאָך דריַיצן מאָל מער חן...
ס׳האָט געלעבט אַ מאַן אין שינער
ניט קיין יונגער, ניט קיין אַלטער,
מיט אַ באָרד — נאָך שוואַרץ, שוין גרוי.
האָט געהאַט ער זיבן וויַיבער,
ניַין און פערציק זין און טעכטער
און געווען איז ער אַ ריַיכער —
אויסגעמאַכט האָט זיַין עשירות:

טשערעדעס פון פעטסטע רינדער,
סטאַדעס קעמלען, הורטעס ציגן,
סטײַעס גענדז און טשאַטעס פּאַוועס,
שעפּסן — שפּע׳ס פליש און װאָל.
נאָר דאָס טײַערסטע פון אַלצדינג —
גרעסטער שטאָלץ פון זײַן פאַרמעגן
איז געווען, מײַן קינד, דו הערסט מיך ?
הערסט ? אַ מוילאייזל, וואָס רעדט !...
דוכט, אַ פּשוטע בהמה —
ברייטע ביינער, פוילע גלידער,
אויגן, מידע פון הכנעה,
נאָר אַ צונג — אַ, סאַראַ צונג !...
קודם האָט מען ניט געגלייבט גאָר,
אומבאַהאָלפן צוגעשמייכלט,
אָבער ווען עס האָט גאַנץ שינער
יעדן טאָג געהערט אים ריידן,
האָט באַוווּנדערונג צעפלאַקערט
זיך פון אור ביז צו דמשק,
קרית־ארבע האָט געפיבערט
מיטן מוילאייזל, וואָס רעדט...
האָט דער רײַכער מאַן געגרייסט זיך
מיט זײַן אומגעהערטן אויסנאַם,
אים גענומען טײַער האַלטן :
טאָג און נאַכט ביי אים געשטאַנען,
נאַכט און טאָג אויף אים געקוקט נאָר,
אים געפיטערט, אים געפּויעט,

אים געגלעט די פעל די בלאַנקע.
אַלע טשערעדעס און טשאַטעס
אויף די פּאַסטעכער געלאָזן,
און אַליין — געטאָגט, גענעכטיקט
ביי זיין ליבן מוילאייזל.
און אַז קומען פּלעגט די רגע
און ס׳פלעגט נעמען מענטשן-לשון
פליסן פון די שוואַרצע לעפצן
אין אַ ווייסן סלינעשטראָם,
פּלעגט דער רייכער מאַן געזעצטער
אָנווערן זיין לעצטן שכל —
ווי אַ קינד זיך נעמען קוליען
אויף דער ערד פון גרויס התפעלות...
און דערנאָך (ווען אויסגעלאָדן
ס׳איז די ערשטע ווילדע שימחה)
פלעגט ער בלייבן זיצן רויק —
אַזאַ נחתדיק צעהעלטער,
קוועלן, קוועלן, אונטערווינקען:
„נו, וואָס זאָגט איר?... איר שוין הערט?״
דאָך די זון איז ניט געשטאַנען.
זי איז דורך צוויי גאַנצע קרייזן
זינט דער רייכער ווירט פון סטאַדעס
זיין פאַרמעגן האָט פאַרלאָזן
אויף די פּאַסטעכישע הענט.
איז געשען, געשען דאָס אומגליק:
תחילת איין ציג האָט געעקט זיך

(אַנדערע האָבן געמעקעט,
ווי נאָך קיין מאָל ניט ביז דאַן!)
באַלד אָבער גענומען פאַלן
האָבן איינע נאָך דער צווייטער.
אַ מעת-לעת איז קוים פאַרלאָפן,
ווי עס האָבן גאַנצע סטאַדעס
אויסגעצויגן שטאַרע פיס...
פון די ציגן איז אַריבער
צו די לעמער, צו די אייזלען,
צו די רינדער, צו די קעמלען,
צו די פאַסטעכהינט די בייזע —
אומגעוואַלגערט אָן רחמנות
און דעם אָטעם צוגערויבט...
האָט דער מאַן (דער שוין ניט רײַכער)
איצט דערזען ווּהין פאַרפירט ס'האָט
אים דער מוילאייזלשער ווּנדער,
האָט ער זיך די האָר געריסן,
אַלע נעגל זיך צעביסן,
אָנגעצונדן זײַנע בלוטן
האָט אַ מערדערישער צאָרן
אויפן מוילאייזל, וואָס שולדיק
איז אין אַלע זײַנע פּלאָגן.
איז ער צו צו אים פאַרגזלנט,
זיך אַ שטעל געטאָן אַ שטײַפער
און אַ בליק געטאָן אויף אים, אַז — —

יצחק: פאַטער, כ'ווייס דעם בליק, איך ווייס אים!
כ'זע אים נאָך פאַר מײַנע אויגן.
אַזאַ פרעמדער, קאַלטער, שאַרפער,
אַז עס דוכט זיך, ס'איז דער חלף
קעגן אים אַ טעמפער גאָר!
כ'ווייס דעם בליק, איך ווייס אים, כ'ווייס אים.
גערן וואָלט איך אים פאַרגעסן.
אָבער זינט האָסט אים געשיקט מיר,
לויפט ער נאָך מיר, שטייט ניט אָפּ...

— — — — — — — — — — — — —

פאַטער, ניט דערציייל מיר ווײַטער!
כ'קען עס, פאַטער, מער ניט הערן.
עפּעס דרייט זיך, עפּעס שווינדלט,
עפּעס אַרט מיך, וואָס דײַן שאָטן
אַזוי ענלעך איז צו דיר...

אברהם: אָ, מײַן נאַריש לעמעלע!

יצחק: לעמעלע? ... יאָ, ווי אַ לעמל
האָסטו מיך געהאַט געבונדן.
פאַטער, זאָג מיר, זאָג כאָטש איצטער
צוליב וואָס געווען איז נייטיק
דיר אַ יענע מאָדנע שפּיל?

אַברהם: סתם אַזוי — כּדי אַ שפּאַס טאָן.
כ'האָב געוואָלט דיר פרייד פאַרשאַפן.
כ'האָב געמיינט, ס'וועט דיר געפעלן
פאַרשטעלן זיך, ביסט אַ קרבן
און דו ליגסט אויפן מזבח,
גרייט עס זאָל דער רויטער שײַטער
אויף אַ לאַנגער האַנט אַ שוואַרצער
דיך אַרויפהייבן צו גאָט.
כ'האָב געטראַכט, עס וועט דיך פרייען
אַזאַ אומדערוואַרטע שפּיל.

יצחק: פרייען? פאָטערל, פונקט דאָרטן
האָב איך דאָך די פרייד פאַרלאָרן,
און איר אָרט אין מיר פאַרנומען
האָט אַ קרעלנדיקער אומרו...
כ'ווייס ניט, וואָס מיט מיר געשעט איצט:
שרעק האַקט איבער מיר דעם אָטעם,
היץ און קעלט מיט מיר זיך רייצן,
שווער באַוועגן זיך די ליפּן,
דאָך די שמאַרצנדיקע ווערטער
קײַקלען זיך פון זיי אַרונטער,
פונקט ווי לינדזן גלאַט און רונד...

אָט־אָ זענען זיי די ווערטער:
פאָטער, וועמען רופט מען מערדער?
כ'טראַכט און איך דערטראַכט זיך ענדלעך,

אַז עס בלײַבט מיר ניט פֿאַרשטענדלעך,
צי דער באַק, פֿאַר גאָט באַשערטער,
דאַרף דיך האַלטן פֿאַר אַ מערדער? ...

— — — — — — — — — — — — — — — —

פֿאָטער, מאָטער מיך ניט מער,
ערלעך אַלצדינג מיר דערקלער!
אויב שוין שפּאַסן, אויב זיך שפּילן,
אויב די שטיפֿבאַגערן שטילן,
וואָס זשע האָסטו נאָך באַדאַרפֿט
כאַפּן זיך צום מעסערשאַרף?
כ׳האָב אויף אייביק פֿאַרגעדענקט,
ווי געקנאַקט ס׳האָט דאָס געלענק,
ווען דו האָסט מײַן האַנט געבייגן,
איך זאָל אויפֿן האַלץ זיך לייגן,
און מיך אַזוי שטײַף געבונדן,
אַז צעעפֿנט האָט עס ווונדן...

אַברהם: זון מײַנער, ביסט זייער קראַנק.
דיך פֿאַרפֿירט אַ היצגעדאַנק.
זעסט איצט אַלץ, וואָס האָסט געזען,
אַנדערש, ווי עס איז געווען.

יצחק: ניין. ניט אַנדערש! איך וואָלט וועלן,
זײַן ס׳זאָל אַנדערש, און ניט קוועלן
זאָל מיך מער דײַן יענער בליק!

אַברהם: זון, ס'האָט אַלץ זיך וויל באַקומען.
אונדזער גאָב איז אָנגענומען.
פריי זיך מיט דער גרויסער שעה,
וואָס ס'איז גאָט דערנעבן דאָ.

יצחק: כ'פריי זיך, וואָס ס'איז גאָט דערנעבן.
אָבער אָ ווי שווער ס'איז לעבן,
ווען ס'גייט נאָך אַ קוילערבליק,
שײַטלעך האָלץ און פענטעשטריק!

אַברהם: כ'שווער בײַ מײַנע גרויע האָר,
אַז דו זעסט געפעלשטע וואָר!

יצחק: אָבער, פּאָטערל, איך וויל
פּאָרט באַנעמען יענע שפּיל.
האָסט פאַרדעכטיק זיך געאײַלט,
יעדע ווײַל דײַן פויסט געבײַלט,
און דעם חלף האָסט געהאַלטן,
ווי וואָלסט אים פון מיר באַהאַלטן.

אַברהם: גאָט האָט מיר אַזוי געהייסן!
מענטשן נאָך ניט אַלצדינג ווייסן.

יצחק: שרעק איך דאַן זיך אויך פאַר גאָט.

אַברהם: שרעק פאַר גאָט איז גאָטס אַ גנאָד!

יצחק: אָבער יעדע שרעק טוט וויי,
און דו גיסט מיר איצט גאָר צוויי!

אַברהם: שרעקסט זיך, זונעלע, אומזיסט.
גאָט פון קרבן פרייד געניסט.
ער האָט ליב, ווען מען אים דינט
און דעם וועג צו אים געפינט.
שרעקסט זיך, זונעלע, אומזיסט!

יצחק: ווי זשע זאָל איך זיך ניט שרעקן,
ווען כ׳דערמאָן, כ׳דערמאָן זיך אַלץ,
ווי געבונדן כ׳בין געלעגן
פון די קנעכלעך ביז צום האַלדז;
און צערודערט, און צעטראָגן
האָסט צעשויבערט זיך געטראָגן
מיטן חלף אין דער האַנט,
גרייטנדיק מיך פאַר דעם בראַנד.

אַברהם: זון, ניט אמת! ווייסט גאַנץ גוט,
אַז געווען ס׳איז נאָר אַ שפּיל.

יצחק: אָבער ס׳טראָגט דערפון מיט בלוט,
און דאָס בלוט איז מײַנס, איך פיל...

אַברהם: זון, ס׳איז איצט שוין סײַ ווי סײַ
אַלצדינג, ווי דער רויך, פאַרבײַ.

יצחק: פאַטער, ניין! עס נאַגט נאָך, נאַגט...
ס'האָט דײַן בליק דאָרט אויסגעזאָגט,
אַז די שפּיל גייט זיך דיר שווער,
אַז דיך שמאַרצט דײַן יעדער קער.
דאָך, הגם ס'קומט שווער דיר אָן,
גרייט ביסט שווידערלעכס צו טאָן...

אַברהם: זון, גענוג דיר! מי זיך שלאָפן!

יצחק: אָ, ווי דו ביסט אומגעלאָפן
ביז דו ביסט געבליבן שטיין,
ווי אויך דו וואָלסט זײַן פון שטיין...

— — — — — — — — — — — — !—

יאָ, דו ביסט געווען פון שטיין...

אַברהם: יצחקל, זאָל זײַן גענוג!
כ'ווייס, מײַן נאַרעלע, ביסט קלוג,
און דו זעסט אַליין אויך אײַן,
אַז דיך פּײַניקט פאַלשע שײַן.

יצחק: פאַטער, זאָג מיר, ווי קען זײַן
קלאָרע שײַן אַ פאַלשע שײַן?
און פאַר וואָס בכלל דאַרף זײַן
אויף דער וועלט אַ פאַלשע שײַן?

אַברהם: דאַרפסט פאַרשטיין דאָך, אויב גאָט וויל
מיטן מענטש זיך טאָן אַ שפּיל,
דאַרף דער מענטש צופרידן זײַן,
אויך ווען עס פאַרשאַפט אים פּײַן.

יצחק: פאָטערל, פאַר וואָס פעלט מוט
זען אויך יענעמס בלוט, ווי בלוט?

אַברהם: קינד מײַנס, איך בין מער ניט יונג —
גיך ווערט מיד מײַן אַלטע צונג.
ריידן לאַנג קומט אָן מיר שווער,
לאָמיר רײַטן, שווײַגן מער.

יצחק: פאָטער, כ׳ווייס, דו האָסט מיך ליב.
אַזוי היים קושט מיך דײַן ליפּ,
דאָך צוגלײַך דו ליב האָסט גאָט —
רעדסט פון אים אויף יעדן טראָט.
איין געפיל פאַר צוויי איז קליין.
כ׳וויל, זאָלסט ליבן מיך אַליין!

אַברהם: זונעלע, האָסט מיך דערשראָקן.
ווי קענסטו אַזעלכעס זאָגן?
ווי ניט ליבן כ׳זאָל מײַן זון,
טאָר ניט ליידן גאָט דערפון.

יצחק: און ווען, פאָטערל, פאַרקערט:
וואָלסטו גאָטס באַפעל געהערט?
ווען ער זאָגט: „אַברם, מײַן קנעכט,
דײַן בן־יחיד בינד און שעכט״?

אַברהם: זונעניו, וואָס פֿאַלט דיר אײַן?
ווי קען גאָר אַזעלכעס זײַן?

יצחק: אָבער, פֿאָטער, אין דער שפּיל
האָסטו דאָך אַזוינס געטאָן.
בלוט און אָטעם ווערן ווילד,
ווען איך זיך דערין דערמאָן.

אַברהם: זונעניו, פֿאַרגעס, פֿאַרגעס!
ס׳איז אַוועק שוין אַ מעת־לעת
זינט דער קרבן איז באַוויליקט.
כ׳האָב מײַן חוב צו גאָט געסילוקט
און מיר רײַטן איצט אַהיים
אָנהייבן אַ נײַ פֿריש לעבן.
פֿאַר דײַן ליגן אויפֿן שטיין
וועט דיר גאָט פֿיל גוטס נאָך געבן.

יצחק: פֿאָטערל, ווי קען זײַן גוט?
דו זאָגסט: גאָט, און איך זע: בלוט! ...

ווילנע, 7 ־ 17 פֿעברואַר 1969

# שאָול

## אַרײַנפֿיר

נאָך טעג פֿון גרויסקייט, מלכות און פֿון פֿרייד
עס קומט אַ צײַט ווען, ווי אַ שייד,

עס טוען זיך אַראָפּ פֿון דיר צופֿרידנקייט און גליק,
און ס'נעמט הצלחה גליטשן זיך צוריק,

און שלעפּט אַראָפּ מיט זיך אין תּהום
ניט בלויז דײַן נאָמען און דײַן טראָן,

נאָר אויך דײַן גאַנצקייט, קלאָרן זינען, רו,
און דו אַליין ווערסט דעמאָלט: דו, ניט־דו...

עס היילן ניט חרטה און דער צער,
ווען ס'ווערט דײַן אומגליק איבער דיר דער האַר.

האָסטו דעם כּלל פֿון אונדזער ערד פֿאַרשעמט,
איז דיר די רו אויף אייביק פֿרעמד.

שאָול:

איך בין נאָך הויך.
נאָך העכער אַלץ פון גאַנצן פאָלק עם זענען מײַנע אַקסלען,
און ס׳איז מײַן אַנטוועכיץ נאָך אַלץ דאָס רײַכסטע אינעם לאַנד.
דאָך אַזוי הויך כ׳בין אין מײַן יוגנט אויסגעוואַקסן,
און איצט וואַקסט נאָר דער רים אין מײַן פאַרשטאַנד...

די אייזעלעך האָט מען פון לאַנג, פון לאַנג שוין אָפּגעפונען.
געפונען זיי מען האָט אָבער אָן מיר.
פון מײַנע הענט איז גיך דאָס גליק אַרויסגערונען,
און איצטער נאָר זײַן ווידער־טעם איך שפּיר.

איך זיץ. מײַן שפּיז אין האַנט אַ גרייטע איז צו שטעכן,
נאָר ווען איך וואַרף זי, טרעפט זי, ניט ווו מען באַדאַרף.
און כ׳ווייס רק ניט, צי דודס האַרף געקומען איז מײַן שפּיז פאַרשוועכן,
צי גאָר מײַן שפּיז פאַרשוועכט די קלאַנגען פון זײַן האַרף?

איך פיל, ווי טונקעלער און טונקעלער עס ווערט מײַן נאָמען
און ווי מײַן קיניגרײַך פאַרלירט פון טאָג צו טאָג זײַן רום.
איך שטאַם טאַקע פון קלענסטן שבט — פון בנימין,
דערפאַר אָבער דאָך אויך — פון יעקבס ליבסטן זון...

איך זיץ. מײַן שפּיז אין האַנט אַ גרייטע איז צו שטעכן.
עס איז ראש־חודש הײַנט, נאָר פינצטער איז מײַן יום־טובדיקער טיש.

מיט וואָס, איך פרעג דיך, גאָט, איז בעסער ישי פון בית-לחם?
מיט וואָס איז גרעסער ער פון טאַטן מײַנעם — קיש?

אומשאָול:

מיט וואָס? מיט גאָרנישט, גאָרנישט, גאָרנישט!
ניט גרעסער! קלענער איז ער נאָך.
און אויב אַ צווייפל איצט מײַן אומרויִקע וואָר מישט,
קומט ישים זון געדײַען אויף מײַן בראָך.

מיך פאַר אַ מלך האָט געזאַלבט דער זעער;
אַזאַ באַשיידענעם גענומען מיך פון הינטער שאָף און רינד,
און איצטער ישים זון, איך זע: ער
קומט ניט, ווי איך אַ מאָל, אַ שטיל באַשיידן קינד.

ער קומט, דאָס ייִנגל מיט די רויטע בעקלעך,
מיט חוצפּה פון אַן אַלטן מאַן...
אין וואָרפן זשווירשטיינדלעך פון שלײַדער-שטעקלעך
איז איידלמוט נאָך ניט פאַראַן!

דערשטעכן אים — דאָס נעבעכדיקע הינטל פון יהודה,
וואָס בײַסט שוין פאַר עס האָט נאָך ציין!
און זאָלן אַלע טאָקע וויסן, ווו דאָ
עס איז דער מלך, הינטער וועלכן מען מוז גיין! ...

שאָול :

איך האָב די שפּיז מיט שאַרפסטן האָס אין אים געשלײַדערט,
האָט זי פאַרקערעוועט זיך אָן אַ זײַט און האָט פאַרפעלט.
מײַן פײַנד אַנטלאָפן איז — פון דער באַצאָלונג זיך דערווײַטערט,
און ס׳וועלן פון אים דורות פון געזאָלבטע קומען אויף דער וועלט.

מײַן אָרעם האָט געגרײַזט. די שפּיז האָט ניט אין ציל געטראָפן.
נאָר ניט אין האַנט און ניט אין שפּיז כ׳געפין די שולד.
די שולד זי שטעקט אין דער פאַרוועלקטקייט פון מײַן האָפן,
אין דער צעריסנקייט פון מײַן געפּײַניקטער געדולד.

איך פיל צו גוט דעם גורל־קלאַפּ, וואָס איז באַשערט מיר,
איך זע צו קלאָר די שוואַרצקייט פונעם קומענדיקן טאָג.
איך ווייס דאָס אָרט, וואָס אין מײַן פאָלק געהערט מיר,
די שאַנד, דורך וועלכער איך מײַן אומגליקלעכע שינאה טראָג.

ווען כ׳זיץ מיט זיך — מיט זיך אַליין און כ׳טראַכט וועגן מײַן גורל,
אין שעהען, ווען איך בין פון קינאה־ווייטיקן באַפרײַט,
כ׳ווייס דעמאָלט קלאָר, אַז ניט פאַר דעם בין איך געבוירן,
פאַר וואָס מען זאָלבט אין אונדזער צײַט.

ניט בלויז אַ מלך, נאָר אַפילו אויך דער נביא,
וואָס פון זײַן ליפּ עס קוואַלט דאָס הייליקע גאָטס וואָרט,
בשעת ער גייט בראש פון פאָלק, איז ער אַכזריותדיק, און — אָ, ווי
ער מיט זײַן האַנט דער הייליקער קען טייטן אויף אַן אָרט !

אַזוי געטאָן האָט שמואל מיט אגגן,
ווען ער צעשפּאָלטן האָט אים, ווי אַ שײַטל האָלץ.
און ווער וועט דען אויף שמואלן דערוועגן זיך צו זאָגן,
ער האָט געטייט ניט הייליק און ניט שטאָלץ? ...

### אומשאָול:

ניין, טייטן איז ניט הייליק! ניין, ניט הייליק! ...
אין טויט דעם הייליקסטן איז אויך פאַראַן אַ שאָטן פון אַ מאָרד.
און אויב געמוזט כ'האָב אויסראָטן עמלקס בייזן חלק,
האָב איך דאָס ביסל אומשולדיקע טייטן ניט געטאָרט.

איר פרעגט, פאַר וואָס געבראַכט אַ לעבעדיקן כ'האָב אגגן?
פאַר וואָס? — ווײַל אַ געפאַנגענער איז ניט אגג ער מער.
איך פרעג! און זאָל, ווער ס'האָט אַ האַרץ נאָך, פּרוּוון זאָגן,
אַז ס'איז ניט איבעריק אַן איבעריקע טרער!

צי דען זשע פּאַסט עס פאַרן פאָלק, וואָס פירט גאָטס אָרון —
דעם פאָלק, געטרײַען קנעכט פון גאָט-צבאות,
עס זאָל זײַן מלך לאָזן פירן זיך פון צאָרן,
און וווּ ער גייט, זאָל בלוט אים גיין פאָרויס? ...

### שאָול:

ס'האָט קיינער ניט געהייסן בלוט אומזיסט פאַרגיסן!
דאָס בלוט איז הייליק — ס'איז די פליסיקע געשטאַלט פון גאָט.

ניט שווערדנפאַך, ניט שפּיזנוואָרף און ניט אַ פײַלן־שיסן
דאַרף זײַן דער אָפּקלאַנג פון אַ מלכס טראַט.

דעם מלכס טראַט דאַרף טראָגן גוטס און ליבע;
עס דאַרף זײַן גאַנג פאַרשפּרייטן שלום אויף דער ערד.
דאָך אַלץ, וואָס ווערן קען פאַר ווידערשפּעניקונג אַ סיבה,
באַדאַרף ער אויסשנײַדן מיט אומרחמנותדיקסטער שווערד.

ס'האָט גאָט געזאָגט, און ס'איז גאָטס וואָרט דער כּלל פון אונדזערע
גערעכטע בלוטן:
„עמלק האָט געשטעלט זיך דיר אין וועג, געדענק וואָס ער האָט דיר
געטאָן!"
פאַראַן אַ צײַט, ווען נאָר דאָס בייז קען אָנגעווענדט ווערן צום גוטן,
פאַראַן אַ צײַט, ווען נאָר די שווערד דאַרף טאָן.

אַזאַ־אַ צײַט איז ווייטיקדיק, הגם זי אַ געבאָט איז.
אין אַזאַ צײַט מען טאָר ניט אויף צוויי שוועלן שטיין.
כּל־זמן דאָס שלעכטס איז נאָך ניט אויסגעראָטן,
איז יעדע גוטהאַרציקייט בייז אַליין.

ווער ס'וויל די וועלט פון נידערטרעכטיקייט באַפרײַען,
דער מוז דעם אמת ביטערן פאַרשטיין:
דערווײַל איז גילטיק „עין תחת עין",
דערווײַל איז יושרדיק „שן תחת שן"...

אומשאָול :

היט אָפּ מיך,גאָט, פון דײַנע מוזגעבאָטן,
פון דײַנע אמתן, צום לעבן צוגעפּאַסט !
אין זייער נאָמען ווערט דײַן הייליקייט געטראָטן,
אין זייער נוציקייט דאָס בייז ליגט אײַנגעפּאַסט.

איך האָס אים, איך פֿאַראַכט דעם מוצלחדיקן, מוטיקן בן־ישי,
וואָס פירט פון אָנהייב ביזן סוף דורך זײַן באַגער.
ער קומט דעם אייל פון קאָפּ מײַנעם פאַרווישן,
כּדי געזאַלבט זאָל ווערן ער.

ניין, נידערטרעכטיקער, מײַן שפּיז איז נאָך אַ שאַרפע.
איך בין נאָך ניט צעדריקט געוואָרן פון מײַן פּײַן.
וואָס ברינצלסטו, אַ פרעכער, אויף דער האַרפּע ?
נאַ ! ... זאָל מײַן שפּיז אין האַרצן דיר אַרײַן ! ...

— — — — — — — — — — — — — —

פאַרפעלט ? אָ, גאָט, ער ווידער איז אַנטלאָפן ?...
די שפּיז, זי שטעקט ביז צו איר העלפט אין וואַנט...
פאַרשאָלטן זאָל איך ווערן, וואָס מײַן האָפן
כּסדר אָפּגענאַרט ווערט פון דער קרומקייט פון מײַן האַנט !

איך וועל מײַן לאַנד פון עק ביז עק דורכשפּאַנען
און נאָכיאָגן דעם חוצפּהדיקן יונג.

איך וועל ניט רוען און ניט לאַגערן ביז וואַנען
מײַן שפּיז וועט אויף די ריפּן זײַנע טאָן אַ קלונג,

און בלוט וועט נעמען שפּאַרן, שפּרודלען, קוואַלן
און אָפּלעשן מײַן אָפּגענאַרטע דאָרשטנדיקע שפּיז.
פון מײַן האַנט וועסטו, הינטישער בן־ישי, פאַלן,
כּל־זמן נאָך די מלוכה מײַנע איז!

איך בין אַ גוטער, מיינסטו? כ׳בין אַ גוטער, כ׳וועל ניט שטעכן,
און בלוט איז טאַקע מיר אַזוי־אַ פרעמד?
ניין, ס׳וועט ניט אויפשײַנען דער שטערן פון בית־לחם,
כּדי בנימין ווערן זאָל פאַרשעמט!

איך וועל דיך, ווידערשפּעניקער און גרינג־געשעצטער, כאַפּן.
דײַן לעבן ווערן וועט מײַן שענסטער קיניגלעכער רויב.
דײַן בלוט וועל איך אין מײַנע זילבערקרוגן צאַפּן,
און ס׳וועט דײַן אינגעווייד זיך וואַלגערן אין שטויב!...

**שאָול:**

ניין, צאָרן קען ניט, קען ניט קילן ווונדן,
די קינאה און באַליידיקטקייט פאַרמאָגן קיין מאָל ניט קיין קלאָרן זין.
און כאָטש מײַן רום ווערט צוליב דודן פאַרשוווּנדן,
די שולד אין זיך, און ניט אין אים כ׳געפין.

ווײַל, ווען ניט ער, אַן אַנדערער וואָלט זיך געפונען.
די שולד שטעקט ניט אין אים, נאָר אין מײַן שוואַכן מוט.
אויב ס'איז דער אייל פון קאָפּ מײַנעם אַראָפּגערונען,
וועט מיר ניט העלפן, וואָס ס'וועט רינען דודס בלוט.

איך וועל אַלץ איינס דער מלך ניט פאַרבלײַבן.
מײַן הערשאַפט וועט, ווי עלי, ברעכן איר געניק.
עס מוז צעריבן ווערן דער, וואָס האָט קיין מוט ניט צו צערײַבן
דעם שונא, וואָס פאַרמעסט זיך אויף זײַן גליק.

## אומשאָול:

נו, בין איך ניט קיין הערשער, ניט קיין פאַסטעך,
אָבער אַ מענטשלעך און גוט האַרץ פאַרמאָג איך דאָך.
פאַר וואָס זשע פאַר מײַן מענטשלעכקייט מען האַסט מיך?
פאַר וואָס מוז אַזוי גרויליק זײַן מײַן בראָך?

פאַר וואָס מוז איך אַוועק פון דער מלוכה
ניט ווי אַן אַנגעזעענער בכבודיקער מאַן?
פאַר וואָס טראָגן זיך אום איבער ישראל שפּרוכן,
אַז ס'איז אַ **בעסערער** פון מיר פאַראַן?

איך פרעג, איך פרעג, און זאָל מען מיר מײַן חטא דערציילן!
צי דען אַ מענטשלעך האַרץ פאַרמאָגן איז אַ זינד?
פאַר וואָס קומט מיר אַראָפּווישן פון קאָפּ די איילן
און זיי אַרויפטאָן אויף אַ חוצפּהדיקן קינד?

**שאָול:**

פֿאַר וואָס? ווײַל איך בין ווערט. פֿאַרדינט האָב איך די חרפּה.
ווער ס'איז ניט פֿעיִק צו פֿאַראַכטן, זיך אַליין פֿאַראַכט.
דערפֿאַר מיך מאַטערן יסורים האַרבע,
דערפֿאַר דער מיטן טאָג פֿאַר מיר איז האַלבע נאַכט.

וואָס קומט אַרויס דערפֿון, וואָס כ'האָב געהאַט רחמנות אויף אַגגן,
וואָס קומט אַרויס דערפֿון, וואָס כ'האָב געמיינט, מײַן האַרץ איז גוט,
אויב שפּעטער צוליב דעם — פֿון בייזן גײַסט געטראָגן —
אַ גליק פֿאַר מיר ווערט צו פֿאַרגיסן **דודס** בלוט?

ווער ס'האָט דעם כּלל פֿון אונדזער וועלט געמיטן,
ווער ס'מיינט, אַז מוזן מענטשלעכע אים זענען פֿרעמד,
דער ווערט אויף אונדזער ערד פֿאַרמיאוסט, און לסוף — **פֿאַרשניטן**
מיט גײַסט צעריסענעם, פֿון אַלעמען פֿאַרשעמט...

ווילנע, יולי 1945

# מענגעלע לויפט...

דער בונקער ביינערנער,
ווו ס'ליגט פארשטעקט דיין בייזגיריקער מארך,
באצויגן איז מיט פלייש און הויט
און מיט אן אומשולדיקער מינע.
דו שלעפסט זיך אום איבער דער וועלט
און ווענדסט די אויגן אפ אלץ אן א זייט,
עס זאל א זוכנדיקער בליק
דורך זיי אין מארך צו דיר אריינדרינגען ניט קענען...
וואס טוסטו דא אין הינטערהויף? באהאלטסט זיך אויס?
האסט אנגעטראפן עמעצן אן ענלעכן צו די,
וואס האבן צוגעזען דיין „ארבעט"?
אומזיסט דיין שרעק. ער האט דיך ניט דערקענט.
ער איז גאר ד א ר ט ן ניט געווען.
אזעלכע ענלעכקייטן טרעפן אפט.
דאס איז די ענלעכקייט פון לייטישקייט אויף מענטשלעכע
גערזיכטער.

☆

כאפ אויף זיך, מענגעלע, —
שוין צייט, עס זאל דיך נעמען פייניקן די שרעק.
מיינסט זיך באגיין אן שלאפלאזיקייט היינט?
עס איז די נאכט נאך גרויס,

דו ווערסט ניט יוצא זײַן מיט מאַטערן זיך נאָר אין חלום...

יאָ, מענגעלע, אַ וויסטן חלום האָסטו געזען:
דײַן סקאַלפּל האָט געטאַנצט אין פּנים דיר —
פֿאַרמאָסטן זיך דיר דורכשנײַדן אַן אויג.
און דו האָסט זיך געוואָרפֿן, זיך געווערט,
געיאָמערט און געבעטן זיך: „כאָטש א י י ן אויג לאָזט! —
כאָטש א י י ן אויג בלײַבן זאָל ניט אויסגערונען!״
דו האָסט געשריִען, האָסט געריטשעט, האָסט געקלאָגט,
און עמעצער האָט אַזוי אומהיימלעך געלאַכט...
עס איז געווען אַ חלום נאָר,
עס האָט די אויגן דײַנע ניט געשאַט —
פֿאַרשוווּנדן איז דער מערדערישער סקאַלפּל...
וואָלט, מענגעלע, געקענט דאָך זײַן שוין גוט,
אַ ווײַלע נאָך — און ס׳וואָלט געטומען צערטלען דיך די רו,
דערהערט זיך אָבער אויף דער גאַס אַ טראָט,
און ס׳שפּרינגט די שרעק אַרויף צו דיר אויפֿן געלעגער...

**די שרעק:**

וואָס ציטערסטו אַזוי? דאָס טוליע א י ך זיך דאָך צו דיר!
דערקענסט מיך ניט? איך בין מיט דיר דאָך שוין אַזוי פיל צײַט.
זינט זיי האָבן גענומען זוכן דיך, איך טרעט פֿון דיר ניט אָפּ...

**די פֿאַרחלשטע טרייסט:**

די נאַכט באַוואַכט, דער חושך שיצט.

דערשטיק דעם צודרינגלעכן חשד, דײַן גאַנצע אויפמערקזאַמקייט שענק
דעם גאַנג געמאָסטענעם פון זייגער, וועסטו געבענטשט ווערן מיט שלאָף.

**מענגעלע:**

ביסט פאַלש! ס׳איז ניט דער זייגער גאָר.
דאָס פויקן טריט — מען גייט אַהער!
איך ווייס, ס׳איז שוין די לעצטע רגע צו אַנטלויפן,
נאָר כ׳קען ניט רירן זיך פון אָרט;
געליימט זענען מײַן לײַב און מוט,
און ס׳איז ניטאָ, ווער עס זאָל העלפן...

**די שרעק:**

אַזוי איז גוט! פון יעדער אויסדוכטונג צערינען מוז דײַן רו,
אין יעדן שאָרך מוזסט הערן אַ געפאַר, אַניט ביסטו פאַרפאַלן...
אויב דו געדענקען קענסט עס אויך אין שלאָף, מעגסטו אַנטדרעמלט ווערן.

האָסט פאַרגעדענקט — דו דרעמלסט אײַן —
און איך, ווי שטענדיק, דרינג אַרײַן אין דיר, באַזעץ אין דיר זיך.

**דער קלאָרער זינען:**

ווו ס׳קומט די שרעק, די גאַנצקייט פּלאַצט —
דער איך צעפאַלט אויף זײַנע טיילן.

**געמיינהייט, חוצפה, רישעות:**

אָט זענען מיר!

**דער קלאָרער זינען:**

אָט איז ער נאָך, דער א י ך, פאַראַן
און אָט — צעשאָטן שוין, און זײַנע טיילן אים פאַרבײַטן.

**מענגעלע:**

א י ך!...

**געמיינהייט, חוצפה, רישעות:**

מ י ר!...

**מענגעלע:**

אַזאַ פאַרשאָלטענע, אַזאַ־אַ הייסע, שטיקנדיקע נאַכט,
און אַלץ איז דאָ ביז ווייטיק פרעמד.
אין פענצטער גליט דער דרום־קרייז, און ס׳בענקט זיך נאָכן
גרויסן בער*,
וואָס איך אין דײַטשלאַנד און אין פוילן ניט געוווסט האָב
ווי צו שעצן...

**די שרעק:**

ניטאָ קיין דײַטשלאַנד מער פאַר דיר!
קיין פוילן איז גאָר קיין מאָל ניט געווען!

---

*) דער דרום־קרייז, דער גרויסער בער — שטערן־גרופּעס.

**דאָס גרויסע פינצטערניש:**

שטיל איַין דיַין האַרץ!
איך דעק דיך איַין, וועט קיינער ניט געפינען דיך.
ניט נאָר ביַי נאַכט, ביַי טאָג איך דיך באַגלייט.
און מאַכט פאַרמאָג איך מער, ווי אַלע מיינען...

**חוצפה:**

געבענטשט זיַי, פינצטערניש!

**דאָס גרויסע פינצטערניש:**

אַ האַלבע וועלט אָפּט איך פאַרדעק.
די גאַנצע וועלט פאַרדעקן איז מיַין גלוסטונג.
איך דאַרף אַ מענטש, פון וועלכן אָנהייבן איך זאָל מיַין גאַנג.
נאָר זעלטן ווען כ׳געפין אַזאַ, וואָס זאָל פאַרמאָגן אַלץ,
וואָס נייטיק איז, געדיַיען זאָל מיַין הערשאַפט.

**געמיינהייט, חוצפה, רישעות:**

ע ר איז אַ ז אַ. שוין יאָרן מיר זענען מיט אים.
נאָך מער: מיר זענען ע ר, און ער איז מ י ר.
ער איז פונקט ד ע ר, וואָס דיר איז נייטיק!

**דאָס גרויסע פינצטערניש:**

איך דעק אים איַין —
כ׳באַהאַלט אים אוים פון אַ פרעמד אויג. ער איז מיר ליב.
עס טרעפט: יאָרטויזנטער איך זוך אַזאַ און קען אים ניט געפינען...

רישעות:

אַ דאַנק דיר, פינצטערניש, פאַר דײַן עקשנות און התמדה!

גמיינהייט:

אויב גינציקייט, — נאָר ביי דעם פינצטערניש זי זוך.

חוצפה:

דאָס גרויסע פינצטערניש נאָר צײַטווײַליק איז, ווי די העלקייט.
עס איז געבאָרן פריִער פון דער שײַן
און אויך איר יורש וועט עס בלײַבן.

מענגעלע:

פאַר וואָס זשע לאָזט עס אַזוי אָפּט
דער בייזער ליכטיקייט מיך רודפן?
פאַר וואָס דערלאָזט עס, איך זאָל אומלויפן,
ווי איינער, וואָס אַרײַנגעפאַלן איז
אין שטראַלנסנאָפּ פון פײַנדס פּראָזשעקטאָר?

די שרעק:

ניט פרעג! פאַרליר ניט צײַט אויף ווארטן אויף אַן ענטפער.
דו דאַרפסט ניט פרעגן. היטן זיך דו דאַרפסט!
פאַרטײַען זיך, ווי ס'טוט אַ זשוקל אינעם פעלד.
ששש! ... ששש! ...

**שטילקייט:**

— — — — — — — — — — — — — —

**רישעות:**

אײַנגעשלאָפֿן, זאָל ער שלאָפֿן.
איך פֿאַרבלײַב בײַ זײַן צוקאָפּנס.

**חוצפּה:**

איז ער וואַך, צי איז ער ניט וואַך,
דאָרט, וווּ ער איז, בין איך אויך.

**געמיינהייט:**

כ׳טרעט ניט אָפּ פֿון אים קיין רגע.
איך פֿאַרבײַט אים דאָס געוויסן.
אַזוי גוט איז אים מיט מיר...

**געמיינהייט, חוצפּה, רישעות:**

שלאָפֿט ער וווּ אונטער אַ דאַך,
צי באַהאַלט זיך אונטער סכך, תּמיד מיר — זײַן ערנוואַך.
מיר בײַ טאָג זענען מיט אים, מיר בײַ נאַכט זענען בײַ אים.
פֿיר פֿאַרמאָגט ער, פֿיר מיר זענען. מיר — אָרום, די שרעק —
**אין אים.**

**מענגעלע :**

צעבײַלט, צעקאַטעוועט — מײַן לעבן, מײַן קראַנקער זינען בלוטיקט.
פון אַלצדינג, וואָס איך האָב פאַרלוירן,
דער גרעסטער אָנווער איז מײַן רו.

**חוצפה :**

ריכטיק לעבן לערנט מען זיך אויס נאָר בײַ די חיות!

**רישעות :**

בלוט אין גוף, צי גוף אין בלוט —
איז דער אונטערשייד נאָר אין די ערטער...

**געמיינהייט :**

אין נאָמען פון דײַן פאָלק מעג ווילדעווען דײַן בלוט.
אין נאָמען פון דײַן בלוט איז יענעמס בלוט רויט וואַסער.

**די פאַרחלשטע טרייסט :**

ווי גוט איז דיר, וואָס דו באַשטייסט
פון דרײַ אַזעלכע שטאַרקוויליקע טײלן!

**די שרעק :**

פאַראַן איז אָבער אַזאַ צײַט, ווען ס'העלפן ניט
אַפילו אויך געמיינהייט, חוצפה, רישעות!
פאַראַן איז אַזאַ אומזיניקע צײַט...

**דער קלאָרער זינען:**

שפּאָטסט, געמיינער גורל! ס׳חוזקט אזא צופאַל!
שטעט, וואָס זענען שכנות (גינצבורג ליגט ביי אולם),
האָבן זין געגעבן — שווידערלעכסטע סתירה:
איינשטיין קומט פון אולם, מענגעלע — פון גינצבורג.
איינער — שפּיץ פון תקופה, צווייטער — תקופהס אָפּגרונט...

**די שרעק:**

מענגעלע, דערמאָנסט זיך גינצבורג?

**מענגעלע:**

יאָ, ס׳איז מיין געבוירנשטאָט.

**די שרעק:**

ניין, ניט זי. אַן אַנדער גיצבורג.

**מענגעלע:**

כ׳ווייס קיין אַנדער גינצבורג ניט!

**די טענהנדיקע שטים:**

מענגעלע, מענגעלע, ווו איז מיין יינגעלע?! ...

**מענגעלע:**

ווידער שוין? וואָס זאָל איך טאָן?
וווהין זאָל איך אַהינטאָן זיך?

**די שרעק:**

ניט פרעג! אַ פראַגע איז פאַרלוירנקייט,
און דער, וואָס ווערט פאַרפאָלגט, באַזיצן שטענדיק מוז נאָר
ענטפערס.

**דער וועלטס זכרון:**

גינצבורג איז אַ שטעטל. דו ביסט דאָרט געבאָרן.
וויפל, וויפל גינצבורגס האָסטו אומגעבראַכט?...

**די טענהנדיקע שטים:**

מענגעלע, מענגעלע, ווו איז מײַן יינגעלע?

**מענגעלע:**

צו וואָס האָב איך עס גאָר געדאַרפט?

**חרטה:**

אָט בין איך דאָ!

**געמיינהייט:**

רין אוים! ווי קומט מען עס אויף צופעליקע ווערטער?
דו ווייסט דאָך גוט, אַז דו צו שוואַכלינגען געהערסט
און ניט צו די, וואָס קומען איבערקנעטן וועלטן.
זאָלסט שוין אַוועק! ניטאָ איז לעבן מיר פאר דיר קיין אָרט!
ביסט דאָך די זעלביקע, וואָס איך.
חרטה איז דאָך אָפט נאָר אַ פאַרכליפעטע געמיינהייט...

**חרטה:**

וואָס טרײַבסטו מיך?
דו ווייסט דאָך, אַז כ׳בין ניט אויף לאַנג.
אַ רגע נאָך — און איך פֿאַרשווינד.

**מענגעלע:**

וווּ טוט מען זיך אַהין?
פֿאַר וואָס זענען אַזוי נקמהגיריק די קרבנות?..

**דאָס גרויסע פֿינצטערניש:**

ניט זוך זיך צער! פֿאַרבײַ איז די געפֿאַר.
כ׳האָב דיך פֿאַרשטעלט און אויסגעהיט. איצט איז דאָ ווידער רו.

**די שרעק:**

גלייב ניט דער רו!
ניטאָ איז אויף דער וועלט נ אָ ך אַזאַ זאַך,
וואָס, ווי די רו, זאָל פֿאַלש זײַן...

**מענגעלע:**

איך גלייב איר ניט. כ׳גלייב ק י י נ ע ם נ י ט —
כ׳גלייב קיינעם ניט און גאָרנישט!
דערפֿאַר דאָך שלאָף איך ווידער הײַנט אין שײַער.
איך — שטאָטמענטש, איך — אינטעליגענט,
איך — מעדיקער, איך — פֿילאָסאָף,
איך — דײַטש און צוויי מאָל דאָקטאָר,

מוז וואַלגערן זיך עלנט אין אַ שטאַל,
פּונקט ווי דער לעצטער פּאַראַגווייַער פּאַסטעך...

**די שרעק:**

זייַ שטיל! עס גייט עמעץ אַהער...

**מענגעלע:**

עמעץ? וואָס איז דאָס פאַר אַן אומגליק אַט דער „עמעץ"?
מיליאָנען-פּנימדיק ער שלעפּט זיך אום איבער דער וועלט.
כ'וויל שרעקן זיך פאַר אַ פ א ר ש ו י ן —
פאַר ד ע ם פאַר י ע נ ע ם, פאַר אַ דריטן, צענטן...
פאַר ע מ ע צ ן זיך שרעקן קען ניט קלעקן מוט!
אַזוי פיל יאָרן שוין כ'אַנטלויף פון אַ פאַרפאָלגער אָן אַ פּנים.

**ציניזם:**

לויף ניט מענגעלע! ניט לויף!
פּאַראַגווייַער שווארצביר זויף!
יושר יאָגט זיך נאָך נאָך דיר?
האָב ניט מורא, זויף דייַן ביר...
ווער ט'דיך כאַפּן? ווער ק ע ן כאַפּן!
ס'לעבן שיראַך, שאַכט, פּאָן פּאַפּען.
עס אַנטהילן זייער פּנים
רוצחים, קוילערס און תלינים.
לויף ניט, מענגעלע! ניט לויף!
מענטשהייט צאָלט נאָך ניט איר חוב...

**געמיינהייט:**

ווער ס'האָט בלוט אַ מאָל געצאָלט, איז ניט פּעיִק שטראָף צו צאָלן...

**דער טייוול:**

מען רופט דיך „אַשווענצימער טײַוול"; דײַנע מעשים פאַלן אויף
מײַן קאָפּ.
צוגעגנבעט האָסט מײַן נאָמען, גיב אים אָפּ!
ס'פירט דער טײַוול אין גיהנום, פירט ער דאָך דורך זיסע זינד.
וועלכער שד אָבער וואָלט קענען פּײַניקן אַ פּיצל קינד?
גוואַלד, מען רופט דיך מיט מײַן נאָמען — מען פאַרשוועכט מיך!
לייקן אָפּ —
שרײַ, אַז דו ביסט ניט קיין טײַוול, נעם פון מיר דעם פלעק אַראָפּ!
וואָס כ'דערוועג זיך ניט צו טרוימען, איז בײַ דיר געווען שוין וואָר...
שרײַ אַז דו ביסט ניט קיין טײַוול. שרײַ, צו אַל די העלע יאָר!

**מענגעלע:**

אָ, ווען איך זאָל קענען שרײַען, ווען איך זאָל מעגן שרײַען!..

**דער קלאָרער זינען:**

אָ, גלידער מענטשלעכע — אין פאָרמאַלין געבאָדענע געוועבן, —
פאַר וועמען האָט איר סודות אײַערע אַנטפּלעקט?
ניטאָ קיין מער פאַרדאָרבענער און נידעריקער אינסטרומענט,
ווי אין אַ גזלנס האַנט אַרײַנגעפאַלענער לאַנצעט!
געשענדטע ליגן ערליך, קאָך און פאַוולאָוו,
געקומען מענגעלע איז היפּאָקראַטעסן פאַרבײַטן...
צוויי דיפּלאָמען און אַ פינצטערע קלאַסקישע נשמה!

**דער ווינט:**

שפּעט... שפּעט... שפּעט...
די לבנה — אַ לאַנצעט —
ס'לעצטע שטיקל שלאָף צעשניידט.
רו איז פרעמד... היים איז וויַט...
מעדיקער און פילאָסאָף,
ווי אַ הונט גייט נאָך די שטראָף...

**דער ווינט און מענגעלע:**

אין אַ פרעמדן וויַיטן לאַנד —
אָן אַ נאָמען, היים און שטאַנד,
אָט — אין פּאַלאַץ, אָט — אין שטאַל.
הורנוועלט !... קאַפּאַקאַל !..

**דער ווינט און דער טיַיוול:**

האַלט זיך, מענגעלע ! ניט קלאָג !
רויִק מאַטערניש פאַרטראָג.
נעם ניט פּיַין פאַר אומגוט אָן,
האַר פון סקאַלפּל און ציקלאָן !..

**דער קלאָרער זינען:**

ליג, מענגעלע ! ליג שטיל, האַלט איַין דיַין אָטעם,
ווען דו דערזען זיך אין כאַלאַט איבער אַ קינד אָראָפּגעבויגן.
ס'ווייסט יעדערער : אַ מענטש איבער אַ קינד
איז מוטערלעכע אָדער פאָטערלעכע ליבשאַפט.
און מענגעלע איבער אַ קינד איז וואָס ?
אַוועק ! אַוועק, פאַרשאָלטענער אכזריותדיקער ענטפער !

**געמיינהייט:**

טרײַב ניט דעם ענטפער, טרײַב די פראַגע!

**דער וועלטס זכּרון:**

דערמאָנסט זיך, מענגעלע, אַזאַ־אַ טאָג אין אוישוויץ?
געפאַלן איז אַ קלעפּיקער געדיכטער שניי.
געאַרבעט האָסטו, ווי געוויינלעך:
געשפּריצט פענאָל, געריסן מיטן סקאַלפּל —
געזוכט אין קליינע גופֿלעך אַ גרויסע צוקונפֿט פֿאַר דײַן פֿאָלק...
און פּלוצעם צווישן אַלע קינדער
(דו האָסט פֿאַרענדיקט שוין דעם צווייטן צענדלינג.
עס האָט אין יענעם טאָג אַזוי געשמאַק זיך דיר „געאַרבעט"...)
אַ מיידעלע אַ בלאָנדס, אַ ליבס — פּונקט ווי דײַן טעכטערל ברונהילדע...
פֿאַרקלעמט געוואָרן איז דער שפּריץ בײַ דיר אין האַנט,
אַראָפּגעלאָזט האָט זיך דײַן אָרעם;
אַ ביסל נאָך — און ס'וואָלט געקענט געשען,
זאָלסט עס אַ כאַפּ טאָן, צוציִען צו זיך און נעמען צערטלען...
דו האָסט אָבער זיך באַלד באַצוווּנגען —
אַ פֿלינקן שפּרונג געטאָן, ווי וואָלסט אַרויסגעריסן זיך פֿון זיך אַליין,
און מיט אַ שטיינערנער אַכזריותדיקער האַנט אַראָפּגעלאָזט דרײַ קלעפּ,
אַז בלוט אַראָפּגעוואַשן האָט די ענלעכקייט פֿון פּנים...
„פֿירט עס אַרויס!... נעמט עס אַוועק פֿון מיר!"
געקריטשעט האָט דײַן צאָרן...

**מענגעלע:**

כ׳דערמאָן זיך. יאָ, כ׳געדענק. געהאַט אין גאַנצן שוין פאַרגעסן...

**די שרעק:**

געדענקען איז אָבער נאָך קנאַפּ. באַהאַלטן זיך מען דאַרף!
דו הערסט די טריט? דאָס גייט אַהער איצט זי —
די פרעכע פעלשונג פון ברונהילדען.
זי זוכט דיך דאָך שוין צוואַנציק יאָר.

**מענגעלע:**

איז וואָס דערפון, וואָס זי מיך זוכט?
זי קען געפינען מיך, צי קען זי אָבער מיך דערקענען,
אַז ס׳האָט אַ מעסער אומגעשטאַלטיקט מײַן געזיכט?
דערצו נאָך בין איך אַלט און אָנגעוואָרן כ׳האָב די מונטערקייט,
לויט וועלכער אַלע פלעגן מיך דערקענען.

**די שרעק:**

דו הערסט די טריט? זיי זענען א י ר ע.
אַנטלויף! זי וועט דערקענען דיך. נקמה האָט אַ שאַרפע ראיה!

**דער קלאָרער זינען:**

עס קרעכצעט די אַקס פון דער ערד, עס חלשן פליִענדיק פייגל —
עמעץ דײַן נאָמען דערמאָנט.
אַ צווייטער האָט ערגעץ דערזען הענגען דײַן ווײַסן כאַלאַט,
האָט ער זיך צעשמעטערט דעם קאָפּ, ער זאָל ניט אַראָפּ
פונעם זינען...

**די טענהנדיקע שטים:**

מענגעלע, מענגעלע, ווו איז מײַן מענדעלע?..

**דער קלאָרער זינען:**

דראַפּעסט זיך, מענגעלע, איבער אַמעריקעס מערידיאַנען —
בלוטיקער קאַטער לויפט איבער שטאַכעטן פון צוים.
דײַן גוף אויף דער פרײַ נאָך, דײַן נאָמען שוין אָבער געפאַנגען.
אויב ס'איז נאָך פאַראַן ווו אַן אויסוואָרף, וואָס וויל דיר פאַרגעבן,
שרײַט אוישוויצער אַש מיט דער וווּנדיקער שטים פון דער מאַמען:
„מענגעלע, מענגעלע, ווו איז מײַן מענדעלע? !..."

**דער ווינט:**

גיי, מענגעלע, גיי! גיי אַרום אויפן פליין,
ווו עס ליגן געשענדט אי דאָס לײַב, אי דער גײַסט,
שעפּ אַרויף אויף דײַן האַנט אַ קליין הײַפעלע אַש —
דאָס איז ער, דאָס איז ער, דאָס איז מענדעלע גינצבורג...
ער געווען איז דאַן אַלט נאָך ניט פולע פיר יאָר,
און געקוקט האָט אויף דיר מיט אַ רויִקן חשד.
ער באַטאַפּט האָט דײַן רינג און געגלעט דײַן כאַלאַט,
און ניט מורא געהאַט, ווי אַ קינד — פאַר אַ דאָקטער...
אין דער וועלט, ווו אַלץ וואַקסט, אויף דער ערד, ווו אַלץ בליט,
און ווו יעטווידער מענטש גאַרט אַ שאַפער צו זײַן,
שטיי, ניט ריר זיך פון אָרט, האַלט דאָס הײַפעלע אַש —
דאָס איז ער, דאָס איז ער, דאָס איז מענדעלע גינצבורג...

**דער קלאָרער זינען:**

לויפן, לויפן אויפן ערדקײַלעך די טעג.
הינטער יעדערן גייט נאָך אַ נאַכט,
און אַ וועלט, וואָס איז געוועקט אין שרעק,
האָט זיך וועגן זיך פאַרטראַכט:
ווו איז מענגעלע? פאַר וואָס
נעכטיקט ער נאָך אין אַ הויז,
טרינקט פריש וואַסער, טרעט אויף גראָז,
און די זון באַהאַלט אים אוים?
ווער האָט רעכט אים נ י ט געפינען,
שולדיק בלײַבן אים די שטראָף?
ווער גייט ניט אַראָפּ פון זינען,
ווען ער הערט בײַ נאַכט אין שלאָף:
„מענגעלע, מענגעלע, ווו איז מײַן ייִנגעלע? !..״

**גערעכטיקייט:**

עס פרעסט דיך, מענגעלע, די שרעק.
זי האָט געפאַקט דיך אין דײַן בעט
און מיט אַ בייזער גיריקייט
אין דיר די ציין אַרײַנגעשניטן.
עס פרעסט דיך, מענגעלע, עס פרעסט,
און ראַטעווען זיך — איז ניט שײַך,
די שווערסטע שרעק האָט גרינגע פיס.
ווי זאָלסט ניט לויפן, זי פאַרוים לויפט...

**נקמה:**

אַצינד דו ווייסט, וואָס הייסט: פאַרבאָטן ס'איז די טרייסט —
דו האָסט קיין רעכט ניט און קיין ווערט,
און ביסט אַ שטיפמענטש אויף דער ערד...
אָ, גיפטיקסטער פון אַלע סמנדיקע שוואָמען,
וואָס בלײַבט דען איבער פונעם מענטש, אויב ניט זײַן נאָמען?
האָבן גערעכטיקייט און מענטשלעכקייט באַפוילן:
דײַן נאָמען אייביק זײַן זאָל, — אייביק פוילן...

— — — — — — — — — — — — — —

**דער קלאָרער זינען:**

אין אוישוויץ איז נאַכט, און מענגעלעס שאָטן
זיך שפרייט אויפן אָרט, ווו ס'ליגט מענדעלעס אַש.
ער שוואַרץ איז און שווער איז. ווי שינדט מען אַראָפּ אים?
דער שאָטן, ער לעבט דאָך, ווי לאַנג ס'לעבט דער מענטש...
מענגעלע — קין, מענגעלע — פּרעה,
מענגעלע — המן, מענגעלע — מענגעלע!

**נקמה:**

יאָרן, מענגעלע, באַהאַלטסט זיך,
ניט דו לעבסט, נאָר היטסט דײַן לעבן.
קניפּסט צונויף געפּלאַצטן אָטעם,
און די שרעק אים ווידער רײַסט.
שלעפּסט דאָס ברודיקסטע געוויסן
און דעם שווידערלעכסטן נאָמען

איבער שטעט און איבער סטעפּעס —
ווי אַ טאָג און ווי אַ נאַכט.
אימה שפּאַרט פון דײַנע אויגן —
ווילסט אַנטלויפן. היטסט דײַן לעבן.
ווען ס׳איז דײַנס, איז דיר עס טײַער...
לעבן האָט אָבער איין פּרײַז.
צאָלן מוזסטו! אייביק צאָלן
און ניט אויסקויפן זיך קיין מאָל.
וויפל שטראָף זאָלסט ניט באַקומען,
וועט דיר אַלץ נאָך קומען שטראָף.

**דער וועלטס זכּרון:**

וואָלקנס, וואָלקנס פון די ימען,
זעט, איר זאָלט נאָר ניט פאַרזאַמען קומען אָפּנעצן דאָס אַש,
ס׳זאָל דער ווינט עס ניט צעבלאָזן, פון בזשעזשינקע ניט פאַרטראָגן!
כמאַרע, כמאַרע קום באַוויין גרויען שוידער: אַש — געביין...

— — — — — — — — — — — — — —

רויך, רויך, רויך...
רויך — דער קבר פון אַ דור!
רויך און אַש, און בלוט אַ פלאַש,
וואָס אויסגעצאַפּט האָט מענגעלע...
גזלן — דאָקטער, חיה — פילאָסאָף...

**מענטשלעכקייט:**

קיין מאָל האָב איך ניט געטראַכט,
אַז דאָס שילטן קען זײַן הייליק.

קיין מאָל האָב איך ניט געוווּסט,
אַז פאַרשילטן איז אַ היילונג.

זײַ פאַרשאָלטן, זײַ פאַרשאָלטן
זומער, ווינטער, טאָג און נאַכט!

זאָלן קומענדיקע דורות
ביזן סוף פון אַלע צײַטן
האַלטן פעסט דײַן וויסטן נאָמען
אין געדעכעניש בײַ זיך,
און דורך אַלע שענסטע טרוימען,
צווישן אַלע העלסטע ברכות
זאָל זיך קוילערן די קללה:

„זײַ פאַרשאָלטן, זײַ פאַרשאָלטן
זומער, ווינטער, טאָג און נאַכט!"

זאָלן אַלע שוואַרצע וואָלקנס,
אַלע ווײַסע זאַווערוכעס,
אַלע בלוטנדיקע שקיעות
צוטראַכטן פאַר דיר אַ פסק.
ווען מיר אים ס'גאַנצע לעבן
כּפלען, כּפלען, איבערכּפלען
און נאָך אָנזאָגן די קינדער:
„כּפלט ווײַטער, ס'איז צו קנאַפּ!"

זײַ פאַרשאָלטן, זײַ פאַרשאָלטן
זומער, ווינטער, טאָג און נאַכט!

ווינקל אײַן זיך אין אַ כמאַרע,
זאָל צעשטויסן דיך אַ דונער,
לאָז אין אַ ווולקאַן אַראָפּ זיך,
אין דער לאַווע ווער פאַרברענט,
קום צוריק אַרויס פון קראַטער,
עס זאָל דיך אַ בליץ פאַרקוילן,
כּל־זמן לעבן עס וועט פײַער,
ברענען זאָל רציחהס אַש!

זײַ פאַרשאָלטן, זײַ פאַרשאָלטן
זומער, ווינטער, טאָג און נאַכט!

זאָל אַזאַ, ווי דו, ניט זײַן מער!
זאָל דאָס בייז ניט זען די שײַן מער!
איידער נאָך עס וועט געבאָרן,
זאָל עס לעבן שוין ניט טאָרן,
זײַן זאָלן פאַר דער נבלה
אַלע טויערן צו שמאָלע!

זײַ פאַרשאָלטן, זײַ פאַרשאָלטן
זומער, ווינטער, טאָג און נאַכט!

— — — — — — — — — — — — — — —

„מענגעלע, מענגעלע, ווו איז מײַן ייִנגעלע?!..״

ווילנע, סוף 1964

# אינהאַלט

## צווישן די מילשטיינער פון קידער־ווידער


שפּערעלעך פון פייער ... 7
טענה ... 8
חורבן־קאַראַהאָד ... 9
ביי נאַכט ... 11
אַ בלאַט געשיכטע ... 12
אַ ווילדער וועטער היינט ... 14
פיר זענען אַריין אין פּרדס ... 17
קיץ, נעבעך... ... 20
מענטשלעכער נוסח ... 22
אַ נאַכט (איך האָב היינט פאַרחלומט מיין חלום) ... 23
לבנה־שווינדל ... 25
די אַלטע מיל ... 26
* (וויפל מאָל פאַרשטיי איך...) ... 27
האַרבסטשטימונג ... 28
וואַלד ... 30
דאַרוויניש ... 31
* (מעגלעך, אַז דער הימל איז נאָר אַ שטאָק אַ צווייטער) ... 33
ברויט ... 34
* (היינט דער חלום, לויפט פאָרויס) ... 35
* (און ווען מיין חלום זאָל זוכה זיין ווערן אַ וויזיע) ... 36
* (ווען דער גרויסער גלאָק ט׳געקלונגען) ... 37
דאָס קאַלב ... 38
ליידער ... 39
* (זאָג, פון וואַנען שטאַמט דער ווייטיק) ... 40
אין וועג ביי נאַכט ... 41
* (אָ, ווי כיטרע ס׳פירן זיך די שאָטנס) ... 42
מענטש (וואָגלסטו אום צווישן חיה און גאָט) ... 43
איינזאַמקייט ... 44
שטאָך ... 45
עגאָיזם ... 46
געל קאַנאַריקל ... 47

צו די אומזיסט־האַסערס . . . 48
מעלאַנכאָלישע סערענאַדע . . . 49
דער פּעסימיסט . . . 51
דער שוואַרצזעער . . . 52
דער דערנידעריקטער . . . 54
דער זקן . . . 55
צום איבערגעבליבענעם . . . 56
צום אויסגעשפּילטן . . . 57
צו אַ פאַרייִאושטן . . . 58

## ניט־פאַראַנען־לאַנד

מענטש (האָט זיך מיר פאַרגלוסט אָפּקויפן דעם בוים) . . . 59
מיין באַלד שוין פאַרלאָשענער אומעט . . . 60
דער אַלטער באַרנבוים . . . 62
אַנטקעגן גרויסן בער . . . 63
האָב איך געוואָגלט, געוואָגלט . . . 64
נאַטורמאָרט . . . 66
ניגונדל־ליגנדל . . . 67
שטערן אין ברונעם . . . 68
געטער . . . 69
מויערן . . . 70
פיבער . . . 71
שיכרות . . . 72
ניט־פאַראַנען־לאַנד . . . 73
דאָס רעטונגשיפל . . . 75
שלאָפלאָזע נאַכט . . . 76
צום טומאַן . . . 77
חורבן (אַ ברוינע טויב) . . . 79
דאָס גוטע שפּערעלע . . . 80
* (גרינג איז דיר צו ציילן טרערן) . . . 81
* (ביי דער חרובער ווינטמיל) . . . 82
שאַגאַל . . . 83
אַזאַ . . . 84
וואַלד־חלום . . . 85
מיר, די וואַנדערערס די בלייכע... . . . 86
גרויסקייט... (אָפּט מיט קינאה קוקסט) . . . 87
יושר . . . 88

דעטערמיניזם . . . . . . . . . . . . . . 89
די אָנהייבערס . . . . . . . . . . . . . 90
דער פידל (סאַראַ ווונדערלעך געוויין) . . . . . . . . 91
דער פידל (מעגלעך, ווייל עס גיט דער פידל) . . . . . . 92
די פּלייט . . . . . . . . . . . . . . . 93
די טאַצן . . . . . . . . . . . . . . . 94
די פּויק . . . . . . . . . . . . . . . 96

## נשמה־יתירה

ב׳וויל... . . . . . . . . . . . . . . 98
פרייד (אַ העלער פלעדערוויש) . . . . . . . . . . 99
ס׳האָט אַ שיין געטאָן די זון... . . . . . . . . . 100
יוגנט (דער העלער רייטער) . . . . . . . . . . 101
גשמה־יתירה . . . . . . . . . . . . . . 102
צום אָפטן גוטן חלום . . . . . . . . . . . 103
פּונקט אַזוי... . . . . . . . . . . . . . 105
טרויעריקע טרוימערס . . . . . . . . . . . . 106
אונטערן בוים . . . . . . . . . . . . . . 108
גולם . . . . . . . . . . . . . . . . 110
ל״ו . . . . . . . . . . . . . . . . 112
חסידיש . . . . . . . . . . . . . . . 114
ניט־פויגלדיקער דיאַלאָג . . . . . . . . . . . 116
געבעט . . . . . . . . . . . . . . . . 118
עיקר . . . . . . . . . . . . . . . . 119
דערקענטעניש . . . . . . . . . . . . . . 120
יוגנט (און דאָס פאַרגעסן איז געשען שוין אַזוי לאַנג) . . . . . 121
* (וואָלט איך דיך געטראָפן אין יענעם עלטער) . . . . . . 122
* (דאָס סאַמע ריינע גליק) . . . . . . . . . . 123
אַ דערוואַקסן קינדערליד . . . . . . . . . . . 124
אַ ניגונדל פון גינגאָלד... . . . . . . . . . . 125
האַרבסטנאַכט (קיין טעות ניט) . . . . . . . . . 126
די בייזע וועכטערס . . . . . . . . . . . . 127
אייגנס . . . . . . . . . . . . . . . . 129
* (כ׳טייל זיך דאָך מיט דיר מיין לעצט ברעקעלע אמת) . 130
* (און ווען ס׳קומט אָן אַ שעה) . . . . . . . . . 131
* (כ׳וואָלט מיין ווייטיק אויסגעלאַכט) . . . . . . . . 132
צווישן מענטש און מענטש . . . . . . . . . . . 133
אויסקלאָרונג . . . . . . . . . . . . . . 134

* (מעגלעך, אַז דער סאָלאָוויי גאָר זידלט) . . . . . . . . 135
קץ . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 136

### אינעם גאָרטן פון מיין בענקשאַפט

פרילינגנאַכט (מיט אַ פליגל זיידענעם) . . . . . . . . 137
מיין נאָמען . . . . . . . . . . . . . . 138
* (עס איז ניט כּדאי) . . . . . . . . . . . 139
מיט אַ מאָל... . . . . . . . . . . . . . 140
קוק אַריין איך דורכן שייבל... . . . . . . . . . 141
עלעגיע . . . . . . . . . . . . . . . 143
אינעם גאָרטן פון מיין בענקשאַפט... . . . . . . . . 145
אינטערמעצאָ . . . . . . . . . . . . . 147
קריאת־שמע . . . . . . . . . . . . . . 149
ס׳האָט צו מיר דער ווינט געזאָגט... . . . . . . . . 150
קונקל־מונקל . . . . . . . . . . . . . 152
תשובה . . . . . . . . . . . . . . . 155
* (אמת, פינקלדיקער אמת) . . . . . . . . . . 157
אמת און ליגן . . . . . . . . . . . . . 159
איך וויל ניט... . . . . . . . . . . . . 161
ווינטיקע שקיעה . . . . . . . . . . . . 163
פרייד (האָב גענומען איך מיין פרייד) . . . . . . . . 164
* (כאָטש מיין חלום איז אַ ליגנער) . . . . . . . . . 165
* (גייט אַרום אַ רואה ואינו נראה) . . . . . . . . . 166
בענקשאַפט (וואָס זאָל איך דיר זאָגן פון דער ווייט) . . . . 167
* (אַוודאי מוז יעדער זיך ריכטן) . . . . . . . . . 168
* (אָ, דו בלוי׳ער בענקשאַפט־שלייער) . . . . . . . . 169
* (דער שוואַרצער מירמל־טורעם) . . . . . . . . . 170
* (מיר דוכט זיך, געזען כ׳האָב, ווי ס׳פלאַקערן שאָטנס) . . . 171
לעבט אַ פאָלק... . . . . . . . . . . . . 172
פרילינג 1945 . . . . . . . . . . . . . 173
דערמאָנונג (סע שמעקט מיט ראָשטשינע) . . . . . . . 174
אין קלעם (געדענקען ווילט זיך ניט) . . . . . . . . 175
* (ווען דאָס בליי פון ניט־צופרידנקייט) . . . . . . . 176
רעמיניסצענץ (עס לערנט דער ווינט זיך הײַנט וויינען) . . . 177
פאַרלעשונג (ברענט אַ ליכט אין מיין זכּרון) . . . . . . 178
אין זאַמאָשטש אויפן אַלטן מאַרק . . . . . . . . . 179

### מענטש בּיים באַרג

אייביקייט (שנעלט די אייביקייט) . . . . . . . . . 183

* (וואָס איז דער פעלדז?) 184
אין אַ וועלט פון אומזין 185
כּפּרות 186
אָ, וועכטער! 188
* (הוליעט דער ווינט און ער טרייסלט די קווייטן) 190
יוגנט (פרעג ניט) 191
המוציא לחם... 192
אויפן ברעג ים 193
מענטש ביים באַרג 194
צווייפל 195
וואָלט איך זיך פאַרגעבן קענען מיינע זינד... 196
צו זיך: 199
אַטאַוויזם 201
* (שטעלסט אַרויס דער וועלט דיין וווּנד) 203
באַגעגעניש 204
היצעל 206
* (און געוויס קומט דאָס בייז, ווי קראָפּעווע אויף) 207
* (ווען כ'קוק זיך אום מיט אויגן פול מיט צער) 209
פענטע 210
ביים כּלומרשטן גאָט 211
צום שטייענדיקן פאַרן צלם 213
מיין שאָטן 214
דער טייך 216
* (כאַפּ אַריין די זון אין שפּיגל) 218
משיח בן יוסף 219
צום אויסגעלאַכטן נביא 220
דער באַפרייער 221
די שפּין 222
לעבנס-חכמה... 223

**זאָל, קורץ ליד, זיין לאַנג דיין אָטעם!**

בן-אָדם 224
אויפגאַנג 224
חשבון-הנפש 225
חרטה 225
* (שוועבט אַרויף אַ פויגל) 226
בידנע שפּערעלעך... 226
זכּרון 227

* (האָב איך נאַרישלעך צעלאַכט זיך) . . . 227
* (כ׳ווייס, די נאַכט איז פול מיט גרייזן) . . . 228
* (זאָג מיר דעם ליגן, וואָס רעכט איז צו זאָגן) . . . 228
פענצטער . . . 229
* (ליכטיקע וועלט, דורכגעשטרייפטע מיט פינצטערע שאָטנס) . . . 229
צוריק... . . . 230
געוויסן . . . 230
* (דאַכט זיך, דאָך די נאַכט פּאַראייניקט) . . . 231
צום שפּיגל . . . 231
ליכט . . . 232
* (ווער דאַרף דעם שאָטן) . . . 232
* (כ׳באַדויער ניט) . . . 233
* (ווער מיר ניט אַ שותּף צו מיין ווייטיק) . . . 233
* (קענסט אַרומנעמען דעם פלי פון פויגל ?) . . . 234
* (אַ בוים, אַ קוסט, אַ גרעזעלע) . . . 234
* (רגע, וואָס דו ציסט זיך אַזש אַן אייביקייט) . . . 235
* (בענקעניש, דו ביסט ווי יי״ש) . . . 235
שולדגעפיל . . . 236
ווייטיקדיקער חשבון . . . 236
מיין אומעט . . . 237
פּרוידיש . . . 237
צום אויסגעשפּילטן פּאַנאַטיקער . . . 238
פונקען . . . 238
דער אַסקעט . . . 239
דער פּאַנאַטיקער . . . 239
זעמדעלע, זעמדעלע... . . . 240
רויך . . . 240
נאָך דער באַפרייונג . . . 241
פרילינג (אויף דער צווייג דערגייט אַ קנאָספּ) . . . 241
מענטש (ווער ווייסט מיך, צי אַזוי איך בענק ?) . . . 242
* (פאַר וואָס, זאָג, האָסטו זיך געשעמט) . . . 242
* (געפונען האָב איך אַן אַלט בילד פון מיר) . . . 243
בענקשאַפט (מעסטן וועל איך מיט אומגעדולד) . . . 243
קהלת . . . 244
אויף יענער זייט צוים . . . 244
* (כ׳שפּאַר אַריין אין פּערז אַ וועלט) . . . 245
* (עס טרעפט אַ מאָל, ס׳ווערט אַלץ דיר קלאָר) . . . 245

וועלט (וואַקסןביימער צוויי בשכנות) 246

* (פֿאַדעט ביי דעם קויש מיט קאַרפּן תּמעוואַטע אום אַ קאָטער) 246

פּראַגעס דריי 247

פּראָבלעם 247

ייִדישלעך 248

* (אייזערנע געדאַנקען) 248

ווייכקייט 249

שפּערעלעך (שפּרינגט אַ שפּערל) 249

מינאָר (אויף ליידיקע וועגן) 250

* (און ווען עס וואָלט באַשערט זיין צו דערזען די צייט) 250

* (כ׳שטעק ביז היינט־צו־טאָג נאָך אינעם הויז) 251

מעטאַמאָרפאָזע (האָב איך ניט קיין מוט צו זיין אַ פּחדן) 251

אין זאָאָלאָגישן גאָרטן 252

געפֿאַנגענשאַפט 252

* (טאַקע ווייל דיין האַרץ איז ליידיק) 253

צאָנווייטיק 253

קרעדאָ 254

* (אַלע מיינע שויבן) 254

אינדיווידוום 255

טראָפּנס 255

שולדיקייט 256

אומבאַוווּסטקייט 256

ייִדן 257

טרייסט (שעפּ אָן אַ קענדעלע הימל) 257

אויסגעשריי 258

האַרבסטליד (זוכסט נאָך אַלץ דעם וועג צו זיך) 258

די ליאַלקע 259

פֿליג 259

* (ווי נאָר ביז צום גרונט פֿאַרשטיין וועסט) 260

לעבנסקנופּ 260

* (דער גאַנג פֿון זיך צו זיך) 261

ווער ?.. 261

זשעני 262

צום נאַכטיגאַל 262

אין אָנבליק פֿון דער אייביקייט 263

פּונק 263

* (ווײ, די שאָטנס לאַכן פֿון דער זון) 264

זון און שטיין . . . . . . . . . . . . . . . 264
גליק . . . . . . . . . . . . . . . . . 265
פרייד (דרייט זיך אַרום זיך דאָס הינטל) . . . . . . . . 265
די עלטער... . . . . . . . . . . . . . . . . 266
* (צי מיינסטו דען, אַז דאָס פאַרגעסענע איז טאַקע שוין אַוועק?) 266
* (מיטן הונט דעם קרעציקן זיך דורכגערעדט אויף מאַמע־לשון) 267
פאַרגעבונג . . . . . . . . . . . . . . . 267
אַנטקעגן שפּיגל . . . . . . . . . . . . . 268
* (שפּיגל זיך ניט אין וויטרינעס) . . . . . . . . . 268
* (עפן מיר אויף דיין פאַרשלאָסענע טיר) . . . . . . . 269
אויסניכטערונג . . . . . . . . . . . . . . 269
טרערן . . . . . . . . . . . . . . . . 270
* (פאַלן טרערן — טריפט עס די נשמה) . . . . . . . . 270
אויגן . . . . . . . . . . . . . . . . . 271
* (ס'האָבן מיר פאַרטרויט דעם בוימס שושקענדיקע צווייגן) 271


## אין די פוסטריט פון חז״ל


* (קוק ניט אויפן קענדל) . . . . . . . . . . . . 272
* (ניט איך דאַרף און ניט איך וויל) . . . . . . . . 273
* (ווו איז דער גיבור, וואָס זיך ווערט באַזיגן?) . . . . 274
ווייטיקדיקער אויספיר . . . . . . . . . . . . 275
* (מישפּט ניט דיין פריינד) . . . . . . . . . . 276
אַל תדין! . . . . . . . . . . . . . . . . 277
* (ווער זשע, ווער זשע, אויב ניט איך) . . . . . . . . 278
אָפּשיי . . . . . . . . . . . . . . . . . 279
באַלאַדע . . . . . . . . . . . . . . . . 280


## פאָעמעס פונעם ציקל, „אַזוי איז געגאַנגען דער מענטש"


דער טורעם פון בבל . . . . . . . . . . . . 282
מולך . . . . . . . . . . . . . . . . . 299
אברהמס קרבן . . . . . . . . . . . . . . 308
נאָך דער עקדה . . . . . . . . . . . . . . 327
שאול . . . . . . . . . . . . . . . . . 345
מענגעלע לויפט . . . . . . . . . . . . . 355